STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09889

ANTISEMITIZM

Nahum Kishner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום קישנער

אנטיסעמיטיזם

אַנטשטייאונג און אנטוויקלונג

היסטאָריש אַנאַליטישער איבערבליק

ארויסגעגעבן פון זלמן קויפמאַן
ניו יאָרק, 1946

צום לייענער

וועגן אַנטיסעמיטיזם, ווי באַקאַנט, איז פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור. פיל דערקלערונגען און באַלייכטונגען זיינען בנוגע אַט־דער דערשיינונג געשאַפן און געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, אַלע מאָל ווען ער איז געוואָרן טעטיק מיט זיינע בלוטיקע אַטאַקעס אויף דעם אידישן קיבוץ.

ווי עס איז נאַטירלעך, און זעלבסט פאַרשטענדלעך, — איז איצט פיל שטאַרקער און גרעסער דער אינטערעס צו באַגרייפן דעם מהות און דעם כאַראַקטער פון אַנטיסעמיטיזם, נאָך דעם, ווען עס האָט זיך אים איינגעגעבן, מיט דעם אויפקום פונם נאַציזם־פאַשיזם, אויסצוראָטן אַ פול דריטל פונם גאַנצן וועלט אידנטום.

עס איז דעריבער וועגן דעם נויטיק זיך מער ווייניקער געניי באַקענען מיט דער געשיכטע פונם אַנטיסעמיטיזם, זיך דערגרונטעווען צו די הויפט סיבות, פאַרסירונגען און אומשטענדן, וואָס האָבן אים פאַראורזאַכט, פאַרמירט, קולטיווירט און באַשטימט צו שפּילן אַ טרויעריקע און שענדלעכע ראָלע אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט, פאַר פילע דורות.

אַט די אַלע פאַקטאָרן און באַדינגונגען זיינען דאָ, אין אַט דער אָפּהאַנדלונג, דעמאָנסטרירט און אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט דער מעגלעכסטער קלאָרקייט און דייטלעכקייט, אין אַ קורצער קאָנצענטרירטער פאָרם, אינם גייסט פון דער צייט און לויט דעם מאָדערנעם גאַנגראַרן, פּראָגרעסיוון געדאַנק.

איך האָף, אַז די דאָזיקע דערקלערונג וועט באַרעכטיקן איר באַשטימונג אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן.

מיט אַכטונג,

נ. ק.

געווידמעט :

צו מיין געטרייער
פרוי און חבר׳טע
א י ד א

און אידעאַלער טאָכטער
ש ר ה

דאַנקזאָגונג צו מיינע קאָזינס און פריינט
זלמן קויפמאַן און אברהם שטיבמאַן

מיין ליבער ז. קויפמאַן:

איך ווייס ניט ווי אַזוי אויסצודריקן מיין טיפע דאַנקבאַרקייט צו דיר פאַר דיין ברידערלעכער הילף, סיי אין מאַטעריאַלן און סיי אין מאָראַלן הינזיכט, וואָס דו האָסט מיר פּריווילִיג, אויף דיין אייגענער איניציאַטיווע, געלייסטעט, מעגלעך צו מאַכן די דערשיינונג פון אָט דער אָפּהאַנדלונג אין דער עפנטלעכקייט.

איך גלויב, אַז דיין באַוואוסטזיין גופא אַז דו האָסט דערפילט אַ מאָראַלישע פליכט, דיקטירט פון דיין געוויסן, — וועט דיר ברייגגען די געוואונשענע און אויך די פאַרדינטע באַפרידיקונג.

איך אָנערקען און שאַץ ווי געהעריק אָפּ דיין ווערטפולן בייטראַג און בעיקר, — דיין אויפריכטיקע פריינדשאַפט און ברידערלעכע באַציאונג צו מיר. איך דרוק דיין האַנט מיט די וואַרימסטע און פריינטלעכסטע געפילן. אַ האַרציקן דאַנק דיר.

און צו אייך, טייערער א. שטיבמאַן, זאָג איך אַ גרויסן "ישר כוח", עס וועט בלייבן ביי מיר אומפאַרגעסבאַר אייער טרחה, אַרבעט און צייט, וואָס איר האָט פון אייער זייט מיטן גוטן ווילן געאָפּפערט פאַר דער אַרויסגעבונג פון דעם דאָזיקן בוך.

איך דאַנק אייך.

נ. ק.

אינהאַלט:

זייט

1. דער היינטיקער און אַמאָליקער אַנטיסעמיטיזם........................7
2. קראַפט און ענערגיע באַלאַנס און האַרמאָניע 13
3. דער פּאַגאַניזם 18
4. די אידישע נבואה 24
5. דער קאַמף צווישן מאַכט און גערעכטיקייט 32
6. די איסים 41
7. די פאַקטאָרן און די רעפאָרמירונג פון דער איסיסטישער אַנשויאונג....47
8. דער אויפקום פון קריסטנטום 58
9. די עוואַנגעלישע און די ביבלישע מאָראַל 68
10. די קירך און איר מיסיע און באַציאונג צום אידנטום.................79
11. די ליבעראַלע אָרדנונג אונטערן קאַפּיטאַליזם 86
12. די טאָלעראַנץ צו דעם אַנטיסעמיטיזם 91
13. די ווירקונג פונם ליבעראַליזם און אַנטיסעמיטיזם אויף דעם אידנטום...96
14. דער באַנקראָט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ליבעראַליזם..............105
15. סאָציאַל דעמאָקראַטיע און אַנטיסעמיטיזם 111
16. אידישער סאָציאַליסטישער עלעמענט אַלס פאַקטאָר פון אַנטיסעמיטיזם.121
17. ווען דער אַנטיסעמיטיזם וועט פאַרשווינדן 139

Copyright 1946

I

דער הײנטיקער און אַמאָליקער אַנטיסעמיטיזם

דער כאַראַקטער און די פאָרם פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין נאַציזם און פאַשיזם, פּאַראַליזירט ממש דעם געפיל און דעם פאַרשטאַנד.

דער פאַרמעסט אויף דעם אידנטום איז געמאַכט געוואָרן פון זיין זייט אויף אַ קאָלאָסאַלן און ברייטן פאַרנעם, מיט דער כונה פון זיין פולער אויסראָטונג און פאַרניכטונג. די מעטאָדן און די מיטלען, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגעווענדט פאַר דעם דאָזיגן צוועק, זענען אַזוי שוידערלעך און ברוטאַל, אַז זיי שטייגן אַריבער מיט זייער גרויליגקייט די ערגסטע פאָרשטעלונג און פאַנטאַזיע.

קיינער האָט, ווי עס דוכט זיך, ביז היינט ניט געקענט אויסמאָלן אין זיין געדאַנק, אַז אין דער עפּאָכע פון באַזונדערן פראָגרעס און פאָרשריט אויף אַלערליי געביטן פון דער קולטור, נאָך עטלעכע דורות פון געזעלשאַפטלעכער דערציאונג פונם מענטשן אין דעם גייסט פון פרייהייט, זיטלעכקייט און טאָלעראַנץ, זאָל אַזעלכעס געווען האָבן די מעגלעכקייט צו פּאַסירן.

בכלל, האָט איבעראַל און אומעטום, אין אונדזער עפּאָכע, געהערשט דער גלויבן, די איבערצייגונג, אַז דער מיטלאַלטער, די צייט פון שקלאַפעריי, פינסטערניש און באַרבאַריזם, איז שוין אויף אייביק פאַראיבער; און אַז זיין צוריקקער איז אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט. און, הגם דער אַנטיסעמיטיזם, בכלל, איז נאָך אינגאַנצן ניט פאַרשווינדן געוואָרן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און האָט צייטנווייז און ערטערווייז געלאָזט וויסן אַז ער איז דאָ; און, ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט ער דעם אידן געלאָזט וויסן וועגן זיין עקזיסטענץ, איז ער אָבער דאָך באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ צייטווייליגער און פאַרבייגייענדיקער פאַל. מען האָט אים באַטראַכט ווי אַ איבערבלייבונג פון דעם אַמאָליגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

נחום קישנער

ער איז דערקלערט געוואָרן מיט די מאָטיוון פון דער עקאָנאָמישער פאַרשאַרפונג, ווי: קריזיס, קאָנקורענץ א. אז. וו. און ווי שווער און פיינלעך אָט די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן זענען נים געוועזן האָבן זיי אָבער אין דער לעצטער צייט, אין פאַרגלייך מיט די מיטלאַלטערלעכע רדיפות, אויסגעזען שוואַך און כמעט ווי נישטיק.

איצט אָבער האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם באַוויזן אין אַזאַ קאָליר קעגן וועלכן עס קוקט אוים בלאָס און בלייך נים נאָר דער מיטלאַלטער, נאָר אויך די עפּאָכע פונם קאַניבאַליזם.

די אכזריות, די בעסטיאַלישקייט, וואָס ער האָט אָנגעווענדט פאַר דער אויסראָטונג פונם אידנטום — פון אַזאַ מין רשעות האָט די מענטשלעכע געשיכטע ביז היינט נאָך נים דערפאַרן און נים פאַרצייכנט.

און אַזעלכעס האָט פּאַסירט דוקא אין דעם סאַמע מיטן פון אַ פּעריאָד פון הויכן פּראָגרעס, ברייטער קולטור און ציוויליזאַציע.

אָט די דאָזיגע „הייליגע" מיסיע און „נאָבעלן" טאָט, די אויסראָטונג פונם אידנטום, האָט אויף זיך גענומען איינע פון די גאָר פאָרגעשריטענע און קולטורעלע אייראָפּייאישע נאַציעס, מיט דער שטילער סימפּאַטיע און פולער הסכמה פון די סאַמע אויבערשטע שיכטן און קלאַסן פון די נאָענטע אַרומיגע און אויך פון וויימע לענדער און פעלקער, און מיט דער ברכה פון זייער פאַרשטייערשאַפט פון דער אַלגעמיינער הויך פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע . . .

דאָס אידישע פאָלק איז איבערגעלאָזן געוואָרן אינגאַנצן אויף הפקר, צום ווילקיר און אינם רשות פון זיין בלוטיגסטן און אכזריותדיקן שונא.

די אויסראָטונג פונם אידישן כלל איז באַזונדערס שטוינענדיג, ווייל זי האָט אונדז באַוויזן מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט, שנעלקייט און פּלוצימדיגקייט עס איז פאָרגעקומען די איבעראַנדערשונג פון דעם ציוויליזירטן און קולטורעלן מענטשן אין אַזאַ באַשעפעניש, וואָס אין פאַרגלייך מיט איר, — זעט די בייזע ווילדע חיה אוים ווי אַ אומשולדיג לעמעלע.

דער דאָזיקער פאַל גופא, אָן און פאַר זיך, איז לויט זיין מהות אַ זעלטענהייט און אַ אויסנאָם, און דערפאַר, — אַזוי אומפאַרשטענדלעך.

ער זעט אוים ווי אַ שאַרפער איבערברוך אין דער גאַנצער פסיכיק, אינם מענטשלעכן גייסט. ווייל דאָס באַדייט דאָך אין גרונט ווי אַ נייער קער און ווענד אין דער שוין איינגעשטעלטער און גאַנגבאַרער אידעאָלאָגיע און אַרט דענקען פון דעם מענטשן וואָס לייקנט אָפּ די הערשנ-

דיקע און עקזיסטירנדיקע מאָראַל און עטישע קאָנצעפּציע. און אַנשטאָט איר איז אַקצעפּטירט געוואָרן אַ „מאָראַל" פון מענטשנהאַס, פון ווילקיר און גוואַלדזאַמקייט. אַט די נייע אידעאָלאָגיע, וואָס אין תוך איז זי אַן אַלטע, אַן אָפּגעלעבטע און לאַנג פאַרשווּנדענע פון דער געשיכטלעכער בינע, האָט דירעקט און אומדירעקט, באַווירקט און באַאיינפלוסט גרויסע און ברייטע מענטשלעכע ספערן; און זיי אָנגעשטעקט מיט דעם גיפטיגן באַציל פון ברוטאַליטעט און פאַראַכטונג צו זייער אייגענער און פרעמדער סביבה, און צום מענטשן, בכלל.

און דעריבער איז אַבסאָלוט אוממעגלעך, אַז דער דאָזיקער אויסערארדנטלעכער פאַל זאָל פאַרבייגיין אינגאַנצן אומבאַמערקטערהייט, ניט צוציענדיג צו זיך קיין שום אויפמערקזאַמקייט פון דעם וואַכזאַמען בליק און פאָרשנדיגן געדאַנק.

און דאָס האָט ווירקלעך אַרויסגערופן אַ שטאַרקן באַגער און דראַנג אומבאַדינגט צו דערקינדיקן און דערגרונטעוון די הויפּט סבות, וואָס האָבן דערמעגלעכט די אַנטשטייאונג, די קולטיווירונג, פאַנאַנדערשפּרייטונג פון אַט דער אידעאָלאָגיע.

די בליץ שנעלע טראַנספאָרמאַציע פון דעם מענטשן אין אַ חיה רעה, זיין פּלוצימדיגע מרידה געגן דער עקזיסטירנדיגער אָרדנונג, געשאַפענער קולטור און פאַרוואָרצלטער מאָראַל, — שטעלט מיט זיך פאָר, פון דעם פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אַ באַזונדערע רעטעניש און פּראָבלעם, וואָס פאָדערט אַ גענויע דערקלערונג. און דער דאָזיקער פאַקט גופא, וואָס די געזעלשאַפט בכלל, האָט זיך תמיד באַצויגן און באַציט זיך אויך איצט מיט פולער טאָלעראַנץ און אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט צו אַזעלכע דעגענערירטע עלעמענטן, — דינט אַלס סימן און סימפּטאָם, אַז די געזעלשאַפט זעלבסט, אַן און פאַר זיך, ליידט פון אַ אינערלעכע גייסטיג-מאָראַלער פעלערהאַפטיגקייט אָדער קראַנקהייט.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז אין דער היינטיגער עפּאָכע, נאָכדעם, ווען אַט די דעמאָראַליזירטע, פאַרברעכערישע גרופּעס האָבן אין משך פון יאָרן אָנגעזאַמלט גענוג כוחות, זאָלן זיי קומען צו זייער אויסדרוק, אַנטפּלעקנדיג זיך אין זייער אָריגינעלן עכטן געשטאַלט און כאַראַקטער מיט זייער גאַנצער עקלדיגקייט און אָפּשילעכקייט.

און הגם זייער אָנגריף איז הויפּטזעכלעך געווען געווענדט געגן זייער פאַרהאַסטן אידנטום, האָבן זיי אָבער אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט און גאָרניט געשוינט די אַנדערע, די ניט-אידישע מאַסן; ניט נעמענדיג

אין אכט צי זיי זענען פון דעם אייגענעם שטאם, ראסע אדער נאציא־נאלטעט, צי זיי זענען פון פרעמדע. אלע פעלקער און לענדער האבן שווער געליטן פון דער טיראניע און ברוטאליטעט אין א פולער און געגנוגנדיקער מאס, און אויף אזא שטייגער, אז דאס וועט פארבלייבן שטענדיג פריש און לעבעדיג אין זייער זכרון און וועט ניט פארגעסן און פארטושט ווערן אויף לאנגע, לאנגע דורות.

און דאס איז די שווערע שטראף, וואס די געשיכטע האט געבראכט אויף דער געזעלשאפט פאר איר דולדן און אינדיפערענטער באציאונג צו דער עקזיסטענץ פון די כוחות פון בייז און שלעכטס אין איר רשות.

די פריער אנגעוויזענע דערקלערונג בנוגע דעם אויפקום פונם אנ־טיסעמיטיזם, וועלכער איז בעיקר געווען באגרינדעט אויף רעליגיעזע און עקאנאמישע מאטיוון, איז קארעקט און ריכטיג,—בלויז אין באזונ־דערע פאלן. וואָרים נאך א מער וויכטיקער ערנסטער און גענויער באטראכ־טונג פון דער אלטערטימלעכער געשיכטע פונם אידישן פאלק אין צו־זאמענהאנג מיט דער אוראלטער געשיכטע פון יענע פעלקער און נאציעס, מיט וועלכע דאס אידישע פאלק איז געקומען אין נאענטער בארירונג אדער צוזאמענשטויס,—מערקט זיך קלאר דער פאקט, אז אט די דאזיקע אנגעגעבענע סבות, הגם זיי האבן אין אט דעם פאל ניט געפעלט און מסתם מיט עפעס בייגעשטייערט צו דעם געבורט פונם אנטיסעמיטיזם, אבער אין גרונט האבן זיי קיין וויכטיגע ראל ניט געשפילט.

אויב די מאטיוון פון רעליגיעזן פאנאטיזם זענען געווען א לאגישע דערקלערונג פאר דעם מיטלאלטערלעכן אנטיסעמיטיזם, און די מאטער־יאלע און עקאנאמישע באדינגונגען, ווי קאנקורענץ און קריזיס האבן געקענט אנגעגעבן ווערן ווי די סבות פונם היינטיגן מאדערנעם אידנ־האס — זענען אבער אט די זעלבע סבות אבסאלוט ניט גענוג צו בא־לויכטן דעם אויפקום פונם אנטיסעמיטיזם אין דער גאר אלטער, אין דער פאר ביבלישער עפאכע. ווייל עס זענען דאן געווען, ווי עס וועט ווייטער דערהויזן ווערן, אנדערע פאקטארן אין זיין הינטערגרונט, וואס האבן אים פאראורזאכט. די דאזיגע באזונדערע גורמים מוזן ארויסגע־שיילט ווערן פון דער, ארום זיי אויסגעפארמירטער דיקער שאלעכץ, אונטער וועלכע זיי זענען באהאלטן; און דאמאלט וועט פולשטענדיק קלאר ווערן דער גאנצער אינהאלט, דער אמת'ער זין פון דער אידנפיינטשאפט גופא און אויך די דערשיינונג: די שנעלע איבערוואנדלונג פון א מענטשן אין א קאניבאל.

אנטיסעמיטיזם

דאָס איז פאַר אונז וויכטיג כדי מיר זאָלן קענען ציען פון דעם די געהעריגע שלוסן . . .

אַז דער אַנטיסעמיטיזם בכלל, איז אַן אַלטע פאַרצייטיקע דערשיינונג און האָט אַ לאַנג דורות׳דיקע געשיכטע הינטער זיך—איז אַ באַוואוסטער פאַקט. דער ערשטער דאָקומענט, וואָס רעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם איז די ביבל גופא, וואָס דינט ווי אַ געשיכטלעכע פאַרצייכענונג פון דעם אורשפרונג און אַנטשטייאונג פונם אידישן פאָלק.

לויט איר אויפפאַסונג איז דער אַנטיסעמיטיזם אַזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק. פון די ביבלישע דערציילונגען דרינגט אַרוים דער פאַקט, אַז דער האַס און די אומטאָלעראַנץ פון זיין נאָענטער סביבה איז געבוירן געוואָרן און געוואָקסן מיט אָט דעם פאָלק צוזאַמען; און ווי אַ שאָטן האָט ער אים באַגלייט אָדער פאַרפאָלגט אויף זיין גאַנצן היסטאָרישן מאַרש, זינט דעם אוראַלטן אַמאָל ביז דעם מאָדערנעם היינט.

די ערשטע פיינטשאַפט פון זיין אַרומיגער ספערע האָט דאָס אידישע פאָלק דערפאַרן, ווי עס איז באַוואוסט, — אין מצרים; זייענדיג נאָך דאַן אין דער ערשטער אָנפאַנגלעכער שטופע פון אַנטוויקלונג, אין דעם פעריאָד פון זיין קינדהייט.

דער ווירקלעכער אַנטיסעמיטיזם האָט געפונען זיין אויסדרוק, לויט דער ביבל באַהויפּטונג, אין פרס און מדי, אין דער צייט פון קעניג אחשורוש, אין דער זייער פּאָפּולערער פערזענלעכקייט מיט דעם נאָמען „המן״. די דאָזיגע פיגור דערשיינט, דורך איר באַוואוסטער מאָטאָ און טענדענץ, פאָרמולירט אין דער פאָלגנדיקער פראַזע, נעמלעך: „צו פאַרטיליקן, אויסצומאָרדן און פאַרניכטן אַלע אידן פון יונג ביז אַלט, קליינע קינדער און פרויען״ — אַלס דער עכטער פראָטאָטיפּ פון דעם אַנטיסעמיטיזם און פון דעם פאַרצייטיגן באַרבאַריזם בכלל; און אויך פון די היינטיגע, מאָדערנע, פאַרקערפּערט אין דעם נאַציזם פאַשיזם, בפרט.

עס ווערט דאָרטן באַהויפּטעט אויך וועגן אַנדערע פאַלן פון אַנטיסעמיטישע פאַרשווערונגען געגן אידישע הויכע באַאַמטע אינם קעניגלעכן הויף אין בבל אין דער צייט פון נבוכדנצר; און אין פרס, אין דער עפּאָכע פון קעניג דריוש.

און פון די אַלע ביבלישע עפּיזאָדן שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט תמיד אינם גאַנצן פּראָצעס פון זיין קיום, נאָך זיין צוזאַמענטרעפונג מיט אַן אַנדערן און פרעמדן עלעמענט, צו זיך אַרויסגע-

נחום קישנער

רופן אַ באַזונדערע אַנטיפּאַטיע, אומדולדזאַמקייט און האַס; אַזוי ווי ער וואָלט באַזעסן עפּעס אַ ספּעציפישע אייגנשאַפט און כאַראַקטערים־טיק, וואָס באַלעסטיקט די געזעלשאַפט און ברענגט שאָדן צו זיין סביבה, אין וועלכער ער לעבט.

דאָס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז ווען די ביבל וואָלט געווען דערציילט וועגן אַזאַ פאַל ניט מער ווי איין־און־איינציק מאָל און בלויז אין אַ געוויסן פּונקט און באַשטימטער צייט, וואָלט עס דאָ געקענט באַ־טראַכט ווערן ווי אַן אינצידענט, ווי אַ צופאַל.

די ביבל האָט אָבער, ווי עס איז אַ פאַקט, פאַרצייכנט אַזעלכע פאַלן אייניגע מאָל און אין פאַרשידענע ערטער און עפּאָכן, און דערום קען דאָס ניט באַטראַכט ווערן ווי בלויז אַ צופאַל.

און הגם די דאָזיקע באַהויפּטונגען האָבן אין זייער הינטערגרונט ספּעציעלע מאָטיוון און אַבסאָלוט באַזונדערע אַבזיכטן, — דינען זיי אָבער צו יעדער צייט פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אַ קאָנקרעטער גע־שיכטלעכער באַווייז צו זיינע בלבולים אויף דעם אידישן פאָלק, שטעמ־פּלענדיק אים אַלס אַ שעדלעכער און געפערלעכער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט, אָנווייזנדיק אויף דעם פאַקט, אַז ער איז נאָך אפילו אין דער אַלטער צייט געהאַסט געוואָרן פון דער סביבה, וואו געוויסע טיילן פון זיין כלל האָבן דאָרט געלעבט; און לויט דעם אַנטיסעמיטישן לאָגישן אויספיר וואָלט דאָך געווים אָט די אידן־שנאה אָן קיין שום סבה ניט געווען אַנטשטאַנען.

און דער דאָזיקער פאַקט ווערט תמיד מצד דעם אַנטיסעמיטיזם גענוצט אַלס דער שטאַרקסטער און דער ספּעציעל שלאַגנדיגער אַרגו־מענט פאַר דער באַרעכטיקונג און רעכטפאַרטיגונג פון זיינע גרויזאַמע און ברוטאַלע אָנגריפן אויף דעם אידישן פאָלק.

II

קראַפט און ענערגיע, באַלאַנס און האַרמאָניע

די ערשטע שנאה באַזונדערס צום אידישן פאָלק, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַנטיסעמיטיזם — האָט זיך אָנטפּלעקט ניט אין די עפּאָכן אויף וועלכע די ביבל ווייזט אָן, נאָר פיל שפּעטער — אין דער צייט פון דער הערשאַפט פונם סירישן גריכנטום, איבער קליין אַזיע און מצרים, אונטער וועלכער עס איז דאַן אויך געשטאַנען דאָס אידישע פאָלק און לאַנד. די דאָזיגע שנאה האָט אויסגעבראָכן ווי אַ וואולקאַן אין דעם פּעריאָד פון קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנוס אין אַ גוואַלט-אָנגריף מצד דעם גריכנטום אויף דעם אידנטום, מיט דער הויפּט-טענדענץ עס אומבאַדינגט אומצוברענגען, אָדער גייסטיק — דורך געצוואונגענער שמד, אָדער פיזיש — דורך פּשוט׳ער אויסראָטונג.

די דאָזיגע צייט איז דאַן געווען פאַרן אידישן פאָלק אַ גאָר קריטישע. די געפאַר איז געווען גרויס. עס איז באַהערשט געוואָרן פון שווערער פאַרצווייפלונג, אַפּהענטיקייט און צעבראָכנקייט פונם געמיט.

עס האָט זיך גענויטיקט אין דערמוטיקונג, דערמונטערונג און שטאַרקונג פון זיין גייסט: עס זאָל ווערן האָפענונגספול און קאַמפספייאיק צו באַשיצן זיין עקזיסטענץ. און וואָרשיינלעך, אַז פאַר אָט דעם צוועק זענען געשאַפן געוואָרן אָט די דערציילונגען בנוגע דער אידן-שנאה אין בבל און אין פרס.

זיי האָבן געדינט פאַרן פאָלק אַלס באַווייז און פאַקט, אַז די דאָזיקע ספּעציעלע פיינטשאַפט פונם גריכנטום און די סכנה, וואָס לויערט אויף אים פון אָט דער הערשאַפט — זענען ניט קיין נייע זאַך. וואָרים נאָך פריער, מיט אַ צייט צוריק האָבן שוין אַזעלכע זאַכן פּאַסירט. ער איז אָבער ניצול געוואָרן דורך דער באַזונדערער וואַכזאַמקייט פון זיין גאָט. און דעריבער דאַרף ער קעמפן. און זיכער וועט ער אויך איצט מצד דער השגחה, ווי אין יענער צייט, געהאָלפן ווערן . . .

אָט צו דעם אויספיר מוז מען לאָגישערווייז קומען, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם אינהאַלט פון די אויבנדערמאָנטע עפּיזאָדן. און כדי צוצוגעבן צו די דאָזיקע דערציילונגען אַ ספּעציעלע ווערט און וויכטיקייט, אַלס רעאַלע און פאַקטישע געשעענישן און מיט דעם צו באַווייזן יעדן צווייפל און זייער היסטאָרישן אמת, — זענען די דאָזיגע עפּיזאָדן קאַנאָניזירט אָדער איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער קאָלעקציע פון די הייליקע

שריפטן אָדער אין דער ביבל. ווייל דורך דעם האָבן זיי געקראָגן זייער סאַנקציע אָדער פאַרהייליקונג, ריכטיקער, זייער פאַר׳אמת׳ונג.

אָט דאָס איז זייער זין און צוועק, לויט דער סברא און דערקלערונג פון דער מאָדערנער ביבל־פאַרשונג.

פאַר אַ מער דייטלעכער באַלויכטונג בנוגע די מאָטיוון און דעם באַזונדערן באַרבאַרישן כאַראַקטער פון דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער היינטיגער צייט פון קולטור און ציוויליזאַציע פאָדערט זיך אומבאַדינגט אַ געניע אַנאַליזירונג פון די באַדינגונגען און פאַקטאָרן, דורך וועלכע עס איז אַנטשטאַנען אָט דער אַלטער גריכישער אַנטיסעמיטיזם, ווייל ביידע, דער אַמאָליגער און דער איצטיגער, פאַרמאָגן אין זייער הינטערגרונט איינעם און דעם זעלבן פרינציפּ . . .

די ווידעראַנאַנדן און קאָנטראַסטן צווישן די דאָזיגע צוויי פעלקער, אידנטום און גריכנטום, זענען דעמאָלט, אין זייער עצם, באַשטאַנען — ניט אין קיין נייע ממשות׳דיקע און רעאַלע באַדינגונגען ווי עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, נאָר הויפּטזעכלעך אין אַבסטראַקטע, אידעאָלאָגישע טענדענצן פון ריין מאָראַלישער אויפפאַסונג. הגם די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פרינציפּן האָבן דאָ אויך ניט געפעלט, אָבער זיי האָבן דאָ געשפּילט אַ זייטיגע און מינדערוויכטיקע ראָלע.

דער פאַטאַלער קריזיס צווישן זיי ביידע איז פאַראורזאַכט געוואָרן בעיקר איבער דער באַזונדערער שאַרפקייט און עקסטרעמקייט פון דער פאַרשידנאַרטיקייט און ווידערשפּרעכיקייט פון זייערע וועלט און לעבנס אַנשויאונגען; און קיין שום טאָלעראַנץ אָדער פשרה איז דאָ געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך.

פאַר דער פאַנאַנדערקלייבונג אין דעם אינהאַלט פון דער אַנדערשקייט פון זייער געדאַנקען־גאַנג און לעבנס־באַנעם איז נויטיק אַנצואווייזן אויף די סבות פון דער אַנטשטייאונג פון די דאָזיקע חלוקי דעות און ווידערשפּרוכיקייטן אין די וועלט אַנשויאונגען פון דעם אידישן פאָלק און דעם גריכישן, ריכטיקער, צווישן דעם אידנטום און דעם איבעריקן וועלט פעלקערטום. ווייל דאָס גריכישע פאָלק, אַן און פאַר זיך, איז דאָך אַ טייל פון דעם גאַנצן פעלקער־כלל. און איבער זיין הויכער קולטור שטופע און ציוויליזאַציע צו וועלכער ער האָט דאַן דערגרייכט — דינט ער ווי דער קלאַרסטער ביישפּיל און מוסטער, וואָס שפּיגלט אָמדייטלעכסטן אָפּ די הערשנדיקע און גאַנגבאַרע אַלגעמיינע אידעאָלאָגיע פון יענער צייט. די דאָזיקע אויפפאַסונגען, די אידישע און די אוניווערסאַלע,

אַנטיסעמיטיזם

זענען אַנטוויקלט געוואָרן און האָבן זיך פֿאַרמירט אויף דעם גרונט פֿון דער ווירקונג פֿון די נאַטור כוחות, וויזועלע און פֿאַרבאָרגענע, אַלס רעזולטאַט פֿון דערפֿאַרונג און לאַנגישן שלום צוזאַמען.

עס איז אַ באַקאַנטער פֿאַקט, אַז אין דער נאַטור, אין דעם אוניווערז, אין דער אומאָרגאַנישער און אָרגאַנישער וועלט בכלל — הערשן צוויי פּרינציפּן אַלס די הויפּט־פֿאַקטאָרן פֿון דעם גאַנצן עקזיסטענץ. עס איז פֿאַראַן דער פּרינציפּ פֿון **קראַפֿט און ענערגיע** און דער פּרינציפּ פֿון **באַלאַנס און האַרמאָניע**.

דער ערשטער פֿאַקטאָר פֿון קראַפֿט און ענערגיע, זעט אויס ווי פֿון רעאַלן און ממשות'דיקן כאַראַקטער. ווייל ער ווירקט אויף די אויסער־לעכע חושים מיט דעם, וואָס ער דריקט זיך אויס אין די פּעריאָדישע, סטיכישע דערשיינונגען, צום ביישפּיל: איין דונער, שטורעם, ערדציטערניש און אז.וו. און דעריבער איז ער מער באַגרייפֿלעך. אויך מערקט זיך דער דאָזיקער פּרינציפּ אין איין טייל פֿון די לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וואָס זייער גאַנצער קיום הענגט פֿון אים אָפּ, ווי למשל: אַ לייב, טיגער און אַנד.

דער צווייטער פֿאַקטאָר, פֿון באַלאַנס און האַרמאָניע, איז אין זיין מהות בלויז אַן אַבסטראַקט, אַן אידייע. ער קען באַגריפֿן ווערן, הויפּטזעכלעך, דורך דעם אינטעלעקט און באַוואוסטזיין, און אויך מיט דעם אינסטינקט און אינערלעכן געפֿיל.

אַלס באַווייז פֿאַר דער אָנוועזנהייט פֿון דעם דאָזיקן באַלאַנס פּרינציפּ, — דינט דער פֿאַקט, וואָס צווישן די קערפּערשאַפֿטן פֿון דעם גאַנצן אוניווערז הערשט שטריינגע אָרדענונג און פֿולשטענדיקע הסכמה. זייערע פֿאַרהעלטענישן איינער צום אַנדערן, לויט זייער פֿאָרנעם, באַוועגונג, באַשטאַנד און איינפֿלוס־ספֿערע איז, דורכאויס, רעגולירט; און שטעלן מיט זיך פֿאָר איין אַבסאָלוטע איינהייטלעכקייט.

און דעריבער זעט אויס דער דאָזיקער באַלאַנס־פֿאַקטאָר ווי אַ סטאַטישער, אַן אומבאַוועגלעכער. און דערפֿאַר קען ער ניט געפֿינען זיין אויסדרוק אין קיינע נאַטירלעכע דערשיינונגען.

אויך צווישן די לעבעדיקע באַשעפֿענישן עקזיסטירט אָט דער האַרמאָניע פּרינציפּ.

עס זענען פֿאַראַן איניקע קאַטעגאָריעס פֿון ברואים, גאָר נידעריקע, ווי די מוראַשקע און בין און אויך פֿון אַ געוויסן טייל הויך אַנטוויקלטע, ווי אייניקע מינים פֿון דעם צפֿון'דיקן הירש, דער העלפֿאַנט, די מאַלפּע

און אַנדערע חיות, וואָס לעבן אין „געזעלשאַפט״, אין גרופּעס, אָדער אין הערדן.

דאָס איז דערפֿאַר, וואָס די דאָזיקע בעלי־חיים זענען, פֿון דער נאַטור און לויט זייער אינסטינקט, דורכגעדרונגען מיט דעם געפֿיל פֿון אחדות, אייניקייט און האַרמאָניע צו יעדן איינעם פֿון זייער מין און קלאַס. אָבער אויך די באַשעפֿענישן פֿונם קראַפֿט פּרינציפּ, וואָס פֿירן אַן אינ־דיווידואַלן אַרט לעבן, באַזיצן אַ געוויסע מאָס פֿון אָט דעם האַרמאָניע חוש. עס הערשט פֿולשטענדיקע איינשטימיקייט צווישן די מיטגלידער־שאַפֿט פֿון איין און דעם זעלבן מין: אַ לייב וועט ניט פֿאַרצוקן דעם אַנדערן.

און אַזוי פֿעלט אויך ניט דער קראַפֿט פֿאַקטאָר אין דעם כאַראַקטער פֿון די באַשעפֿענישן פֿון דעם אייניקייט־געפֿיל, אָדער פֿון די „געזעל־שאַפֿטלעכע״ ברואים. אָבער ער דריקט זיך אויס אין איין קאָלעקטיוון הינזיכט. דער אונטערשיד צווישן אָט דיביידע מינים בעלי־חיים באַ־שטייט נאָר אין דעם: וועלכער פּרינציפּ איז דער הויפּט און האָט די איבערגעוויכט.

דער מענטש, ווי עס איז אַ פֿאַקט, געהערט צו דעם קלאַס באַשע־פֿענישן, וואָס דער הויפּט באַדינג פֿון זיין עקזיסטענץ איז די געזעל־שאַפֿטלעכקייט: זיין קיום איז געזיכערט נאָר אין דער גרופּע, אין אַ קאָלעקטיוו און ניט אין זיין באַזונדערקייט. דעריבער איז ער דורכאויס תּמיד דורכגעדרונגען מיט דעם געפֿיל פֿון פֿרידלעכקייט און האַרמאָניע, און איז באַהערשט מיט אַ שטענדיקער שטרעבונג צו אייניקייט און פֿאַר־אייניקונג מיט אַנדערע פֿון זיין מין. ווייל דאָס איז זיין אינסטינקטיווער דראַנג, אַ געזעץ און באַפֿעל פֿון דער נאַטור.

אַלס אַ קאָנקרעטער באַווייז צו אָט דעם אַנגעמערקטן, — דינט דער פֿאַקט, וואָס דער מענטש האָט נאָך אין זיין גאָר פּרימיטיוון צו־שטאַנד געלעבט אין אַ גרופּע אָדער אין אַ געזעלשאַפֿט. די אָרדענונג אין איר, לויט די פֿאַקטן פֿון דער אַנטראָפּאָלאָגיע, איז געווען, אויס־שליסלעך, באַזירט און פֿאַרמירט אויף קאָמונאַלע יסודות, וואָס דאָס מיינט אין גרונט: גלייכהייט און פֿרידלעכקייט צווישן דער גאַנצער מיטגלידערשאַפֿט פֿון דער גרופּע. אָט אַזאַ אָרדענונג איז איינגעשטעלט געוואָרן, זיכער, ניט איבער דעם, וואָס דער מענטש זאָל נאָך דאַן, אין דעם ווילדן אָדער האַלב־ווילדן און פּרימיטיוון צושטאַנד, געוועזן האָבן באַגריפֿן מיט זיין פֿאַרשטאַנד, אַז אַזעלכע איז פֿאַר אים די בעסטע, די באַקוועמלעכסטע און די פּאַסיקסטע.

אנטיסעמיטיזם

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צו אַזאַ שטופּע פון דענקען האָט דער מענטש זיך דאַן נאָך ניט אַנטוויקלט. אויב אַזאַ לעבנס-סדר, וועלכער איז געווען באַזירט אויף געמיינזאַמקייט אָדער שותּפות׳דיקייט, האָט זיך דעמאָלט פאָרמירט, איז דאָס געווען, — אומבאַוואוסטזיניק: עס איז אים דיקטירט געוואָרן פון דער נאַטור, פון זיין אינערלעכן חוש פאַר זעלבסט-דערהאַלטונג און קיום פאַרזיכערונג. ער איז דערצו געווען געצוואונגען פון זיין אינסטינקט, אַזוי ווי אַנדערע ברואים ווי די בין, מוראַשקע, מאַלפּע.

אָט דיביידע נאַטור פּרינציפּן, פון קראַפט און ענערגיע און פון באַלאַנס און האַרמאָניע, זענען געווען די הויפּט-פאַקטאָרן אין דער שאַפונג און פורעמונג פון די באַזונדערע לעבנס אָנשויאונגען און אידעאָלאָגיעס פונם מענטשן, בנוגע דער סטרוקטור און אָרדענונג פון זיין געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער אומגעבונג, לויט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער און איינגנאַרטיקער פאָרם פון יעדן איינעם פון זיי, באַזונדער גענומען.

III

דער פאַגאַניזם

די געשיכטע וועגן דעם מענטשן בכלל, — שטרייכט אונטער באַזונדער אָט דעם פאַקט, אַז די הויפּט גורמים און גרונט מאָטיוון פון דעם מענטשנס גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג — זענען געווען די דערשיינונגען פון אַלערליי נאַטור כּוחות. זיי האָבן געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף זיינע חושים און געדאַנק, ווען ער האָט זיך געפונען אין דעם פּרימיטיוון צושטאַנד. ער האָט, אָט דעם כּוח פּרינציפּ, אויך באַמערקט אין פיל לעבעדיקע באַשעפענישן, און ער גופא איז געווען געצוואונגען, אין דער פאַרטיידיקונג פון זיין קיום, זיך אויך צו באַנוצן מיט דעם זעלבן מיטל, — מיט זיין אייגענעם כּוח. דעריבער האָט ער באַטראַכט די קראַפט, די פיזישע מאַכט אַלס דעם וויכטיקסטן און ווערטפולסטן פאַקטאָר אין זיין גאַנצער עקזיסטענץ, אין זיין לעבן. דערפאַר, האָט ער, אָט דעם פּרינציפּ, באַזונדער רעספּעקטירט, פאַרערט און פאַרהערלעכט.

אַלס באַווייז צו דעם דאָזיקן אַרגומענט — דינט דער פאַקט פון זיין פאַרגעטערונג פון די נאַטור כּוחות. דער מענטש האָט זיך פאַרגעשטעלט אַזוי פיל געטער, וויפיל נאַטור כּוחות ער האָט דערפאַרן. זיי האָבן אויסגעדריקט אָדער פאַרקערפּערט אין זיך, בעיקר, אַזעלכע סטיכישע דערשיינונגען, פון וועלכע ער איז באַזונדערס אימפּאָנירט געוואָרן פון זייער מערקווירדיקער שטאַרקייט און קראַפט.

עס זעט אויס, אַז אָט די קראַפט פאַרהערלעכונג איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דעם גלויבן און רעליגיע בכלל.

דער דאָזיקער פאַקט שפּיגלט זיך באַזונדער קלאָר אָפּ אין די שאַפונגען פון די אַנטיק אָדער אַלטערטימלעכע פעלקער און נאַציעס, וועלכע האָבן דערגרייכט אַ הויכע שטופע אין דער קולטור, און דורך דעם דעראָבערט די מאַכט און די איבערהערשאַפט איבער אַנדערע פעלקער און לענדער.

אַזעלכע זענען געווען: די עגיפּטער (מצרים), באַבילאָנער (בבל), אַסיריאַנער (אשור) און פּערסיאַנער (פּרס). זייערע שאַפונגען אויפן געביט פון דער קונסט און דער וויסנשאַפט זענען מערסטנטייל געווידמעט צום געטערטום.

אנטיסעמיטיזם

די הויפט-געטער זענען געווען די סימבאָלן, די פּערזאָניפיקאַציע פון דער איינפאַכער, רויער, פיזישער קראַפט און גבורה.

באַזונדערס האָט זיך אין אָט דעם הינזיכט אויסגעצייכנט דאָס אַלטע גריכנטום דורך זיין פיל העכער אַנטוויקלטער קולטור און ציוויליזאַציע, באַקאַנט אַלס דער „העלעניזם".

אַלע זיינע שאַפונגען זענען אויס שאַרף און בולט ווי אַ דירעקטע קאָנסעקווענץ פון זיין באַזונדערער באַגייסטערטקייט און אַנטציקטקייט פאַר אָט דער נאַטור-קראַפט. עס שאַפט זיך דער איינדרוק אַז זיין גאַנצע קולטור-געביידע איז דורכאויס באַזירט און באַפעסטיקט אויף דעם דאָזיקן פּרינציפּ.

דער פיזישער כוח, די ממשות'דיקע שטאַרקייט זעט אויס צו זיין דער צענטראַלער פּונקט, אָדער די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך און צירקולירט זיין גאַנצע גייסטיקע וועלט, זיין לעבנס אַנשויאונג, גלויבן און טענדענצן, בכלל. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע האָט דאָס גריכישע פאָלק קלאָר אויסגעדריקט אין וואָרט, שריפט און אין קלאַנג. ער האָט זי אויך פאַרקערפּערט אין פאַרשידענע מאַטעריאַלן און אין אַלערליי שטאָפן.

די פאָלקס-לעגענדע אָדער די מיטאָלאָגיע, דערציילט וועגן וואונדערלעכע העלדן, וועגן זייערע געוואַגטע אונטערנעמונגען, געפערלעכע אַוואַנטיורעס, אַמביציעס, זיגן און נידערפאַלן.

די מער פּאָפּולערע און באַוואוסטע זענען אַזעלכע, ווי: הערקולעס, אָדיסעאוס, טעזעאוס, העקטאָר, אַקילוס און אַנד. דאָס גריכנטום האָט מיט זיין שאַרפן חוש אויך באַגריפן די נאַטור שיינקייט, דעם באַלאַנס און האַרמאָניע, וואָס הערשן אינם וועלט-אַל.

ער האָט דעריבער אַנטוויקלט די עסטעטיק, דעם געשמאַק אָדער די קונסט.

אָט דער פאַקט שיילט זיך קלאָר אַרויס פון אַלע זיינע שאַפונגען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער סיסטעמאַטישקייט און מערקווירדיקער פּראָפּאָרציע, ניואַנס און ריטם. אויף דעם זאָגן עדות זיין סקולפּטור, אַרכיטעקטור, מוזיק און זיין ליטעראַטור.

אויך אויף דעם געביט פון געדאַנק האָט ער דערגרייכט די העכסטע מדרגה: ער האָט אַנטוויקלט די פילאָזאָפיע, מעטאַמאַטיק און נאַטור וויסנשאַפט.

נחום קישנער

די אַלע גייסטיקע אוצרות און קולטור ווערטן, וואָס דאָס באַגאַבטע גריכישע פאָלק האָט געשאַפן, איז געווען, אַ דאַנק דער ספּעציפישער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון זיין לאַנד און די קלימאַטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען און זיינע געשיכטלעכע דערפאַרונגען. אָט די אַלע אומשטענדן זענען זיכער געווען די הויפּט־פאַקטאָרן און סטימולאַנטן אין דער אַנטוויקלונג פון זיין גייסט און שאַפונג.

אָבער, אויסער די דאָזיקע זעלטענע און אויסגעצייכנטע אייגנשאַפטן און זיין הויכער קולטור שטופע איז דאָס גריכישע פאָלק, אין אַלגעמיין, געשטאַנען אויף אַ פיל נידריגערן פונקט אין דעם זיטלעכן און מאָראַלן הינזיכט אָדער אין זיין עטישער אויפפאַסונג, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מאָראַל קאָנצעפּציעס, ווי מיט דעם פּערסישן דואַליזם, אָדער מיט דער אַלטער עגיפּטישער און באַבילאָנישער און, הויפּטזעכלעך, מיט דער אידישער מאָראַל אָנשויאונג.

אָבער דער דאָזיקער פאַל איז ניט באַשטאַנען אין דעם, וואָס די גריכישע קולטור האָט ניט געשאַפן, און אין זיך ניט אַנטהאַלטן קיין מאָראַל־אידעאָלאָגיע פון אידעאַלן אינהאַלט און מהות, אַזאַ מיינונג און באַהויפּטונג וואָלט זיכער געווען אַ פאַלשע און לעכערלעכע, נאָר גראָד פאַרקערט, די דאָזיקע מאָראַל־שוואַכקייט און הינטערשטעליקייט איז געווען אַ פאַלג פון דער שאַפונג פון זיין זייט פון פילע און פאַרשידנאַרטיקע מאָראַל און עטיק אָנשויאונגען, אויסגעדריקט אין זיין פילאָזאָפיע בכלל, אָדער אין זיינע באַזונדערע פילאָזאָפיעס, ווי דער סטאָאיציזם, פּלאַטאָניזם, עפּיקורייאיזם און אַנד.

עס איז אָבער דאָ אומבאַדינגט נויטיק די באַטאָנונג פון דעם פאַקט, אַז די אָנגעמערקטע מאָראַל קאָנצעפּציעס זענען ניט געווען קיין פאָלקסטימלעכע, זיי האָבן ניט אַרויסגעשטראָמט פון דער גייסטיקער אינערלעכער וועלט־אָנשויאונג פון דעם פאָלק גופא, און ניט זיין גניוס האָט זיי פאָרמירט און אויסגעפורעמט. זיי זענען געווען בלויז אַ פּראָדוקט פון הויכער אינדיווידואַלער אינטעלעקטואַליטעט, אַ שאַפונג פון גייסטרייכע יחידים.

יעדע פון אָט די לעבנס־אָנשויאונגען האָט געהאַט אַ נאָכפאָלגערשאַפט; און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערע ריכטונג אָדער שול און סיסטעם. אָבער די אַלע אידעאָלאָגיעס האָבן קיין דירעקטן איינפלוס אויף דער ברייטער אַלגעמיינער פאָלקס־מאַסע ניט געהאַט, ווייל זיי זענען ניט געווען מיט איר אין קיין דירעקטער פאַרוואַנדשאַפט.

אַנטיסעמיטיזם

פֿאַר דער געוויינטלעכער פֿאָלקס־מאַסע האָט דער געזעץ פֿון דער הערשאַפֿט, לאָקאַלער און אַלגעמיינער, געדינט אַלס מאָראַל־קאָנצעפּציע. דער שטאַט אָדער די מלוכה האָט באַשטימט די פֿליכטן, געבאָטן און פֿאַרבאָטן פֿאַר דעם אינדיווידו און פֿאַר דער גרופּע. דער גאַנצער מאָראַלער מהות פֿון יעדן פּרט אָדער כּלל איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין דער פּינקטלעכער אויספֿאָלגונג און דערפֿילונג פֿון די דאָזיקע פֿאָרשריפֿטן.

דעריבער זענען אַזעלכע אַקטן, ווי גוואַלדזאַמקייט, ווילקיר און באַטרוג, מצד דעם גריכישן פֿאָלק ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זיטלעכער דעפֿעקט, ווי אַ מאָראַלע זינד, אָן און פֿאַר זיך, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דעם געוויסן און סענטימענט, נאָר בעיקר ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער איבל, וואָס צעשטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פֿון דעם לעבן, די זיכערקייט, רויִקייט און די פֿרידלעכקייט פֿון דעם יחיד ווי פֿון דעם כּלל, און דערפֿאַר, צוליב דער אויסמיידונג פֿון כאַאָס און צערודערונג אָדער אומאָרדנונג, — טאָרן אַזעלכע האַנדלונגען ניט טאָלערירט און געדולדעט ווערן.

אַלס אַ באַווייז פֿאַר דער ריכטיקייט פֿון דער הנחה, — קען אָנגעוויזן ווערן אויף דעם פֿאָלגנדיקן פֿאַקט, וואָס אַפֿילו אויך די געטער פֿון דעם גריכישן פֿאָלק פֿלעגן, לויט זיין מיטאָלאָגיע, אָפּטמאָל באַגיין אַקטן פֿון אומרעכט און גוואַלדטאַט איינער קעגן אַנדערן . . . דער פֿאַקט, וואָס אַזעלכע טאַטן און אויפֿפֿירונגען זענען צוגעאייגנט געוואָרן צו דער אָדער יענער געטלעכקייט, — באַווייזט קלאָר און שאַרף דעם עטישן מהות און דעם מאָראַלן צושטאַנד פֿון דעם פֿאָלק זעלבסט. וואָרים, ווי עס איז באַקאַנט, שטעלט מיט זיך פֿאָר יעדער מיסטישער וועזן — „גאָט" אָדער „געטלעכקייט", — אַלס אַ פּראָדוקט פֿון דעם מענטשנס פֿאַנטאַזיע און איינבילדונג־קראַפֿט. עס איז אין אָט דעם פֿאַרבאָרגענעם וועזן פֿאַרקערפּערט געוואָרן דער כאַראַקטער, די שטרעבונגען און דער לעבנס בליק פֿון דעם מענטשן גופֿא, אין דעם הינזיכט פֿון כּלל און פּרט. ווייל זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט און אַכטונג ווערן געווידמעט, בעיקר, צו דעם דאָזיקן מיסטעריעזן כּוח. דאָס איז דערפֿאַר, ווייל ער דערשיינט אַלס דער באַהיטער און באַשיצער פֿון דעם מענטשנס קיום. דעריבער האָט דער מענטש תּמיד, וועגן זיין גלאָריפֿיצירונג און פֿאַרהערלעכונג אים פֿאָרגעשטעלט אָדער געשילדערט אין זיינע דערציילונגען און באַהויפּטונגען אָדער אין זיינע לעגענדעס, אין די קאָלירדרייכסטע פֿאַרבן און אין די פּרעכטיקסטע געשטאַלטן, צואייגענענדיק צו אים אַזעלכע אייגנשאַפֿטן און שטריכן, וואָס לויט זיין אייגענעם אינערלעכן באַנעם און באַגריף, —

נחום קישנער

זענען זיי די העכסטע אידעאַלע, נאָבעלע און פון אַבסאָלוטער פולקאָ־מענהייט.

עס ווערט פון דעם דורכאויס קלאָר דער פאַקט, אַז די געטלעכע פיגור אָדער פיזאָנאָמיע, איז, אין גרונט, אַ דייטלעכע רעפלעקסיע אָדער אָפּשפּיגלונג פון דעם זיטלעכן און מאָראַלן באַשטאַנד פון דער מענטש־לעכער גרופּע גופא, וואָס האָט אַזעלכע געשאַפן און געפורעמט. אַט דאָס בילד, אַן און פאַר זיך, דינט אַלס דער ריכט־שנור און ווי די געהעריקע מאָס פאַר דער גענויער אָפּשאַצונג פון דעם מאָראַלן מהות פון דער באַ־טרעפנדיקער גרופּע, ראַסע אָדער נאַציע. אויף דעם זעלבן אופן אַנט־פּלעקט זיך אויך דער מאָראַל־און־עטיק־סיסטעם פון דעם הויך־קולטורעלן גריכנטום.

דאָס גריכישע געטערטום איז געווען דער אויסדרוק פון דער פאַר־הערלעכונג און גלאָריפיצירונג בלויז פון דעם קראַפט און מאַכט פּרינ־ציפּ, אָבער ניט פון רעכט און יושר . . . דער כוח, אָפּגעזען פון זיין אַנט־פּלעקונגס־פאָרם, איז פונם גריכישן פאָלק באַטראַכט געוואָרן אַלס די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט. אַט אַזאַ לעבנס־אויפפאַסונג ווערט טערמי־נירט אָדער אָנגערופן „פּאַגאַניזם”, אָדער „היידנישקייט”, אין אַלגעמיין, און אַלס איר מוסטער און קלאָרער ביישפּיל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די גאַנצע גריכישע קולטור און די אידעאָלאָגיע פון דעם אַלטן גריכנטום, אָדער פון דעם העלעניזם בכלל.

דער פּאַגאַניזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַקטאָר אין דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן, וואָס באַרעכטיקט און רעכטפאַרטיקט גענצלעך און פולשטענדיק די פּראַקטיצירונג פון ברוטאַליטעט, הפקרות און גוואַלד־טאַט. לויט זיין כאַראַקטער און אינהאַלט, איז ער דער ביטערסטער שונא און שאַרפסטער קעגנער צו דעם געוויסן און צו דעם חוש פאַר באַלאַנס און האַרמאָניע, וואָס לעבן תמיד אינם מענטשנס באַוואוסטזיין אָדער אין זיין הינטערבאַוואוסטזיין. דער פּאַגאַניזם ווענדט דעריבער תמיד אָן באַזונדערע מיטלען אָוועקצונעמען פון אים, פון דעם געוויסן, יעדע מעגלעכקייט צוקומען צו זיין אויסדרוק און דערפילן זיין פונקציע.

אַט די דאָזיקע אונטערדריקטע שטרעבונג האָט דער פּאַגאַניזם פאַר־ביטן אויף דער עסטעטיק אָדער קונסט.

ער האָט צוליב דעם ספּעציעל געשאַפן „פּראַכט און גלאַנץ” צו באַ־ווירקן די אויסערלעכע חושים, כדי צו באַטויבן די דאָזיקע כאַראַקטע־ריסטישע טענדענצן אָדער דעם „געוויסן”.

אנטיסעמיטיזם

דער דאָזיקער „פּראַכט און גלאַנץ״ אָדער די קונסט — זענען צו־ערשט אָנגעווענדט געוואָרן פֿאַר דער גלאָריפֿיצירונג פֿון די פּאַנטעאָנען (געטערטום), כדי אַרויסצורופֿן מיט דעם יראת הכבוד, רעספּעקט און אָפּשיי ביי די איינפאַכע פֿאָלקס־מאַסן. נאָכער איז דער זעלבער גלאַנץ געברויכט געוואָרן פֿאַר דער פֿאַרהערלעכונג פֿון די אויבערשטע און הערשנדיקע שיכטן גופא.

עס איז דאָ נויטיק ספּעציעל צו באַטאָנען דעם פֿאַקט, אַז דער פּאַ־גאַניזם, דער קולט, די דינונג צו דעם כוח און ענערגיע פּרינציפּ, איז שטענדיק אייפערדיק געשטיצט און אָפּגעהיט געוואָרן מצד די העכסטע קלאַסן פֿון יעדער פֿאָלק אָדער נאַציע. פֿאַר אָט דעם צוועק, פֿון דער מאַכט און קראַפֿט־פֿאַרהערלעכונג, האָבן זיי שטענדיק געהאָלפֿן די אַנטוויק־לונג פֿון דער קונסט אָדער פֿון זייער גאַנצער קולטור.

די לעצטע איז דערשינען, ווי עס איז שוין נאָך פֿריער אָנגעמערקט געוואָרן, אַלס די פֿולע פֿאַרקערפּערונג פֿון אָט דער מאַכט־פֿאַרערונג־אידעאָלאָגיע, אָדער די מאָראַליזירונג און רעכטפֿאַרטיקונג פֿון גוואַלד־זאַמקייט, צוואַנג און באַדריקונג. דער הויפּט־צוועק איז געווען — די דער־ציאונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסן אין אָט דעם גייסט: זיי זאָלן דינען אין דעם נויטיקן און געהעריקן מאָמענט ווי אַ געוואונשענער אינסטרומענט און ווי אַ פּאַסיקע ווערקצייג אין די הענט פֿון די רעגירנדיקע און איינ־פֿלוסרייכע קלאַסן, פֿאַר דער אויסאיבונג אויף אַ פֿרעמדער און זייטיקער סביבה, זייער פּריוואַטע און פּערזענלעכע מאַכט אָדער גוואַלדטאַט, און אויך אויף די נידעריקע שיכטן פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק אָדער נאַציע. דער פּאַגאַניזם — מיינט: שטענדיקער געראַנגל פֿון כוחות, אָן אונ־טערשיד צי זיי זענען פֿון דער אומאָרגאַנישער אָדער אָרגאַנישער נאַטור; און אַזוי אויך צווישן מענטש און מענטש, אינם הינזיכט פֿון פּרט און כלל.

אָט אַזוי זעט אויס דער כאַראַקטער פֿונם פּאַגאַניזם גופא; און דאָס איז דער הינטערגרונט און די מאָטיוון פֿון זיין געשאַפֿענער קולטור אין אַלגעמיין, פֿון וועלכע די קלאָרסטע און דייטלעכסטע רעפֿלעקסיע גע־פֿינט מען אין דער אַלט־גריכישער קונסט.

IV

די אידישע נבואה

עס איז אַ בולטער פּאַקט, ניט קוקנדיק אויף דער מאַכט פּאַרהערלעכונג אידעאָלאָגיע, וואָס האָט באַהערשט דעם געדאַנק פון דער געזעלשאַפט אומעטום, אַז ערגעץ וואו, אין די טיפעניש פונם מענטשנס באַוואוסטזיין אָדער פון זיין הינטערבאַוואוסטזיין, האָט געלעבט און געדייעט דער אינסטינקטיווער דראַנג, דער נאַטירלעכער חוש פאַר באַלאַנס און האַרמאָניע אָדער פאַר דער רעכט און גערעכטיקייט.

דער פּאַקט פון דעם כוח־פּאַרערונג מצד די פילע ברייטע פאָלקסמאַסן, וועלכע זענען איבערהויפט געווען באַ׳עולה׳ט און באַדריקט פון די אויבערשטע הערשנדיקע און רייכטום־באַזיצנדיקע קלאַסן, איז אין גרונט געווען אַן אויסערלעכער און אויבנאויפיקער. ווייל די דאָזיקע אויפפּאַסונג איז אויף זיי מיט אַלערליי מיטלען פון גוואַלד און שווינדל אַרופגעצוואונגען געוואָרן דורך די מאַכטהאָבנדיקע און קאָנטראָל האַלטנדיקע עלעמענטן.

צוליב דעם, האָבן אָט די אויבערשטע און רעגירנדיקע גרופּעס, די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פון דער קראַפט־רעספּעקטירונג, פּאַרקערפּערט אין דער עפנטלעכקייט, פּראָקלאַמירנדיק זי אַלס אַ געמיינזאַמע פאַר אַלע פאָלקס־טיילן און אַלס געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע. פאַר דעם צוועק איז עטאַבלירט און געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע, ווי דער טעמפּל, אָדער אַן אַנדער פונקט און צענטער, צו וועלכן עס זענען צוגעצויגן געוואָרן, ווייליק אָדער אומווייליק, אַלע פאָלקס־מאַסן אויסצודריקן דאָרטן זייער אָנערקענונג און נאָכפאָלגערשאַפט צו אָט דער אויפפּאַסונג.

דורך דעם איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געהאַלטן געוואָרן אין צוים, אונטער אַרעסט דעם מענטשנס שוואונג און שטרעבונג נאָך האַרמאָניע אָדער גערעכטיקייט. אַלס באַווייז צו דעם דינט דער פּאַקט, וואָס ניט קוקנדיק אויף אָט דער אונטערדריקונג, האָט דער דאָזיקער באַגער דעמאָנסטרירט אין דער עפנטלעכקייט זיין אָנוועזנהייט און האָט זיין פּאַראַנענקייט, אויסגעדריקט אין די ספּאָראַדישע אויסברוכן פון רעוואָלט און אויפשטאַנדן פון די דערנידעריקטע פאָלקס־טיילן קעגן זייערע באַצווינגערישע און קאָנטראָלירנדיקע גרופּעס.

עס האָט אָבער אויך פּאַסירט, אַז אַט דער דראַנג פון דעם מענטשן נאָך באַלאַנס און גערעכטיקייט איז ענדלעך געקומען צום אויסדרוק אין דער עפנטלעכקייט ווי אַן אויפּפּאַסונג בנוגע דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און דעם סאָציאַלן לעבן, אין אַלגעמיין.

אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג, וואוקס, אויסשפּרייטונג און טענדענץ פאַר איר פאַרווירקלעכונג אין דער פּראַקטיק, אַלס אַ קאָנ־קרעטער לעבנס־פאַקט, האָט די באַטרעפנדיקע אידעאָלאָגיע געפונען אין דעם אַלטן אידנלאַנד און צווישן דעם אידישן פאָלק.

דאָס האָט פּאַסירט, ווען דאָס דאָזיקע פאָלק האָט שווער געליטן פון אויסערלעכן און אויך פון אינערלעכן צוואַנג און דרוק פון דער ברוּ־טאַליטעט פון די שונאים פון אַרום און פון דער דעמאָראַליזירטער און קאָרופּטער אייגענער הערשאַפט פון אינוויייניק. די דאָזיקע באַזונדער שווערע באַדינגונגען און איבערלעבונגען האָבן אין דער גרעסטער מאָס פאַרמינדערט און אָפּגעשוואַכט די געוויינטלעכע פאַרערונג און פאַר־הערלעכונג פון דעם קראַפט־פּרינציפּ, וועלכער איז געווען איינגעשטעלט און פאַרפעסטיקט אינם סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פונם פאָלק אויף דעם זעלבן שטייגער ווי ביי די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. אַט די אידעאָלאָגיע האָט ביים אידישן פאָלק אָנגעוואוירן, אין איין צייט אַרום, איר זין און האַפט. זי איז ווי אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייטיקן ווינקל און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען די אידייע פון דער „רעכט און גע־רעכטיקייט" אָדער דער פּרינציפּ פון „באַלאַנס און האַרמאָניע".

די דאָזיקע באַזונדערע לעבנס־אַנשויאונג איז פאַרקערפּערט און אויסגעדריקט געוואָרן אין זיינע קולטורעלע שאַפונגען, אין די פאָלקס־לעגענדן, מיטאָסן, דערציילונגען, געשיכטלעכע עפּיזאָדן און אויך אין די ווערק פון זיינע דענקער, פּאָעטן און סתם שריפטשטעלער און ליטעראַטן פון יענער צייט.

אַט די שאַפונג איז דערשינען אין דער זאַמלונג פון די הייליקע שריפטן, וואָס באַשטייט, ווי באַקאַנט, פון דריי טיילן, נעמלעך: תורה, — משהס געזעצגעבונג; נביאים, — די שלוחים פון גאָט צום פאָלק און כתובים, אָדער — די „שריפטן" פון פאַרשידענע פּאָעטן און דענקער.

מער בולט און קלאָר איז אַט דער גערעכטיקייט פּרינציפּ אויסגע־דריקט און עפנטלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן פון די נביאים, אָדער פון דער נבואה, אין אַלגעמיין.

נחום קישנער

די נביאים זיינען שטענדיק געווען די פריינט פון די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן.

דער אינהאַלט פון זייערע שריפטן איז אין אַ גרויסער מאָס דער אויסדרוק פון שאַרפסטן פראָטעסט, טאַדל און פאָרוואורף קעגן דעם אומרעכט און גוואַלדטאַט, וואָס די רייכע, פריוויליגירטע און אויבערשטע קלאַסן באַגייען אין באַצוג צו די איינפאַכע אָרימע און אַרבעטנדיקע אונטערדריקטע פאָלקס־שיכטן. מיט וואונדערלעכער מוטיקייט, געוואַגט־קייט און אומדערשראָקנקייט ווייזן זיי אָן אויף זייערע פאַרברעכנס און מיסהאַנדלונגען בנוגע דעם אייגענעם פאָלק און לאַנד. און ניט נאָר באַציט זיך אָט די גערעכטיקייט פאָדערונג בלויז צום אידישן פאָלק, — נאָר אויך צו די אַנדערע פעלקער און לענדער, איבערהויפּט צו די הערשנדיקע און אונטערדריקערישע מלוכות פון יענער צייט, ווי: מצרים, בבל, אשור און אַנדערע, באַוואוסטע מיט זייער ברוטאַלקייט, האַרטהאַרציקייט און שווערן יאָך, וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף די מאַסן.

פאַר אָט דער אוממענטשלעכקייט און זייער אכזריות'דיקער באַצי־אונג צו די באַהערשטע פון זיי פעלקער און לענדער ווערן זיי מצד דער נבואה געוואָרנט און באַדראָעט מיט אומקום און פולשטענדיקן אונטער־גאַנג, אַלס שטראָף פאַר זייערע רשעות און פאַרדאָרבנקייט פון זייער כאַראַקטער, וועלכע ווערט דאָרט באַזונדער שאַרף און בולט אונטערגע־שטראָכן און באַטאָנט.

באַזונדער קלאָר און דייטלעך איז דאָרטן אויך אויסגעדריקט געוואָרן אָט די אינערלעכע טענדענץ און שטרעבונג צוזאַמען מיט דער האָפענונג און גלויבן אין דער פאַראייניקונג פון אַלע פעלקער און ראַסן, אין איין גרויסער אַל־וועלטלעכער פאַמיליע און ברידערשאַפט, וואו נאָר גערעכ־טיקייט און פרידלעכקייט, אָדער באַלאַנס און האַרמאָניע, וועלן הערשן איבעראַל און אומעטום, אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט. „און עס וועט ניט אויפהויבן איין פאָלק צו אַן אַנדער פאָלק קיין שווערד און זיי וועלן מער ניט לערנען זיך קיין קריג־פירונג". (ישעיה, ב; ד. מיכה, ד;ג).

די דאָזיקע אידייען זיינען געווים און זיכער ניט אַבסאָלוט קיין אָריגינעלע שאַפונג פונם אידישן פאָלק אַליין, אָן און פאַר זיך, נאָר זיי זענען געמיינשאַפטלעך און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער אונ־טערדריקטער און ליידנדיקער מענטשהייט.

אָבער זיי האָבן געפונען דעם שטאַרקסטן אָפקלאַנג און דעם מער ענטוזיאַסטישן אויפנאַם און סימפּאַטיע ביים אידישן פאָלק. ער האָט

אַנטיסעמיטיזם

אָט די אידייען פאַרהייליקט און פאַרגעטלעכט. זיי זיינען פון אים באַטראַכט געוואָרן אַלס דער גאַנצער זין און אינהאַלט פונם לעבן, פונם גאַנצן באַשאַף, און דעריבער זיי געגעבן דעם קלאָרסטן אויסדרוק . . .

דאָס אידישע פאָלק האָט מיט דער דאָזיקער פאַרהערלעכונג פון דעם באַלאַנס און האַרמאָניע פרינציפּ געשאַפן פאַר אָט דעם גערעכטיקייט-באַגריף די געלעגנהייט פאַר זיין מאַניפעסטאַציע אין דער עפנטלעכקייט, און דורך דעם ציען צו זיך די ספּעציעלע אַכטונג און די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, און אַרויסרופן די פאָדערונג, אַז דער דאָזיקער באַגריף זאָל ווערן דער גרונט-באַדינג און דער הויפּט-פאַקטאָר אין דעם סאָציאַלן לעבן בכלל, און אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג בפרט, אין אַלע הינזיכטן.

ווילנדיק אָדער אומווילנדיק, דאַרף אָנערקענט ווערן דער פאַקט, אַז אין פאַרגלייך מיט די פרעמדע דאָ אָנגעוויזענע קולטורן און, הויפּטזעכלעך, קעגן דער גריכישער קולטור, — האָט די אידישע אויסגעזען נישטיק און מינדערוויכטיק, און ווי אינגאַנצן הינטערשטעליק.

זי האָט זיך ניט אויסגעצייכנט אויף אַלע געביטן פון דער קונסט, ווי אין דער: אַרכיטעקטור, סקולפּטור, מאַלעריי און מוזיק, אָדער אין דער וויסנשאַפט, ווי: אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, מעדיצין, פיזיק און אַנדערע.

זי האָט ניט געבויט קיין פּרעכטיקע געביידעס, ווי: טעמפּלען און פּאַלאַצן מיט אַן אייגנאַרטיקייט פון סטיל אין דער אַרכיטעקטור. אויך איז ניט געווען אַנטוויקלט די סקולפּטור. זייער ווייניק סטאַטוען אָדער געמאָלענע בילדער האָט זי איבערגעלאָזט נאָך זיך פון יענער אוראַלטער עפּאָכע. דאָס אידישע פאָלק האָט ניט געקענט שטאָלצירן מיט וויסנשאַפט, ווי: אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, פיזיק, מעדיצין און אַנד., ווייל עס האָט צו די דאָזיקע געביטן קיין באַזונדערן, ספּעציפישן ביישטראַג ניט געמאַכט.

אָט די גאַנצע „הינטערשטעליקייט" איז, וואַרשיינלעך, געווען אַ פּועל יוצא פון דעם, וואָס זיין געדאַנק אָדער גייסטיקער שעפערישער כוח האָט זיך אָריענטירט, בעקר און אין גרונט, בלויז אויף דעם באַלאַנס און האַרמאָניע-פּרינציפּ, וועלכער איז אַליין ניט מער ווי אַן אידייע, אַן אַבסטראַקט, און זיין פאַרקערפּערונג און שטאָף אָדער מאַטעריאַל, וועלכער גיט אים צו אַ מער ממשותדיקייט און קאָנקרעטישקייט, — זעט אויס צו זיין ווי אינגאַנצן אומפּאַסיק און אומאָנווענדבאַר פאַר אָט דעם

צוועק; און, ווארשיינלעך, דערפאר — אט דער ספעציעלער פארבאט, נעמלעך: „דו זאלסט פאר זיך ניט מאכן קיין שום געשניצטעס געשטאלט און קיין בילד (פון דעם), וואס איז אין הימל פון אויבן, און (פון דעם) וואס איז אויף דער ערד פון אונטן, אדער (פון דעם) וואס איז אין וואסער אונטער דער ערד" (שמות, כ; ד). דער פארהערלעכונג און אנערקענונג־אויסדריקונג צו אט דעם באלאנס און הארמאניע פרינציפ, וועלכער איז פראקלאמירט געווארן מצד דער נבואה־אידעאלאגיע אלס דער איינציקער און אבסאלוטער הויפט־פאקטאר פונם גאנצן לעבן און וועלט־אל, איז געווען געגוג פאר דעם דאזיקן צוועק, די באשטימונג בלויז פון איין־און־איינציקן פונקט אדער צענטער, וואס זאל דינען אלס אנדייט און סימבאל פון זיין איינציקייט און הויפטקייט . . .

לויט דער נבואה'אישער אנשויאונג איז דער אויסערלעכער צערעמאניאל אדער ריטואל, וועלכער איז פראקטיצירט געווארן בלויז פאר עטוואס א פארקערפערונג פון אט דעם באגריף, וואס האט אין גרונט באטייט „גערעכטיקייט און רעכט", — דערקלערט געווארן אלס אומנויטיק און אומוויכטיק. דער דאזיקער פרינציפ האט דרינגענדיק געפאדערט אן אומבאדינגטע אנווענדונג אין דעם לעבן, אין דער פראקטיק פון זיך זעלבסט, — די גערעכטיקייט גופא.

אט די אידייע איז מערקבאר איבעראל אין דער נבואה. אלס באווייז וועט זיין גענוג אנצומערקן בלויז אויף איין שטעל, נעמלעך: „איך (גאט) פאראכט און האס אייערע אפערונגען, און וועל ניט שמעקן צו אייערע אפערונגען, אויב איר וועט מיר ברייגגען פייער אפערונגען. און אייערע געשאנקען, — וועל איך ניט באוויליקן; און אויף די אפערונגען פון אייערע פעטע אקסן, — וועל איך זיך ניט אומקוקן. נעם אוועק פון מיר דעם געברום פון דיינע געזאנגען און דאס שפילן פון דיינע הארפן וויל איך ניט הערן . . .

און זאל (בעסער אנשטאט דעם) זיך כוואליען אזוי ווי דאס וואסער דער משפט (גערעכטער אורטייל) און די גערעכטיקייט — ווי א מעכטיקער שטראם . . .

האט איר דען אפערונגען און געשאנקען מיר געבראכט (זייענדיק אין דער מדבר פערציק יאר (איר) הויז פון ישראל?" (עמוס, ה, כא־כד)

עס ווערט קלאר אז איבער אט דער אידעאלאגיע האט די קונסט בכלל זיך ניט געקענט אנטוויקלען ביים אידישן פאלק, ווארים זי איז באטראכט געווארן אלס אזעלכע, וואס איז כאראקטעריסטיש בלויז פארן היידנטום אדער פאגאניזם, פאר דער גלאריפיצירונג פון כוח און מאכט.

אַנטיסעמיטיזם

דעריבער געפינט מען אין דער ביבל אומעטום שאַרפע קעגנערשאַפט צו געצנדינסט, ווייל דאָס האָט דערפירט צו דעמאָראַליזאַציע און פאַרדאָרבנקייט פון די מידות און זיטן.

ווי עס זעט אויס האָט דער דאָזיקער דראַנג נאָך גלייכהייט און איינהייט אין דער געזעלשאַפט, וועלכער האָט געלעבט אינם געדאַנק און אין דעם לעבנס-באַנעם פונם אידישן פאָלק, — אויך, לאָגישערווייז, דערפירט צו דער אידייע פון מאָניזם, וואָס באַטייט, אַז אין דעם גאַנצן אוניווערז, אין דער נאַטור בכלל, איז פאַראַן בלויז נאָר איין-און-איינציקע אורזאַך אָדער פאַקטאָר, פון וועלכן ער איז אַנטשטאַנען אָדער דורך וועלכן ער עקזיסטירט און ווערט אויפגעהאַלטן. פון אָט דער מאָניסטישער קאָנצעפּציע האָט זיך נאָכדעם, מעגלעך, אַנטוויקלט דער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין איין-און-איינציקן גאָט, וועלכער איז דעריבער, פונקט ווי דער באַגריף פון באַלאַנס און האַרמאָניע, אָדער ווי די אידייע פון דער גערעכטיקייט — אַ פולשטענדיקער אַבסטראַקט אָדער אַן אַבסאָלוטער גייסטיקער וועזן, וועלכער ווערט באַגריפן בלויז מיט דעם אינסטינקט אָדער אינטעלעקט.

דער אידישער שעפערישער געדאַנק האָט דעריבער, אַנשטאָט דער קונסט אָדער עסטעטיק, אַנטוויקלט די עטיק, די מאָראַל-אויפפאַסונג; און פאַרביטן די סקולפּטור און די מאָלעריי מיט דער שאַפונג פון אַ גאַנצער בילדער-גאַלעריע, אינם גייסטיקן הינזיכט, אין וועלכער עס ווערן פאַרגעשטעלט טיפּן פון פאַרשידענעם מאָראַל-עטיק כאַראַקטער.

דער אורטייל וועגן זייער פּאָזיטיוויטעט אָדער נעגאַטיוויטעט איז איבערגעלאָזן געוואָרן צו דער געזעלשאַפט זעלבסט.

צוליב אָט דעם צוועק, אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג זאָל זיין אַליין דער ריכטער איבער דער כאַראַקטעריסטיק פון די געשילדערטע געשטאַלטן — זענען דעמאָנסטרירט געוואָרן אַ ריי פון באַזונדערע פאַרזענלעכקייטן אָדער פיזיאָנאָמיעס, כדי דערמיט צו אַנטוויקלען ביים פאָלק אַ פאַרשטנדיקן געדאַנק און זעלבסטשטענדיקע קריטיק און אייגענעם לאָגישן אויספיר.

די דאָזיקע בילדער אויסשטעלונג איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער ביבל ליטעראַטור, די איינציקע און הויפּט-שאַפונג פונם אידישן פאָלק, וועלכע דינט ווי די קלאָרסטע און דייטלעכסטע אָפּשפּיגלונג פון זיין קולטור און גייסטיקן באַגאַזש.

אַזעלכע בילדער שטעלן מיט זיך פאָר, אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן מענטשן, ווי: אָדם, נח, די דריי עלטערן פונם אידישן פאָלק — אברהם, יצחק און יעקב, און אויך: לויט, ישמעאל, עשו, משה, קרח, און אַנד.

עס איז אַ פאַקט, אַז דעם געדאַנק פונם אידישן פאָלק האָט הויפּט־זעכלעך אינטערעסירט, ניט די אויסערלעכע כוחות און די דערשיינונגען פון דער נאַטור, נאָר דאָס לעבן אַליין, אַן און פאַר זיך. ער איז געווען בעיקר נייגעריק צו באַגרייפן זיין מהות און זיין אין אַלע זיינע פאַר־מען: אין דעם סאָציאַלן, געזעלשאַפטלעכן און אינדיווידואַלן הינזיכט.

דורך זיין באַאָבאַכטן די אינערלעכע סטרוקטור פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט און אויך פון דער אַרומיקער און פרעמדער סביבה, — האָט ער דערפאַרן און דערשפירט אַ חסרון און אַ פגימה'דיי־קייט אומעטום און איבעראַל. ער האָט, דעריבער, געשטרעבט צו דער באַזייטיקונג פון אַט די דעפעקטן, אויסגלייכונג פון די דאָזיקע קרום־קייטן; און דערמיט שאַפן די גאַנצקייט און די איינהייטלעכקייט; און ברענגען דער האַרמאָניע איר געהעריקע פולקאָמענהייט. וועגן אַט דעם צוועק איז די גאַנצע מאָראַל און עטיק אויפפאַסונג פון דער ביבל אין דעם אַלגעמיינעם זין געווענדט און געריכטעט הויפּטזעכלעך און בעקר — צום כלל, צום גאַנצן פאָלק.

די גרונט כונה איז געווען,—די אויסבעסערונג פון אַלע פאָלקס־מאַסן און שיכטן אינם מאָראַלן און זיטלעכן זינען. דעריבער איז די דאָזיקע מאָ־ראַל און עטיק אידעאָלאָגיע אַ פשוט'ע און איינפאַכע, אַן ערדישע; און איז אין די מעגלעכקייט גרעניצן פון יעדן פשוטן און דורכשניטלעכן מענטשן צו פראַקטיצירן און אָנווענדן אין דער ווירקלעכקייט, אין דעם רעאַלן לעבן, אָן שום באַזונדערע שוועריקייט און איבערמעסיקער אָנ־שטריינגונג.

ווי עס שיינט, איז די ביבל אויפפאַסונג געווען פולשטענדיק באַ־וואוסטזיניק אויף דעם פאַקט, אַז די קאָראַקטירונג פונם אינדיווידו קען אַנדערש ניט דערגרייכט ווערן, נאָר דורך דער אומבאַדינגטער, ראַ־דיקאַלער רעפאָרמירונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן מאָראַלן סטאַטוס פונם גאַנצן כלל. דעריבער דערשיינט אַט די גאַנצע ביבלישע מאָראַל און עטיק אידעאָלאָגיע אין זייער אַ מענטשלעכן כאַראַקטער און מיט אַן אינהאַלט פון רעאַלן לעבן.

לויט איר מהות, קען זי אין קיין אופן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ פראָדוקט פון פילאָזאָפישן דענקען אָדער פון איבערטריבענעם אידעאַליזם און סענטימענטאַליטעט.

עס מוז אויך אונטערגעשטראָכן ווערן דער פֿאַקט, אַז אָפּגעזען פֿון אַט דעם ביבלישן מאָראַלן איינפֿלוס און דער נבֿואה'שער אידעאָלאָגיע פֿון רעכט און גערעכטיקייט, וועלכע זיינען געווען גאַנגבאַר אַן ווירק־זאַם צווישן די אידישע ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, — זענען דאָרטן געווען אויך עלעמענטן מיט אינערלעכער, אָדער, אידייאישער סימפּאַטיע און נאָכפֿאָלגערשאַפֿט צו דער פֿאַגאַניסטישער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער פֿאַר־הערלעכונג און פֿאַרערונג פֿון קראַפֿט און מאַכט.

אַלס אַזעלכע האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט: די אַריסטאָקראַטיע, דער אַדעל, און, בכלל, — די מאַכט און וואוילהאָבנדיקע שיכטן.

זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט אין אַט דער אָריגינעלער און נאַטירלעכער פֿאָרם אין דעם געהעריקן מאָמענט, וועלכער האָט קלאָר און ריכטיק אָפּגעשפּיגלט אַט די פֿאַגאַניסטישע כאַראַקטעריסטיק.

V

דער קאַמף צווישן מאַכט און גערעכטיקייט

די ערשטע צוזאַמענטרעפונג פון דעם אידישן פאָלק מיט דעם גריכנטום איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן.

אין אָנפאַנג האָט עס געטראָגן אַ פולשטענדיק טאָלעראַנטן און פרידלעכן כאַראַקטער.

דער קאָנפליקט צווישן זיי איז אַנטשטאַנען, אומגעפער, אַרום הונדערט פערציק אָדער פופציק יאָר נאָך זיין טויט. נאָכדעם, ווען די פאַרהעלטענישן און באַציאונגען פון איינעם צום אַנדערן זענען געוואָרן אָפטער, נעענטער און ענגער, און די פאַרשידנאַרטיקייט, די ווידערשפּרוכיקייט פון זייערע אידעאָלאָגיעס, לעבנס-באַנעמען און וועלט אנשויאונגען האָבן געהאַט אַ געוויסע קעגנזייטיקע ווירקונג אויף דעם פּאָליטישן קורס; און, הויפּטזעכלעך, אויף דעם אינערלעכן צושטאַנד פון דער איינגעשטעלטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פון יעדן איינעם פון אָט די ביידע פעלקער.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די וואויל און מאַכטהאָבנדיקע גרופּעס פונם אידישן פאָלק האָבן, נאַטירלעך, זיך פולשטענדיק סאָלידאַריזירט און צוגעשטימט וועגן זייערע אייגענע אינטערעסן, מיט דער לעבנס-קאָנצעפּציע און וועלט אָנשויאונג פון דעם גריכנטום. וואָרים, מאַכט—באַרעכטיקט מאַכט... און דאַקעגן, — די אונטערדריקטע מאַסן פונם גריכישן פאָלק גופא, און אויך די באַהערשטע און אונטעריאָכטע קלענערע פעלקערשאַפטן, באַקענענדיק זיך מיט דער נבואה'שער אויפפאַסונג פון דער סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט, — זענען זיי פון איר באַזונדערס אימפּאָנירט געוואָרן; און האָבן מיט איר פולשטענדיק סימפּאַטיזירט, זעענדיק אין דער דאָזיקער אנשויאונג דעם קלאָרן און דייטלעכן אויסדרוק פון זייער אייגענעם, אינערלעכן וואונש אָדער דראַנג, וועלכע איז געלעגן אָדער ליגט באַהאַלטן און ווי דערשטיקט אין זייער געדאַנק און געפיל.

און, וואָרשיינלעך, האָט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פאַראורזאַכט, צייטנווייז, אויפברויזונג און אומרואיקייט צווישן אָט די באַדריקטע און פון רעכט באַרויבטע עלעמענטן. דאָס גריכנטום, זייענדיק שטאָלץ מיט זיין קולטור און אויך מיט זיין פּאָליטישער מאַכט, — האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די באַזיגטע און אונטערטעניקע צו אים פעלקער; באַ-

טראַכטנדיק זיך זעלבסט אַלס אַ העכער און ציוויליזירט פאָלק, און די אַנדערע—אַלס נידריקע, אָפּגעשטאַנענע. ער האָט זיי דעריבער באַצייכנט מיטן נאָמען: „באַרבאַרן"; וואָס דאָס מיינט: „ווילדע", אָדער פּרימיטיווע, כדי מיט אָט דער דעגראַדירונג צו באַרעכטיקן זייער פאַרשקלאַפונג און באַדריקונג.

עס ווערט זעלבסט באַגרייפלעך, אַז כל זמן די ווידערשפּרוכיקייט, דער קאָנטראַסט פון אָט די ביידע באַזונדערע אַנשויאונגען פון די דאָ־זיקע צוויי פעלקער האָט געהאַט אַ שוואַכע און קנאַפּע ווירקונג איינע אויף די אַנדערע, — האָבן זיי זיך דאַן נאָך געקענט דולדן און טאָלערירן. אָבער ווען די דאָזיקע קעגנערישקייט און אַנדערשקייט זייערע האָבן אָנגעפאַנגען פירן אַ קאַמף און שטרייט צווישן זיך — איז דאַן געוואָרן אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן יעדע פאָרם פון פשרה און קאָמפּראָמיס פאַר דער ווידעראיינשטעלונג פון שלום און טאָלעראַנץ צווישן זיי. מערער און בעיקר האָט זיך געשראָקן דאָס גריכנטום, אָדער, דער העלעניזם בכלל, פאַר דער אידישער לעבנס-אויפפאַסונג, זעענדיק אין דער לעצטער דעם שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן זיין געדאַנקען-גאַנג, בכלל; און ווי אַ פולשטענדיקע אָפּלייקענונג אָדער פאַרמינדערונג פון דער ווערט און פון דער וויכטיקייט פון זיין גאַנצער קולטור.

דער גריכישער גייסטיקער און פיזישער ריז, — האָט ווי דערפילט און באַגריפן אַ „קליינקייט" און „נישטיקייט" פון זיך זעלבסט לגבי דעם אידישן גייסטיקן און פיזישן ליליפוט . . .

דאָס גריכישע פאָלק האָט דערשפּירט און קלאָר באַנומען דעם פאַקט, אַז אָט דאָס קליינע און שוואַכע אידישע פאָלק מיט אָט דער באַשיידענער קולטור, וועלכע איז פאַרקערפּערט בלויז אין וואָרט און אין בוכשטאַב, באַזיצט אָבער מיט דעם אַן אומגעהויערע ווירקונג און אַ באַהאַלטענע קראַפט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאָר ערנסטע געפאַר צו זיין פּרעסטיזש, איבערהערשאַפט און, מעגלעך, אויך בנוגע זיין קיום.

דעריבער, אַלס רעזולטאַט פון דעם, האָט די מעכטיקע גריכישע מלוכה פון סיריע זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם קליינעם און שוואַכן אידישן פאָלק.

דער פּרינציפּ פון קראַפט אָדער, ריכטיקער, פון גוואַלדזאַמקייט האָט באַשלאָסן די אומבאַדינגטע און אַבסאָלוטע פאַרניכטונג אָדער אָפּשוואַכונג פון דעם פּרינציפּ פון באַלאַנס, וואָס דאָס מיינט: „גערעכ־טיקייט" און מעטאַפאַרישן זין.

נחום קישנער

דעם ענדגילטיקן זיג, ווי עס איז באַקאַנט, לויט די היסטאָרישע פאַקטן, האָט געווינען דאָס „נישטיקע" און „מיזעראַבלע" אידישע פאָלק, אין דעם אויפשטאַנד פון די העלדישע ברידער, די חשמונאים אָדער מאַ־קאַביייער.

די „גערעכטיקייט" האָט דאַן פולשטענדיק טריאומפירט איבער דער פיזישער „מאַכט" און „קראַפט".

דער דאָזיקער נצחון האָט אָבער אין גרונט באַדייטעט בלויז די דערוויילעקע רעטונג פון דעם אידישן פאָלק פון דער געפאַר פון פול־שטענדיקן אומקום. און, ווי זעלבסט פאַרשטענדלעך, באין אופן ניט, די צעשטערונג פון זיין ביטערן שונא, די העלענישע הערשאַפט, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלס סימבאָל און מאַניפעסטאַציע אָדער פרינציפּ פון גבורה און מאַכט, דורך דעם, וואָס זי האָט צו אים אויסגעדריקט עפנט־לעכע פאַרהערלעכונג און אָנערקענונג אַלס דעם הויפּט־פאַקטאָר אין דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן.

דער קאַמף צווישן אָט דיביידע פעלקער, דאָס גריכנטום און דאָס אידנטום, פאַר זייערע פאַרשידענע פרינציפּן, באַזונדערע אידעאַלן און אָנשויאונגען האָט ניט אויפגעהערט: ער איז פאַרגעזעצט געוואָרן ווייטער מיט אַלערליי מעטאָדן מיט קעגנזייטיקער עקשנות. דער העלעניזם, האָט דעמאָלט, נאָך אָט דער נידערלאַגע, פולשטענדיק באַגריפן די באַזונדערע וויכטיקייט און באַדייטונג פון דעם גערעכטיקייט פרינציפּ, נעמלעך, אַז ער שטעלט מיט זיך פאַר דעם הויפּט־זין און דעם גאַנצן מהות פון דעם לעבן, סיי פון דעם כלל און סיי פון דעם פרט, באַזיצנדיק אַ זייער סטי־מולירנדיקע אייגנשאַפט פאַר דערמוטיקונג און דערמונטערונג צו העלדנ־טאַט און צו זעלבסט־אָפּערונג, און אַז אָן אָט דעם גערעכטיקייט אידעאַל, שטעלט מיט זיך פאַר יעדע נאַציאָנאַלע קולטור, אַפילו פון דעם גרעסטן פאַרנעם, ניט מער ווי אַן ארנאַמענטירטע שאָלעכץ אָרום אַן אַבסאָלו־טער הוילקייט און ליידיקייט.

דער העלעניזם האָט זיך געפילט פיינלעך געטראָפן און אין אַ לאַגע פון אנטוישונג און געפאַלנקייט אין מוט ביי זיך זעלבסט, בנוגע זיין קולטור, מאַכט און אידעאָלאָגיע.

זיין נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, שטאָלץ און עגאָאיזם האָבן אים אָבער ניט דערלויבט צו אָנערקענען און שלום מאַכן מיט אָט דעם ממשות'דיקן פאַקט. ער איז פסיכאָלאָגיש עפעקטירט געוואָרן פון אָט דער שווערער לעבנס־דערפאַרונג דורך זיין קומען אין באַציאונג מיט

אנטיסעמיטיזם

דעם דאָזיקן גייסטיק און קולטורעל אָרימען און שוואַכן אידישן פאָלק. ער האָט אים דערפאַר די דאָזיקע מפלה קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן און מוחל זיין. עס האָט זיך דעריבער ביים העלעניזם אַנטוויקלט אַ טיפע שנאה און אַ שטאַרקע ליידנשאַפט און געפיל צו נעמען נקמה פון דעם אידנטום, וועלכע זענען, וואַרשיינלעך, אַלס פסיכאָז, איבערגעגאַנגען בירושה צו די העלענישע דורות, אָדער, צו די עלעמענטן, וואָס זענען באַווירקט געוואָרן פון דעם העלענישן גייסט, קולטור און טראַדיציע.

ווי אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם אמת פון דעם דאָ דערקלערטן און אָנגעמערקטן — דינט דער פאָלגנדיקער פאַל, נעמלעך, וואָס דער העלעניזם, אויפהערנדיק צו פיגורירן, איבער זיין אָפּגעשוואַכטקייט און אויסגעשעפּטקייט און, מעגלעך, דורך זיין דעגענערירטקייט, אַלס אַ דאָמינירנדיקע פּאָליטישע מאַכט אין סיריע און עגיפּטן, און ניט זייענדיק מערער אין אַ שטאַנד צו באַפאַלן און באַקעמפן דאָס אידנטום, ווי אַמאָל, מיט דער פיזישער קראַפט דורך דער שווערד, — האָט דאַן אָנגעפאַנגען דאָס אָנצוגרייפן און אַטאַקירן מיט אַ גייסטיקן געווער, מיט דער שריפט און וואָרט.

אין עגיפּטן, וואו עס האָבן געלעבט גרויסע טיילן פונם אידנטום און גריכנטום, האָבן זיך באַוויזן גריכישע שריפטשטעלער און דענקער, וועלכע האָבן ספּעציעל דורך זייערע ווערק און ליטעראַרישע שאַפונגען פאַרשפּרייט אַלערליי בלבולים, פאַרלוימדונגען און געמיינע באַשולדיקונגען אויף דעם אידישן פאָלק. דער באַוואוסטער צווישן זיי איז געווען איינער מיטן נאָמען: אפּיאָן, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון די רוימישע קיסרים, טיבעריאוס און קאַליגולא.

זיינע שריפטן האָבן אין זיך אַנטהאַלטן פיל נידערטרעכטיקע בלבולים, אַבסאָלוט פאַלשע פאַקטן און ליגנערישע באַהויפּטונגען בנוגע דעם גאַנצן אידישן פאָלק. דער הויפּט־צוועק איז, זעלבסט פאַרשטענדלעך, געווען — דורך אַט דעם מיטל אָדער מעטאָד צו דעגראַדירן און דערנידעריקן דאָס אידנטום, און דאָס פאָרצושטעלן אַלס אַ פאָלק פון אַבסאָלוטער זיטנלאָזיקייט און כאַראַקטער־פאַרדאָרבנקייט, אין די אויגן פון דער אַרומיקער ספּערע און פון דעם וועלט־פעלקערטום, אין דעם אַלגעמיינעם זינען.

דער באַטרעפנדיקער פאַקט, באַזונדער גענומען, און אין פאַר זיך, דערשיינט אַלס אַן אויסנאַמלעכע מערקווירדיקייט, אויסטערלישער און פענאָמענאַלער פאַל אין דער אַלגעמיינער קולטור און ליטעראַטור געשיכטע. וואָרים עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איז פאַרשפּרייט

נחום קישנער

געוואָרן שנאה אויף אַזאַ אופן בלויז צו איין-און-אייציק פאָלק, — דעם אידנטום, הויפּטזעכלעך פון אייגנהאַרציקייט און קנאה.

אַזוי איז צום ערשטן דערשינען אויף דער געזעלשאַפטלעכער בינע דער אַנטאַגאָניסטישער אַנטיסעמיטיזם. דעם זעלבן קאַמף פאַר זיינע פּרינציפּן און אידעאַלן האָט דאָס אידנטום געפירט אויך קעגן דער רוי־מישער ממשלה, אינם רשות פון וועלכער עס איז אַריינגעפאַלן נאָך דעם אונטערגאַנג פון די העלענישע מלוכות פון סיריע און עגיפּטן; בלויז די טאַקטיק און די מעטאָדן זענען, איבער די אַנדערע באַדינגונגען, געווען געענדערט. די רוימישע באַדריקונג און אונטעריאָכונג פון דעם אידישן פאָלק האָט אין אייניקע פּרטים איבערגעשטיגן מיט איר גרויזאַמקייט די פריערדיקע, די גריכישע. די דאָזיקע אויסערגעוויינטלעך שווערע אומ־שטענדן פון דעם קיום פונם פאָלק האָבן אָבער נאָך מערער אין אים פאַר־שטאַרקט און פאַרפעסטיקט זיין האָפענונג און גלויבן אין דעם זיג פון דער גערעכטיקייט איבער דער מאַכט און קראַפט, וועגן וועלכן די נבואה האָט נאָך לאַנג פריער פאַראויסגעזאָגט און פאַרבאַשטימט.

די דאָזיקע וויזיע און פאַרזאָגונג האָט געגאָלטן פאַר אים, דעם פאָלק, ווי אַ פולשטענדיקע רעאַליטעט, ווי אַן אומפאַרמיידלעכער פאַקט, וועגן וועלכן עס איז קיין אָרט ניטאָ פאַר קיין שום סקעפּטישקייט און צווייפ־לונג בנוגע זיין פאַרווירקלעכונג; הגם די דאָזיקע נביאות האָט זיך באַ־צויגן צו דער צוקונפט פון אומבאַשטימטער נאָענטקייט אָדער ווייטקייט.

אָט די אינערלעכע איבערצייגטקייט איז, וואַרשיינלעך, געווען אַ פאַל, אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די פּאָליטישע קאַטאַסטראָפע, דער חורבן פון זיין לאַנד דורך בבל, ווי אויך זיין צוריקקער צו זיין היים און די עטאַבלירונג פון אַ נייער מלוכה אונטער דער פּערסישער שוץ, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פּאַסירונגען, וואָס זענען מיט פילע דורות צוריק פאַרגעזען און פאַרגעזאָגט געוואָרן, קלאָר און דייטלעך, פון דער נבואה, אָדער נביאים, בכלל; און וועלכע זענען פולשטענדיק מקוים געוואָרן, לויט דער נבואהשער אויפפאַסונג, אַלס היסטאָרישע פאַקטן, אויסגע־דריקט אין אָט די אויגנשייַנלעכע געשעענישן.

דעריבער אַלס לאָגישער אויספיר, איז די פאַרווירקלעכונג פון יענע נביאותן באַטראַכט געוואָרן מצד דעם געדאַנק פונם פאָלק, פאַר אַן אַב־סאָלוטער זיכערקייט און פולער גאַראַנטיע פאַר דער אומבאַדינגטער דערפילונג און פאַרקערפּערונג אינם לעבן אויך פון די דאָזיקע לעצטע נביאותן.

אנטיסעמיטיזם

דאָס פאָלק האָט געקוקט אויף זיין דערלייזונג און אויפלעבונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט און נאָך זיין צוריקקער פון בבל אין זיין לאַנד, ווי אויף אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך אינגאַנצן נאָך ניט פאַרענדיקט און נאָך ניט דערגרייכט צו זיין פולשטענדיקייט.

דאָס איז, וואַרשיינלעך, געווען דערפאַר, וואָס די גענצלעכע באַפרייאונג פון פרעמדער הערשאַפט און די פולקאָמענע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, וואָס די נבואה האָט פאַר אים פאַרבאַשטימט — איז נאָך ניט געקומען, און עס האָט פון אָט דער באַקוועמלעכקייט גאָרניט געגאַסן.

די דאָזיקע גאַנצע עפּאָכע האָט דאָס פאָלק געליטן פון אויסערלעכער באַדריקונג און פרעמדן יאָך. פריער פון דער פּערסישער מאַכט, נאָכער — פון דער גריכישער טיראַניע, און צולעצט, פון דער רוימישער געוואַלדזאַמקייט. עס האָט דעריבער ניט אויפגעהערט צו האָפן און צו וואַרטן אויף זיין פולער באַפרייאונג און אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט, זיכערקייט און פרידן; און הויפּטזעכלעך, אויף דער איינאָרדענונג פון דעם גערעכטיקייט פּרינציפּ אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן דורך אַן אידעאַלן הערשער, פירער אָדער קעניג, וואָס וועט אָפּשטאַמען פון דער דינאַסטיע אָדער „פון דעם הויז פון קעניג דוד". אָבער די דאָזיקע „אָפּשטאַמונג זיינע פון דודס הויז האָט ניט באַדייטעט אין דעם איינגן בוכשטעבלעכן זין פון אויסדרוק, — נאָר, הויפּטזעכלעך, אין דעם סימבאָלישן אָדער פּאַראַבאָלישן באַגריף.

דאָס האָט געמיינט, אַז יעדער הערשער אָדער פאָלקס־פירער, וואָס וועט איינשטעלן דעם גערעכטיקייט־פּרינציפּ אין זיין הערשאַפט איבערן פאָלק, ווערט ער באַטראַכט ווי ער קומט אַרויס דירעקט פון „דודס הויז", הגם לויט זיין געבורט און יחוס האָט ער מיט דעם לעצטן קיין שום שיכות און פאַרוואַנדשאַפט ניט. דאָס איז דערפאַר, וואָס דוד האָט פיגורירט אין דעם געדאַנקען־גאַנג פונם פאָלק אַלס דער אידעאַלישסטער קעניג, וועלכער האָט שטענדיק שטרייננג פּראַקטיצירט אינם לעבן אָט דעם פּרינציפּ פון דער גערעכטיקייט.

ווייל אַלס אַזעלכער ווערט ער פאַרגעשטעלט אין די הייליקע שריפטן דורך דער פאָלגנדיקער אָנמערקונג, נעמלעך: „און דוד פלעגט טאָן גערעכטיקייט (צדקה) און אָרנטלעכקייט (משפט) צו זיין גאַנצן פאָלק" (שמואל ב׳, ח.—טו). אַזאַ דערוואַרטעטער אידעאַלער פאָלקס־הערשער אָדער פירער איז אין די הייליקע שריפטן באַצייכנט געוואָרן מיט דעם טערמין „משיח".

שפּעטער, אין דער פּאָלקס לעגענדע און אין דער תּלמודישער לי־טעראַטור, ווערט ער אָנגערופן אָדער טיטולירט מיט דעם נאָמען, ווי: „גואל צדק" און „משיח בן־דוד". אין אידיש מיינט דאָס: דער משיח פון דער גערעכטיקייט און משיח, דער זון פון דוד. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז מיט דעם טערמין „דער זון פון דוד" ווערט געמיינט אין גייסטיקן הינזיכט; ער ווערט דערקלערט אַלס „דודס זון" דערפאַר, וואָס ער גייט אין די וועגן פון דוד, ווייל ער פּראַקטיצירט גערעכטיקייט.

דאָס וואָרט „משיח" גופא באַטייט אין אידיש „געזאַלבטער" אָדער „מיט אייל־געשמירטער", ווייל די קרוינונגס־צערעמאָניע פון אַ קעניג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף זיין קאָפּ איז אַרויסגעגאָסן געוואָרן אַ ספּעציעלע אויל, אַלס צייכן פון גאָטס ברכה . . . דער טערמין „משיח" איז געברויכט געוואָרן אַלס עפּיטעט און כבוד־צייכן, איבערהויפּט, צו אַ קעניג, וואָס איז דערשינען ווי אַ הויפּט־פאַקטאָר אין דער רעטונג אָדער באַפרייאונג פונם פאָלק פון פרעמדער מאַכט און אונטערדריקונג. אַלס אַזעלכער ווערט דער ערשטער קעניג, שאול, אַזוי אָנגערופן אין די הייליקע שריפטן אין דעם נביאס ווענדונג צום פאָלק, נעמלעך: „אָט בין איך, ענטפערט מיר פאַר גאָט און פאַר זיין משיח" (שאול) (שמואל א, ב—ג) און אַזוי אויך דוד, „אָט דאָס זענען די רייד פון דוד דער זון פון ישי און די רייד פון דעם מאַן, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין דער הויך, דער משיח פון דעם גאָט פון יעקב" (שמואל ב', כג־א).

אַפילו אַ ניט־אידישער, דער פּערסישער קעניג, כורש — איז, פאַר זיין באַפרייען דאָס פאָלק פון דער בבל געפאַנגשאַפט, באַערט געוואָרן מצד דער נבואה, אָדער אין די הייליקע שריפטן, מיט דעם זעלבן טיטול פון „משיח". אַלס קלאָרער באַווייז צו דעם דינען די ווערטער פון דער נבואה, נעמלעך: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו זיין משיח, צו כורשן" . . . (ישעיה, מה; א)

דעריבער, ווי עס איז נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך איצט, זאָל דער דערוואַרטעטער באַפרייער און רעטער פונם אידישן פאָלק פון דער פרעמדער איבערהערשאַפט און אונטערדריקונג טערמינירט ווערן מיט אָט דעם כבוד־נאָמען, ווייל ער איז דער פּאַסיקסטער, לויט דעם כאַראַקטער פון דער העברייאישער שפּראַך, אויסצודריקן מיט זיך די באַזונדערע מיסיע און אויפגאַבע, וועלכע איז אויף אים מצד דער גע־שיכטע, שיקזאַל אָדער געטלעכקייט אַרויפגעלייגט געוואָרן.

אָט דאָס איז די ווירקלעכע באַדייטונג פון דעם וואָרט „משיח". דער דאָזיקער באַגריף אַנטהאַלט אין זיך ניט קיין שום ספּעציפישעס,

מיסטישקייט און איבערנאַטירלעכקייט. עס האָט צווישן פאָלק שטאַרק געהערשט דער טיפער גלויבן, אַז אָט דער אידעאַלער קעניג אָדער „פי־רער" וועט, לויט דער פאַרזאָגונג און באַשטימונג פון דער נבואה, אים, דאָס אידישע פאָלק, דערהויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה פון מאָראַל און זיטלעכער פולקאָמענהייט, אַז עס וועט זיין בכוח צו באַווירקן און באַאיינפלוסן מיט זיין גייסט און אידעאַליזם פיל פעלקער און גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט.

אָט דאָס איז דער גאַנצער תמצית און גרונט־אינהאַלט פון דער נבואה׳שער משיח־וויזיע אָדער פון דעם „משיחיזם" בכלל.

דער הויפּט־אידעאַל און די עקר־שטרעבונג פון דער נבואה איז געווען, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל צווישן די פעלקער, ניט דורך פיזישער מאַכט און רויער קראַפט, נאָר דורך זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן און מיט זיין אידעאַלער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג און סאָציאַלן יושר, וואָס וועט איינגעשטעלט ווערן אין זיין לאַנד, פיגורירנדיג ווי אַ מוסטער און ביישפּיל פאַר די אַנדערע פעלקער, זיי זאָלן אים נאָכפאָלגן און אויך איינפירן ביי זיך די זעלבע סאָציאַלע גערעכטיקייט און זייער אַרט לעבן און דערגרייכן די זעלבע הויכע מדרגה אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דערפאַר וועט זייער באַציאונג צום אידישן פאָלק זיין מיט באַזונדערער אַכטונג און ערעפורכט, אַלס אויסדרוק פון געהעריקער אָפּשאַצונג און טיפער אָנערקענונג.

אָט אויף אַזאַ אידעאַלער הערשאַפט האָט געהאָפט און דערוואַרט דאָס אידישע פאָלק; און וועגן אַזעלכער האָט געשפינט און געוועבט אירע טרוימען די נבואה.

וויל דאַמאָלט איז די מאַכט איבער דעם פאָלק געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון דעם פּריסטער קלאַס אָדער פון די כהנים גדולים און אויך אין די הענט פון די קעניגן אָדער „טעטראַרכן" פון דער הורדוס־דינאַסטיע, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון גרים; אָבער באין אופן ניט פון דעם „הויז פון דעם קעניג דוד", דער גערעכטיקייט סימבאָל.

די דאָזיקע מושלים, די פּריסטערשע און די טעטראַרכישע זענען געווען פולשטענדיק קאָרופּטירט און פאַרדאָרבן, און צוזאַמען מיט דער רוימישער איבערמאַכט, צו וועלכער זיי זענען געווען אונטערגעוואָרפן, פלעגן זיי אויף אַ געוויסנלאָזן אופן שטענדיק, מיט באַזונדערער גרויזאַמקייט און ברוטאַליטעט, באַדריקן און באַרויבן די אָרימע פאָלקס־

מאסן, זויגנדיק זייער בלוט אזוי ווי וואמפירן. הויפטזעכלעך האט געליטן פון די שווערע אפצאָלונגען פון פאַרשידענע שטייערן דאָס פויערטום, די פּאַמכאַנשאַפט און די אַנדערע האַרעפּאַשנע און פּראָדוצירנדיקע עלע־מענטן.

עס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז דאָס פאָלק האט געקוקט אויף דער דאָזיקער הערשאַפט ווי אויף אַן אומגעוויינשענער, פרעמדער און בייזוויליקער; און מיט דער באַציאונג פון טיפער פאַראַכטונג און אַנט־ריסטונג, פון וועלכער עס האט געשטרעבט וואָס גיכער באַפרייט און פּטור צו ווערן, ווי פון אַן אומגליק און אַנשיקעניש.

דעריבער האט זיך אינם פאָלק נאָך מער פאַרשטאַרקט דער ווילן און דער דראַנג נאָך פולשטענדיקער באַפרייאונג און דערלייזונג פון דעם יאָך פון די פרעמדע און אויך פון די אייגענע אונטערדריקער און באַצווינגער.

הגם דאָס אידישע פאָלק האט איצט ניט באַזעסן די מעגלעכקייט זיך קעגנשטעלן זיינע שונאים מיט קיין רויער פיזישער מאַכט, מיט קיין געווער און אַרמייען, — האט דאָס אָבער דעם קאַמף פאַר דעם גערעכ־טיקייט־אידעאַל און זיין זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט ניט אויפ־געהערט פאַרצוזעצן . . . ענדערנדיק צוליב דעם בלויז די טאַקטיק, דעם אופן און מעטאָד.

דער לעצטער איז בעיקר באַשטאַנען בלויז פון גייסטיקן און מאָראַלן אינהאַלט. אָבער דערפאַר האט ער תמיד טרעפלעך אַנגעגריפן אַט די פאַרהאַסטע מאַכט.

דאָס פאָלק האט אַרויסגעשטעלט אַ דערווידערונג אויף אַ פרידלעכן אופן און אויסגעדריקט זיין טיפע פאַראַכטונג צו איר אין שטילשוויי־געניש אָבער אויף אַ שאַרפן און פילבאַרן שטייגער, שעפנדיק פאַר דעם קוראַזש און מוט פון די קוואַלן פון דער אַלטער נבואה, אין וועלכער זיין באַפרייאונג און דערלייזונג איז דאָרטן פאַראויסגעזאָגט געוואָרן מיט באַזונדערער זיכערקייט און באַשטימטקייט, און צו וועלכער זיין באַציאונג איז געווען מיט דעם אויפריכטיקן גלויבן בנוגע דער אומבאַ־דינגטער פאַרווירקלעכונג פון אירע אידעאַלן פון דער סאָציאַלער גע־רעכטיקייט אין דעם לעבן בכלל . . .

VI

די איסים

אלס אַ פּראָטעסט צו דער געווינסלאָזיקייט און מאָראַלער פאַר־דאָרבנקייט פון די אויבערשטע און פּריווילעגירטע שיכטן פונם אייגענעם פאָלק און פון דער פרעמדער הערשאַפט,—האָט זיך דאַן אַנטוויקלט און אויסגעברייטערט אויף אַ גוואַלדיקן פאַרנעם די ביבל־מאָראַל, וואָס האָט איר גרונט־מאָטיוו און הויפּט־פּרינציפּ, באַזירט אויפן אויסדרוק אָדער געבאָט: „זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט גלייך ווי זיך זעלבסט”. ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער גאַנצער תמצית, דער הויפּט־אינהאַלט פון דער ביבל עטיק.

די באַזונדערע חשיבות און וויכטיקייט פון דעם מענטשלעכן וועזן בכלל, איז נאָך לאַנג פריער פּראָקלאַמירט און אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דער ביבלישער אויפפאַסונג, בעטאָנענדיק אייניקע מאָל: „אַז אין דעם געשטאַלט פון גאָט האָט ער (גאָט) באַשאַפן דעם מענטשן” (בראשית א, כו; כז; ה, א, ט, י) דאָס איז געווען אַ דירעקטע אָנדייטונג אויף דעם מאָטיוו פון זיין ווערט דורך דעם, וואָס ער איז ענלעך צו גאָט . . . אָט דער מאָטאָ האָט איצט באַהערשט דעם באַוואוסטזיין פון די אינטעלעקטועלע שיכטן פונם פאָלק און אויך גרויסע טיילן פון די פאָלקס־מאַסן. און ווי אויף דערווידער צו דער הערשנדיקער ברוטאַליטעט און פול־שטענדיקע פאַראַכטונג צום מענטשן,—איז דאַן אַנשטאַנען די אידייע פון מענטשנליבע און פריינטלעכע פאַרהעלטענישן און ברודערלעכע באַציאונגען צווישן אַלע מענטשן, פעלקער און לענדער.

די דאָזיקע אידעאַלן זענען געווען די פאַרקערפּערונג פון דער שטרע־בונג צו דער פאַרווירקלעכונג פון די נבואה'אישע וויזיעס און אינער־לעכע ווינטשן אין אַלגעמיין.

מיט אַ באַזונדערער מענטשנליבע, ניט נאָר בלויז דורך פּריידיקונג, נאָר בעיקר מיט דער פּראַקטיצירונג האָט זיך אויסגעצייכנט די באַרימטע און פּאָפּולערע פערזענלעכקייט פון הלל פון בבל. זיין געמיטלעכקייט, באַשיידנקייט און פריינטלעכקייט צו יעדן מענטשן איז פיל מאָל אילוסט־רירט און אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס ביישפּיל און מוסטער. איבער דער אומגעהויערער ווירקונג פון אָט די אידייען, לעבנס־בליקן און שטרע־בונגען, אונטער דעם שווערן דרוק און צוואַנג פון די אומגינסטיקע פּאָ־ליטישע אומשטענדן,—האָט זיך ביים פאָלק מער פאַרשטאַרקט די האָפע־

נונג און דער דראַנג צו דערלייזונג און פרייהייט. עס האָט זיך ביי אים גע־שאַפן אַ באַזונדערע בילד און פאָרשטעלונג פון אַ גליקלעכער און ליכ־טיקער צוקונפט (לעתיד לבא), אָדער דער באַגריף פון אַ נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט געמאָלן אין רעגנבויגנדיקע קאָלירן און פאַרבן.

אין געוויסע טיילן פונם פאָלק האָט אָבער דאָן געהערשט אַן אומ־רואיקייט, ריכטיקער — אַן אומגעדולדיקייט און מידקייט פון וואַרטונג; און דעריבער האָט זיך דאַמאָלט אויסגעפאָרמירט אַן עקסטרעמע ריכטונג מיט דער הויפּט־טענדענץ צו דערנעענטערן און פאַרשנעלערן דעם אָנ־קום פון אָט דער דערלייזונג און פון דער גליקלעכער צייט אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך.

וועגן דער לייזונג פון אָט דעם פּראָבלעם האָט די באַטרעפנדיקע גרופּע געשטרעבט צו אַנטוויקלען אַ נייע געזעלשאַפט פון אַ נייער פאָרם און סטרוקטור, אינגאַנצן באַזירט אויף די פּרינציפּן פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, אין וועלכער עס זאָל ניט זיין קיין אָרט פאַר קיין קלאַסן און שטאַנדן, וואו עס זאָל הערשן פאַר יעדן און פאַר אַלעמען די אַבסאָ־לוטע גלייכהייט אין אַלע הינזיכטן: סיי אין מאַטעריעלן, עקאָנאָמישן און סיי אין גייסטיקן, מאָראַלן באַגריף.

אָבער אַזוי ווי די פאָרמירונג און די עקזיסטענץ פון אַזאַ געזעל־שאַפט פון דעם מין איז אַבסאָלוט זינלאָז און אויסער די גרעניצן פון מעגלעכקייט אין דער ספערע פון דער אַלטער, פון לאַנג פריער איינ־געשטעלטער אָרדנונג — האָבן דערפאַר די נאָכפאָלגער פון אָט דער אידייע זיך אינגאַנצן דערווייטערט און אָפּגעזונדערט פון דעם ישוב, שאַפנדיק די נייע געזעלשאַפט אין אומבאַוואוינטע ערטער, אין די אַרו־מיקע ווילדערנישן, אין די וועלדער, אָדער צווישן בערג און פעלזן.

זי איז באַשטאַנען פון קליינע גרופּעס, פון גאָר אָרימע, פּאַרוואָ־לאָזטע, אונטערדריקטע און באַ'עולה'טע עלעמענטן; אויך פון אַזעלכע, וואָס די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט האָט פון זיך אויסגעשלאָסן און פאַרשטויסן; דורך דעם זענען זיי פאַרזונקען געוואָרן אין זומפּ פון זינד און פאַרברעכן; מעגלעך, קעגן זייער אייגענעם ווילן. דעריבער האָבן זיי געזוכט און געדורשט נאָך תיקון . . .

די דאָזיקע נייע געזעלשאַפט איז אָנגערופן געוואָרן פון דער גרופּע אַלס דאָס „געטלעכע", אָדער דאָס „הימלישע קעניגרייך" (מלכות אלהים, מלכות השמים). דער באַטרעפנדיקער אויסדרוק האָט ווי אָנגעדייטעט

אַנטיסעמיטיזם

אויף איר באַזונדערן כאַראַקטער און מהות, אַלס אַזעלכע, וואָס געפינט זיך אונטער דעם דירעקטן קאָנטראָל און אויפזיכט פון דער גערעכטיקייט, פאַרקערפּערט אין דער געטלעכקייט, ווייל די דאָזיקע ביידע באַגריפן זענען, לויט דער ביבלישער אויפפאַסונג בכלל, פולשטענדיק אידענטיפיצירט געוואָרן; און, ווי סינאָנימען, איז זייער באַדייטונג איינע און דיזעלבע.

דער איבערגאַנג פון דעם אַלטן און הערשנדיקן לעבנס-שטייגער צו אַט דער נייער אָרדנונג,—פלעגט סאַנקציאָנירט ווערן מיט דעם ספּעציעלן אַקט פון טבילה. די באַטרעפנדיקע צערעמאָניע האָט געדינט ווי אַ סימבאָל פון אָראָפּוואַשונג אָדער אָראָפּשווענקונג פון זיך דאָס פריערדיקע, דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס איז מצד דער איסיסטישע אויפפאַסונג באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „פאַרדאָרבענע", „אומגערעכטע" און „זינדיקע" לעבנס-פאָרם און אויך ווי אַ סימן פון אָנפאַנג פון אַ נייעם אָרט לעבן: פון ריינקייט, אומשולד און גערעכטיקייט.

די דאָזיקע נייע ריכטונג, אָדער סעקטע האָט, מיט איר שאַרפן חוש און קלאָרן באַוואוסטזיין, זיך דערקינדיקט צו דעם סאַמע מקור, צו דעם אורשפּרונג פון אַלע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע איבלען און ליידן אָדער דעפעקטן, נעמלעך: אַז די הויפּט סבה זייערע איז דאָס פּריוואַטע אייגנטום. אין קלאָרערע ווערטער מיינט דאָס: די אָנערקענטע רעכט צו באַזיצן רייכטום און פאַרמעגן. דער דאָזיקער פּרינציפּ פון רעכט אויף פּריוואַט-אייגנטום פיגורירט אַלס דער גרונט-פאַקטאָר און ווי אַ הייליקע טראַדיציע אינם לעבן פון דער עקזיסטירנדיקער אַלטער געזעלשאַפט, וואָס ווערט באַשיצט מיט דעם געזעץ אָדער ריכטיקער מיט פיזישן כוח.

דעריבער איז דאָרטן, אין דער ניי-אַנטשטאַנענער געזעלשאַפט, פולשטענדיק אָפּגעשאַפט געוואָרן און עס איז שטרייגג געוווען פאַרבאָטן פאַר איר גאַנצער מיטגלידערשאַפט, אין אינדיווידועלן הינזיכט, די רעכט אויף פּריוואַטן אייגנטום. אין די דאָזיקע קהילות אָדער גרופּעס איז איינגעשטעלט געוואָרן דער קאָמונאַלער פּרינציפּ, די געמיינשאַפטלעכקייט: אַלץ האָט געהערט בלויז און נאָר צו כלל, פון וועלכן דער יחיד איז באַזאָרגט געוואָרן, אין דער פולער גלייכהייט און גערעכטיקייט, מיט זיינע נויטיקע באַדערפענישן פאַר זיין ביישטראַג צום געמיינזאַמען וואוילזיין און קיום מיט זיין מי, אַרבעט און פּראָדוקציע.

די דאָזיקע אויפפאַסונג און די נייע לעבנס-פאָרם זענען געווען באַזירט, הויפּטזעכלעך, אויף דעם נבואהשן אידעאַל פון דער סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט. דעריבער האָבן זיי געמאַכט אַ

באַזונדערן איינדרוק און געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג, בעיקר, אויף די גאָר אָרימע, צעטראָטענע, אונטערדריקטע און פון פרייהייט און רעכט באַרויבטע עלעמענטן, סיי פון דעם עכט אידישן אָפּשטאַם און סיי פון די פרעמדע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן געליטן פון דעם שווערן יאָך, גוואַלדזאַמקייט און ברוטאַלער אונטערדריקונג.

די נאָכפאָלגערשאַפט פון אַט דער אויפפאַסונג, וועלכע האָט גע־שטרעבט צו פאַרווירקלעכן אירע אידעאַלן, — באַלד און שנעל אין דער פּראַקטיק, אַלס לעבנס־פאַקט, — איז באַוואוסט און באַקאַנט אַלס די „איסים".

די עכטע באַדייטונג פון אַט דעם טערמין איז אומקלאָר און ניט גענוי באַשטימט. עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז ער קומט פון דעם אַראַמיי־אישן וואָרט „אסחיים", וואָס דאָס מיינט: „טובלער", אַזעלכע וואָס שווענ־קען און טונקען זיך אין וואַסער. ווייל אַלע אינדערפרי איז געווען זייער מנהג זיך צו טונקען, כדי אָפּצוריכטן די פּרימאַרגנדיקע גאָטעס־דינסט אָדער תפלה אין ריינלעכקייט. אַן אַנדער מיינונג איז: אַז דאָס דאָזיקע וואָרט „איסים" שטאַמט אָפּ פון דעם אַראַמייאישן „אסיא", וואָס דאָס מיינט: אַ מעדיקער, אַ רופא.

ווי עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, זענען די איסים באַטראַכט גע־וואָרן מצד די איינפאַכע פאָלקס־מאַסן, פונ׳ם המון ווי הייליקע און וואונ־דער־טוער; און, הויפּטזעכלעך, אַלס אַזעלכע וואָס באַזיצן אַ מיסטישע קראַפט צו היילן אַלערליי קראַנקהייטן, פיזישע און גייסטיקע.

עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז אַט די גרופּע, די איסים, הגם זייער קליין און זייער ווייניק אין איר צאָל, האָט זי אָבער אויסגעאיבט איבערן פאָלק אַ גוואַלדיקע השפעה.

איר אידעאָלאָגיע האָט געלאָקט און באַצויבערט אַט די נידערגע־שלאָגענע און דערגראַדירטע מאַסן מיט די אידעאַלן פון גלייכהייט, פרייהייט פאַר אַלעמען אין אַ געזעלשאַפט, וואו עס איז ניטאָ קיין האַר און קנעכט, קיין רייכער און אָרימער, קיין הערשער און באַהערשטע. זיי האָבן אין איר געזען באַוואוסטזיניקערהייט אָדער דערשפּירט אינ־סטינקטיוו זייער אייגענע אינערלעכע אונטערדריקטע שטרעבונג צו אַ פריי לעבן און האָבן אין איר דערהערט קלאָר און דייטלעך די אייגענע שטים פון שאַרפן פּראָטעסט און פון ביטערער אָנקלאָגע קעגן דעם אומ־רעכט וואָס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען. עס האָבן דערוואַכט אַט די גע־פילן, וואָס זענען שטענדיק געווען אין זיי דערשטיקט און דערוואָרגן

אנטיסעמיטיזם

פון דער באַדריקערישער האַנט, דורך דער ברוטאַלער און טיראַנישער הערשאַפט.

ווייל אין גרונט האָט די שאַפונג פון אַזאַ נייער פאָרם פון דער געזעלשאַפט און די פריידיקונג פון אָט דער אידעאָלאָגיע גופא, באַזונדער גענומען, געמיינט: קאַמף און קריג־דערקלערונג צו דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, מרידה קעגן דער איינגעשטעלטער סאָציאַלער אָרדנונג און בעקר, — אויפשטאַנד קעגן דער הערשאַפט.

די רוימישע אויבערמאַכט און די אידישע אונטערמאַכט האָבן דערשפירט די באַזונדערע סכנה, די געפאַר, וואָס באַהאַלט זיך אין דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער איסים גרופּע און דעריבער האָבן זיי אָנגעפאַנגען גרוויזאַם צו פאַרפאָלגן די אנהענגערשאַפט פון אָט דער איסיסטישער לעבנס־אָנשויאונג, באַטראַכטנדיק זי אַלס די שאַרפסטע קעגנערשאַפט און ווי דער ביטערסטער שונא צו די איינגעשטעלטע לעבנס־פאָרמען, טראַדיציעס און פּרינציפּן.

ווי אַ באַווייז צו דעם אָנגעמערקטן, דינט דער פאַקט, וואָס, לויט דער קריסטלעכער באַהויפּטונג, האָט דער קעניג הורדוס געהאַלטן אין געפאַנגנשאַפט און נאָכער געלאָזן קעפּן איינעם פון די אויטאָריטעטן און פריידיקער פון דער באַטרעפנדיקער אידעאָלאָגיע, יוחנן דער „טובל'ער", אָדער יוחנן „המטביל" איז געווען זיין נאָמען.

אין אַ צייט אַרום איז אויך הינגעריכטעט געוואָרן, דורך דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר, דער אויבערהערשער פון דעם לאַנד יהודה, פּאַנטיוס פּילאַטוס, דער אייפערדיקער פאַרשפּרייטער צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון אָט דער אידייע, ישוע פון נצרת, באַקאַנט אַלס „יעזוס קריסטוס".

דער דאָזיקער איסי, ישוע פון נצרת, האָט זיך דערוואָרבן גרוים פּאָפּולאַריטעט צווישן די פאָלקס־שיכטן מיט זיין באַזונדערער אייפערדיקייט און איבערגעגעבנקייט צו אָט דער אידייע. דער המון האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אַכטונג און טיפן רעספּעקט.

די ביידע הערשאַפטן, די רוימישע און די אידישע, האָבן זיך געשראָקן פאַר זיין אומגעהויערער ווירקונג און איינפלוס, דערום האָבן זיי אים, באַצייטנס, באַזייטיקט פון דער לעבנס אַרענע. ווייל די דאָזיקע אָנשויאונג האָט, וואַרשיינלעך, טיף געהאַט אַריינגעדרינגען צווישן די רוימישע עלעמענטן גופא, וואָס זענען געווען אין דעם יהודה לאַנד, הויכטזעכלעך, צווישן די אָרימסטע טיילן פונם אידישן פאָלק און אויך צווישן

נחום קישנער

די פילע מאסן פון שקלאפן און אונטערדריקטע פון פארשידענע באזיגטע נאציעס און פעלקער, צום הארצן פון וועלכע די באטרעפנדיקע אידעאלאגיע האט באזונדער אפעלירט און געפונען אן אפקלאנג, ווייל זי האט פאר זיי געדינט ווי א שטראל פון האפענונג פאר דערלייזונג און באפרייאונג פון דעם ביטערן שיקזאל, פון שווערער אונטערדריקונג און פארשקלאפונג.

באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע רדיפות אויף די נאכפאלגער פון אט דער אידעאלאגיע, הגם איר אינהאלט האט זיך שוין געהאט פיל געענדערט, — דער רוימישער קיסר, נירון. זיין טענדענץ איז געווען: איר פולשטענדיקע פארניכטונג און אויסראטונג. אויך די שפעטערע רוימישע קיסרים האבן פארגעזעצט אט די פארפאלגונגען מיט דער זעלבער אכזריות גאנצע דריי הונדערט יאר. ניט נאר אויף די איסיסטישער אנהענגערשאפט, וועלכע איז שוין פארוואנדלט געווארן אין א נייער רעליגיע, נאר אויך אויף דעם גאנצן אידישן פאלק און זיין לאנד און אויך אויף זיינע טיילן און קיבוצים, וואס זיי האבן זיך געפונען צעשפרייט און צעווארפן אומעטום אין דער גרויסער רוימישער אימפעריע.

ווייל די רוימישע מאכט האט ניט געזען און ניט געמאכט קיין שום אונטערשיד צווישן די פארשידענע אידישע סעקטעס און גרופירונגען: זי האט זיי באטראכט ווי איינע און די זעלבע טיילן פונם גאנצן פאלק, אין אלגעמיין.

דער פאגאניזם, אדער די קאנצעפציע פון דער פארהעלעכונג און פראקטיצירונג פון די פרינציפן פון קראפט און מאכט האט אין קיין שום פאל ניט געקענט טאלערירן און דולדן די אויפפאסונג פון גערעכטיקייט און דעם אידעאל פון באלאנס און הארמאניע אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

VII

די פאַקטאָרן און די רעפאָרמירונג פון דער איסיסטישער אָנשויאונג

עס איז דאָ פון באַזונדערער וויכטיקייט צו אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז צווישן דער גרופּע אָדער סעקטע פון די איסים און צווישן די אַנדערע סעקטעס אָדער ריכטונגען, ווי די צדוקים און פּרושים, וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט און געווירקט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פונם פאָלק, — איז איבער זייערע מיינונגס פאַרשידנהייטן און באַזונדערע אָנשויאונגען, קיין שום נאַציאָנאַלער ריס אָדער שפּאַלטונג ניט פאָרגעקומען. זיי זענען געווען און פאַרבליבן צווישן זיך און מיט דעם גאַנצן פאָלק — פולשטענדיק פאַראייניקט און צוזאַמענגעשמאָלצן. אָבער אין דעם משך פון איניקע צענדליקער יאָרן איז דער אָריגינעלער אינהאַלט פון דער איסיסטישער אידעאָלאָגיע בכלל — געענדערט געוואָרן דורך אַ געווויסן טייל פון דער איסיסטישער סעקטע. דאָס זענען געווען די תּלמידים, די נאָענטע פריינט און סתם פאַרערער פון ישוע פון נצרת, אויף וועלכע זיין מאַרטירער־טויט האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם.

די דאָזיקע פאַרערשאַפט האָט פיגורירט ווי אַ פראַקציע אין דער איסיסטישער גרופּירונג אין אַלגעמיין. אירע מיטגלידער האָבן זיך, אָדער מען האָט זיי, באַצייכנט מיט דעם נאָמען „נוצרים”, („נאַזאַרינער” — אין פרעמדע שפּראַכן), וואָס האָט געדינט ווי אַ באַווייז, אַז דאָס זיינען אָנהענגער פון דעם רבין, ישוע פון נצרת, וועמען מען פלעגט רופן ישוע דער נוצרי אָדער „נאַזאַריער” אויף דעם נאָמען פון זיין געבורטשטאָט. אַזעלכע „נוצרישע” טיילן האָבן זיך פאָרמירט ניט נאָר אינם יהודה־לאַנד, נאָר אויך צווישן די איסיסטישע קהילות, וואָס האָבן געלעבט אין די נאָענטע אַרומיקע מדינות פון קליין אַזיע. אין אָנפאַנג האָט זיך די דאָזיקע גרופּע מיט קיין שום באַזונדערקייט ניט אויסגעטיילט און זיך ניט אונטערשיידעט פון דער גאַנצער איסיסטישער סעקטע און אויך פון דעם אידנטום אין אַלגעמיינעם זינען, נאָר בלויז מיט זייער פאַרערלעכונג־אויסדרוק צו ישוע פון נצרת אַלס זייער באַליבטער לערער. פירער און הייליקער.

דאָס אידנטום האָט איבער אָט דעם איינציקן פונקט, זעלבסט פאַרשטענדלעך, צווישן זיך און אָט דער נייער איסיסטישער גרופּע קיין שום באַזונדערע מחיצה און אָפּגרעניצונג ניט געצויגן און ניט געשאַפן.

מען האָט זיי באַטראַכט, אַזוי ווי די גאַנצע איסיסטישע סעקטע, ווי אַ נאַטירלעכן און אָרגאַנישן טייל פֿון זיך גופֿא. ווייל די פֿאַרערונג פֿון אַ רבין איז געווען אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אין דעם פֿאָלקס־לעבן און האָט אין זיך ניט אַנטהאַלטן אַזעלכעס, וואָס איז אין ווידערשפּרוך אָדער ווי אַ קעגנזאַץ צו דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע, הייליקייטן און טראַדיציעס, אויב נאָר די לעצטע זענען אָפּגעהיט און דערפֿילט געוואָרן לויט די אָנגענומענע פֿאָרשריפֿטן.

אַלס גרונט־אורזאַך צו די געשאַפֿענע ענדערונגען האָט געדינט בעיקר דער פֿאַל, וואָס דער קיום, דער צושטאַנד פֿון די איסיסטישע קהילות בכלל און הויפּטזעכלעך פֿון די נוצרישע גרופּעס, איז, איבער זייער באַזונדערער ווייניקייט און צאָל און עקסטרעמער אָרעמקייט אין מיטגלידער אָדער אָנהענגער, תמיד געווען אומזיכער און וואַקלדיק, זייענדיק אויסגעשטעלט צו צעפֿאַלונג און אויפֿלייזונג. דעריבער האָבן זיי זיך צו יעדער צייט געניטיקט אין אַ צופֿלוס פֿון מיטגלידער און נאָכפֿאָלגער.

ווייל, ווי עס איז אַ באַקאַנטער פֿאַקט, האָבן די איסים אין אַלגעמיין אין זייער גרעסטער מערהייט קיין פֿאַרהייראַט אָדער פֿאַמיליען לעבן ניט געפֿירט. דעריבער איז אין זייערע קהילות דער נאַטירלעכער צו־וואוקס געווען כמעט אַן אומבאַדייטנדיקער און האָט מיט זיך ניט געקאָנט אויספֿילן און פֿאַרבייטן דעם נאַטירלעך אָפּגייענדיקן און פֿעלנדיקן עלעמענט.

הגם עס האָבן זיך אין יענע לענדער דאַן געהאַט, נאָך פֿון לאַנגע דורות פֿריער, געפֿונען און עס האָבן געלעבט אַ גרויסע צאָל פֿון אידישע קיבוצים — זענען אָבער זייער אַ נישטיקע צאָל אָנהענגער — צוגעשטאַנען צו די איסים בכלל, און צו אַט דער לעצטער נוצרישער גרופּירונג בפֿרט.

דער איינציקער רעאַלער און קאָנקרעטער מיטל פֿאַר זייער דער־האַלטונג און דער פֿאַרזיכערונג פֿון זייער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט איז, הויפּטזעכלעך, באַשטאַנען אין דער ווערבירונג אָדער אַריינציאונג פֿון נייע אָנהענגער און נאָכפֿאָלגער אין זייערע קהילות פֿון דער פֿרעמדער סביבה, צווישן וועלכער זיי האָבן געלעבט און עקזיסטירט.

זעלבסט פֿאַרשטענדלעך, האָט די דאָזיקע אונטערנעמונג מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ באַזונדער שווערע אויפֿגאַבע, ווייל די אָרומיקע באַ־פֿעלקערונג איז דורכאויס געווען פֿון געצנדינערישן און היידנישן עלעמענט.

אנטיסעמיטיזם

די באַקערונג גופא צום אידנטום, איז אויך אַ פּראָבלעם, וואָס קאָן אַזוי לייכט ניט געלייזט ווערן. די הויפּט־שטערונג צו דעם האָט געדינט דער באַשניידונגס־אַקט (מילה), אויסער די פיל אַנדערע פליכטן פון געבאָטן און פאַרבאָטן.

דאָס אידנטום איז בכלל תמיד און איבערהויפּט אין אַט דער צייט געווען געצויגן צו איזאָלאַציע. זיינע לעבנס־באַדינגונגען האָבן אין אים אַנטוויקלט אַ טענדענץ אָדער אַן אייגנשאַפט פון זעלבסט־אָפּזונדערונג און אָפּגעשלאָסנקייט, אַלס שוץ און פאַרהיטונגס מיטל קעגן דער אריינדרינגונג פון אַ פרעמדן גייסט און איינפלוס און אויך טעטיקייט אין זיין אייגענער אינערלעכער ספערע, וועלכע זענען עלול צו שטעלן אין געפאַר זיין סאַמע קיום און וואוילזיין.

אַט די אומצוטרוילעכע און פאַרדעכטלעכע באַציאונג פון דעם אידנטום צו דעם אויסערלעכער אַרומיקער וועלט, האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ דאַנק זיינע ביטערע לעבנס דערפאַרונגען אָדער געשיכטלעכע פאַקטן.

עס איז גענוג וועגן דעם אַנצואווייזן אויף די כותים אָדער שומרונים. זיי זענען געווען אַ געמיש פון טיילן פון אייניקע באַזונדערע פרעמדע שבטים, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן אין דער שטאָט שומרון און איר אומגעגנט דורך די אַסירישע קעניגן בעת דעם חורבן פון דעם ישראל־קעניגרייך. די דאָזיקע פרעמדע עלעמענטן האָבן, איבער געוויסע אורזאַכן, אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. זיי זענען אָבער געבליבן די ביטערסטע שונאים פונם אידישן פאָלק; און ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי אים פאַרשאַפט ליידן און אומגליק.

נאָכדעם האָט דאָס אידישע פאָלק געהאַט אויסצושטיין פון דער שווערער טיראַניע פון די טעטראַרכן און קעניגן פון דער הורדוס דינאַסטיע, וועלכע האָט אויך אָפּגעשטאַמט פון אַ פרעמד פאָלק — אָדום, וועלכער איז געווען באַוואוסט מיט זיין אייביקן, טראַדיציאָנעלן האָס צו דעם אידישן פאָלק. דער אַדומישער שבט, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען דער קעניג הורדוס, האָט זיך מגייר געווען נאָך אין דער צייט פון די ערשטע קעניגן פון די חשמונאים.

אַט די דאָזיקע פאַקטן האָט דאָס אידישע פאָלק תמיד געהאַלטן אין זיין אַכט — און דערפאַר די דאָזיקע וואַכזאַמקייט און פאַרזיכטיקייט. דערפאַר האָט עס ניט געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן זיין אידעאָלאָגיע אין דער פרעמדער סביבה און אויסאיבן אויף איר זיין איינפלוס. דאָס

אידנטום איז ניט געווען גערן זיך צו דערנעענטערן צו פרעמדע עלע־מענטן אָדער זיי אַריינגעמען אין זיין ספערע. דער פאַקט ווערט באַ־שטעטיקט דורך דעם פאָלגנדיקן תלמודישן אויסדרוק, נעמלעך: „קשים גרים לישראל כספחת״ (קדושין). אין אידיש מיינט דאָס: אַז פרעמדע אָדער באַקערטע צום אידנטום (גרים) זענען אומבאַקוועם (אומווינטש־באַר) פאַר דעם ישראל פאָלק ווי אַ געשוויר.

אָט אַזאַ מיינונג און שטעלונג בנוגע גרים אָדער פרעמדע, בכלל — האָט זיך ביי דעם אידנטום אַנטוויקלט.

וואַרשיינלעך, אַז די באַזונדער שווערע באַדינגונגען פון די איסיס־טישע קהילות האָבן, ווי להיפוך, ביי דער דאָזיקער סעקטע דערוועקט אַ באַגער און טענדענץ צו פאַרשפרייטן איר איינפלוס און אידעאָלאָגיע אין פרעמדע קרייזן, כדי צו דעראָבערן און צוציען אויף איר זייט אַ גרעסערע צאָל אָנהענגער און מיטגלידער און צו פאַרבעסערן דורך דעם די שווערע מערכה פון איר קיום. נאָר ווי עס זעט אויס, האָט דאָס קיין באַדייטנדיקן דערפאָלג ניט געהאַט, ווייל, בכלל, זענען זייער ווייניק צוגעשטאַנען צו די איסים פון די אָרטיקע אידישע צענטערן, און נאָך ווייניקער פונם פרעמדן, היידנישן עלעמענט. פאַר דער דערגרייכונג פון אָט דעם צוועק, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער איסיסטישער אידעאָלאָגיע פאַר דער דערהאַלטונג פון איר נאָכפאָלגערשאַפט.

די דאָזיקע אויפפאַסונג האָט געמוזט מאָדיפיצירט ווערן אַזוי, אַז זי זאָל ווערן צוגענגלעך און פאַסיג פאַר דעם געוויינטלעכן פאָלק. אָבער די גאַנצע איסיסטישע גרופירונג פון דעם טראַדיציאָנעלן און אָריגינאַלן אַלטן נוסח און אינהאַלט, האָט באין אופן ניט געקענט זיך דערלויבן צו מאַכן אָפנויגונגען פון די לאַנג פריער איינגעשטעלט און פאַרוואָרצלטע פרינציפן, געזעצן און רעגולאַציעס פון איר אייגענער אידעאָלאָגיע און אויך פון דעם גאַנצן אידנטום. ווייל אַזאַ אַקט וואָלט געמיינט די צעשטערונג פון געוויסע פרינציפן און דאָקטרינען פון רעליגיעזן אָדער נאַציאָנאַל קולטורעלן באַגריף, הויפטזעכלעך, פון די פונדאַמענטאַלע ביבלישע געבאָטן און אירע טראַדיציעס.

זי האָט אפשר ליבערשט אויסגעקליבן אונטערגאַנג איידער די זעלבסט־פרעזערווירונג אויף דעם חשבון פון אָט דער נאַציאָנאַלער און הייליקער דורות׳דיקער ירושה פון דעם גאַנצן פאָלק. דערפאַר האָט דוקא די גאָר יונגע, קליינע און נישטיקע איסיסטישע גרופע, באַקאַנט אַלס די „נוצרים״ אָדער „נאַזאַרענער״,—געוואַגט און געהאַט דעם מוט, דעם קוראַזש צו

א נ ט י ס ע מ י ט י ז ם

ברעכן, פון פריער אויפגעשטעלטע צאמען און איבערצוטרעטן פון לאנג־אנגעצייכנטע גרעניצן.

אין משך פון בלויז וויניקע עטלעכע צענדליקער יארן איז דורך איר אויטאריטעט אדער פארשטייערשאפט, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט באלד נאך דעם טויט פון איר רבין ישוע, דער נצרי, אדער פון נצרת, — פולשטענדיק אפגעשאפן געווארן — פריער, צום ערשטן — דער באשניידונגס־געבאט, כדי דערמיט צו פארלייכטערן דעם היידנישן עלעמענט דעם איבערגאנג צום אידנטום; און נאכדעם איז פון דער זעלבער אויטאריטעט דערקלערט געווארן אלס בטל אויך די אלע אנדערע ביבלישע פארשריפטן אדער די גאנצע געזעצגעבונג פון משה, ניט נעמענדיג דערביי אין איר אכט, אז דורך אט דער האנדלונג האט זי זיך זעלבסט פולשטענדיק אויסגעשלאסן און זיך אפגעטיילט פון דעם אידישן פאלק, פון דעם כלל ישראל.

אט דער שריט, באזונדער גענומען, האט מיט זיך פארגעשטעלט אן אבסאלוטן ווידערשפרוך צו די ווירקלעכע באציאונגען און פארהעלטענישן צו דער דאזיקער נאציאנאלער קאנצעפציע פונם אידנטום בכלל, מצד ישוע'ן גופא, אין דעם נאמען פון וועלכן, זי האט זיך דערלויבט צו פראקלאמירן איר פולשטענדיקע אפשאפונג און באזייטיקונג. ווארים אין פרינציפ איז ישוע'ס שטעלונג צו דער גאנצער ביבלישער געזעצגעבונג געווען, פארקערט, מיט באזונדערער אכטונג און פארהערלעכונג. דאס איז א פאקט, וואס מערקט זיך קלאר און בולט פון זיין ווענדונג צו זיין נאכפאלגערשאפט און זיין שטרענגע פאדערונג פון איר אומבאדינגט צו פראקטיצירן די ביבלישע פארשריפטן און געבאטן. לאמיר ציטירן זיינע אייגענע ווערטער: „איר זאלט ניט דענקען, אז איך בין געקומען צעשטערן די תורה (אירע געבאטן) און די נביאים (זייערע אידעאלן); ניט צו צעשטערן בין איך געקומען נאר צו דערפילן. ווייל ווארהאפטיק זאג איך אייך, (אז) ביז דער הימל און די ערד וועט ניט פארביי זיין (בטל ווערן), וועט (אויך) ניט פארבייגיין (פארשווינדן) קיין איין „יוד" פון דער תורה, אויך ניט אפילו קיין איין שטריך, ביז אלע וועלן מקוים ווערן. דעריבער (איז) — יעדער וואס צעשטערט איינע פון די דאזיקע קליינע (מינדערוויכטיקע) געבאטן און ער האט אויך אזעלכעס געלערנט (טאן אנדערע) מענטשן—„נידערטרעכטיקער" וועט ער אנגערופן ווערן אינם הימלישן קעניגרייך; און דער וואס טוט (פראקטיצירט) זיי און ער לערנט (אנדערע) זיי צו טאן—„געערטער" וועט ער אנגערופן ווערן אינם הימלישן קעניגרייך" (מתתיה, ה, 19-17).

די פֿאַרלייקענונג פֿון די ביבל געבאָטן און די טראַדיציעס האָט אינגאַנצן ניט געשטימט מיט דער אָנשויאונג פֿון ישוע אָדער פֿון דער איסיסטישער ריכטונג, פֿון וועלכער ער איז געווען דער אויסדרוק אָדער די פֿאַרקערפּערונג. אָבער חוץ אָט דער ווידערשפּרעכיקער האַנדלונג, האָט די זעלבע פֿאָרשטייערשאַפֿט באַוואוסטזיניק און אָבזיכטלעך זיך דערלויבט פֿולשטענדיק צו איגנאָרירן און פֿאַרלעצן דעם הויפּט באַדינג און גרונט פּרינציפּ פֿון דער איסיסטישער אידעאָלאָגיע אין אַלגעמיין, וואָס יעדער פֿון אירע נאָכפֿאָלגער איז געווען פֿאַרפּליכטעט אומפֿאַרמיידלעך אים נאָכצוקומען און אומבאַדינגט אויסצופֿאָלגן, נעמלעך: די אַבסאָלוטע זעלבסט-אָפּזאָגונג פֿון זיין פּריוואַטן אייגנטום אָדער רייכקייט און גרויסן פֿאַרמעגן, וואָרים לויט דער איסיסטישער אָנשויאונג, איז די דאָזיקע פֿאָדערונג געווען די עלעמענטאַרע און פֿונדאַמענטאַלע, אָן וועלכער דער איבערגאַנג צו איר אָדער צו איר אָנהענגערשאַפֿט איז געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך. דעריבער איז אָט דער באַדינג שטענדיק באַטאָנט געוואָרן מצד ישוע פֿון נצרת ביי יעדער געלעגנהייט.

אַלס באַשטעטיקונג צו אָט דעם פֿאַקט דינט די פֿאָלגנדיקע באַהויפּטונג: „און אַ מאַן האָט זיך דערנענטערט צו אים (ישוען) און ער האָט געזאָגט: מיין לערער! וועלכעס גוטס זאָל איך טאָן כדי איך זאָל ירש'ענען דאָס אייביקע לעבן? און ער (ישוע) האָט צו אים געזאָגט: . . . אויב דו ווילסט אַריינקומען אין דעם אייביקן לעבן היט אָט די צען געבאָט . . . און דער יונגערמאַן האָט געזאָגט: איך האָב זיי אַלע אָפּגעהיט און וואָס פֿעלט מיר נאָך? און ישוע האָט צו אים געזאָגט: אויב דו ווילסט זיין פֿולקאָם, גיי און פֿאַרקויף אַלעס וואָס דו פֿאַרמאָגסט און גיב אַוועק צו אָרימע לייט, וועסטו האָבן אַן אוצר אין הימל, און פֿאָלג נאָך מיר . . . און דער יונגערמאַן, הערנדיק דאָס, איז טרויעריק געוואָרן און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. און ישוע האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: וואַרהאַפֿטיק זאָג איך אייך, ווי שווער איז דעם רייכן אַריינצוקומען אין דער הימלישער מלוכה! און ווידער זאָג איך אייך: אַז עס איז לייכטער דעם קעמל זיך דורכשפּאַרן דורך דעם לעכל פֿון אַ נאָדל, איידער דעם רייכן אַריינצוקומען אין דעם הימלעך קעניגרייך" (מתתיה, יט, 16-24; מרקוס, י, 17-25) איצט איז דער דאָזיקער גאָר וויכטיקער פּונקט אינגאַנצן פֿאַרטושט און פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. און ער האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן אַ ראָל אין דער זעלבער אויפֿפֿאַסונג בנוגע דער באַלדיקער פֿאָרמירונג פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט, וואָס די איסיסטישע ריכטונג האָט אונטערגענומען צו רעאַליזירן אינם לעבן. די דאָזיקע געזעלשאַפֿט, אַלס אידעאַלע, האָט געדאַרפֿט געשטעלט ווערן אויף דער העכסטער שטופֿע פֿון זיטלעכקייט און עטישער

פּולקאַמנהייט. דאַרום איז דאָרטן די אַבסאָלוט מאַטעריאַלע אָדער די עקאָנאָמישע גלייכהייט געווען אַן אומפאַרמיידלעכע און גרונטיקע נויטיקייט, ווייל דאָס מיינט: „פולשטענדיקע קלאַסנלאָזיקייט, אָדער—באַלאַנס און גערעכטיקייט. און נאָר אין אַזאַ געזעלשאַפט איז מעגלעך די פּראַקטיצירונג פון אַזאַ הויכער מאָראַל פון מענטשנליבע און ברידערלעכקייט בכלל.

אַזאַ גייסטיקע פולקאַמענהייט איז אינגאַנצן אויסגעשלאָסן אין אַ געזעלשאַפט פון אַ שיכטלעכער און קלאַסנדיקער אָרדענונג, פון העכערע און נידעריקע שטאַנדן, אין דעם מאַטעריעלן הינזיכט.

ווייל, ווי עס איז באַקאַנט, זענען אָט די אונטערשידן די הויפּט־אורזאַכן פון אַנטאַגאָניזם אָדער פון קנאה־שנאה, פון זינד און פאַרדאָרבנקייט, אין אַלגעמיין.

די פאַרשטייערשאַפט פון דער באַטרעפנדיקער אויפפאַסונג איז, וואַרשיינלעך, געוואָרן נאָכגעביק און אָפּנויגיק פון אָט די גרונט־פּרינציפּן, דערלויבנדיק פאַר איר נאָכפאָלגערשאַפט דעם באַזיץ פון אייגנטום, רייכקייט און פאַרמעגן.

דעריבער איז דער פאַרבאָט אויף דעם אָפּגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט, און איז ווי אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן. אַנשטאַט אָט דעם פונדאַמענטאַלן באַדינג, אָדער, דאָקטרין, — איז דערקלערט געוואָרן אַלס עיקר און גרונט־פּרינציפּ — בלויז דער גלויבן, די אמונה אַליין. דאָס מיינט, אַז די נייע אָנשויאונג האָט זיך באַנוגנט נאָר מיט דער אויסדריקונג פון אָנערקענונג מצד איר נאָכפאָלגערשאַפט בנוגע איר געטלעכקייט און וואַרהאַפטיקייט.

אָט די איינפאַכע פאָדערונג און לייכטער באַדינג האָבן ברייט געעפנט די טויערן פון דער „הימלישער מלוכה" און געמאַכט פריי דעם אַריינקום אין איר פאַר אַלעמען און פאַר יעדן, אָן אונטערשיד פון שטאַנד: אָרים אָדער רייך. דער צוועק פון אָט דער תקנה, ווי עס איז זעלבסט באַגרייפמעסיק, איז געווען: צו פאַרמערן און פאַרגרעסערן די צאָל אָנהענגער אָדער מיטגלידער אין זייערע געמיינדעס און דערמיט פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ. דער דאָזיקער מיטל האָט טאַקע געבראַכט פאַר זיי די געוואונשענע רעזולטאַטן: זייערע קהלות זענעןווירקלעך גרעסער און מערער געוואָרן אין דער צאָל פון מיטגלידער אָדער אָנהענגער. אויך האָט זיך זייער איינפלוס אַלץ ברייטער אויסגעשפּרייט און שנעלער באַווירקט די היידנישע ספערע.

אויף אזא אופן האט זיך שפעטער, אינם משך פון א קלײנער צײט, בלויז אין עטלעכע צענדליק יאר ארום, אנטוויקלט און אויסגעפורעמט אן אנדערע און נײַע לעבנס־אנשויאונג מיט אנדערע באגריפן און אידייען, מיט שארפע אפנויגונגען און בולטע אפווייכונגען פון דער אריגינעלער איסיסטישער אויפפאסונג, בכלל.

די דאזיקע זעלבסט רעפארמירונג איז פאר איר געווען אומבאדינגט נויטיק איבער איר באוואוסטזיניקער עלימינירונג אדער פארנאכלעסי־קונג פון דעם איסור בנוגע פריוואט אייגנטום פאר איר אנהענגערשאפט, וואס דאס באטייט: ד איינשטעלונג פון סאציאלער און געזעלשאפטלע־כער גערעכטיקייט, אן וועלכער קיינע אויסזיכטן אויף דעם דערוואַרטעטן אידעאלן לעבנס־שטייגער אין דער צוקונפט, — איז פולשטענדיק אויסער די ראמען פון דער מעגלעכקייט.

איבער דעם האט זיך אין דער דאזיקער אנשויאונג געשפירט א קאנפוזיע, אן אומארדענונג אין איר געדאנקען־גאנג, אין דעם סיסטעם פון אירע אידייען, וואס האט געפאדערט אן אומבאדינגטע רעגולירונג און אויסגלייכונג. צוליב דעם האבן געמוזט געענדערט ווערן אויך אנ־דערע פונדאמענטאלע באגריפן פון דעם פריערדיקן, אריגינאלן אינהאלט.

אזוי איז די דערלייזונג־אידייע, וואס פריער, איז זי פארשטאנען געווארן איינפאך — ווי פאליטישע באפרייאונג און אבסאלוטע זעלבסט־שטענדיקייט פאר דעם אידישן פאלק גופא און אן און פאר זיך, איז זי איצט דארטן געענדערט געווארן אויף דער אידייע פון זינד־פארגעבונג אדער פון זינד־באפרייאונג... דער „פאליטישער" אדער דער „רעאלער זין", איז פארביטן געווארן מיט דער „גייסטיקער" און „מאראלער" אי־דייע", וועלכע באציט זיך ניט נאר צום אידישן פאלק אליין, נאר צו דער גאנצער מענטשהייט. דער אידעאל פון דער הערשאפט פון דער סאציא־לער און געזעלשאפטלעכער גערעכטיקייט אינם לעבן פונם אידישן פאלק איז דארטן פארוואנדלט געווארן אין דעם באגריף פון א „הימלישער מלוכה" נאך דעם מענטשנס טויט. און די נבואהשע פאראויסזאגונגען און פארבאשטימונגען אין באצוג צו דער דערלייזונג און באפרייאונג־סתם, — זענען פון איר זייט דערקלערט געווארן אלס שוין מקוים גע־ווארענע, און ווי א פארווירקלעכטע. דאס מיינט: אז די דערלייזונג פאר דעם אידישן פאלק און אויך פאר דער גאנצער מענטשהייט האט שוין געהאט פאסירט און איז דערשינען אלס פאקט. דערפאר האט זי, ספעציעל פאר דעם אידישן פאלק, אבסאלוט פארלוירן און אנגעוואוירן איר גאנצן זין. ווארים אן אנערקענונג, אויב אזעלכע וואלט פון זיין זייט געווען

אנטיסעמיטיזם

געגעבן געוואָרן בנוגע דער דערלייזונג, אין דער הינזיכט ווי זי איז דערקלערט געוואָרן אין דער רעפאָרמירטער איסיסטישער אָנשויאונג אויף אַ מיסטישן אופן, אַלס אַ דערלייזונג פון זינד, — וואָלט דאָס געמיינט: פולשטענדיקער זעלבסטמאָרד פאַר זיך גופא. ווייל מיט אָט דער אָנערקענונג וואָלטן אָפּגעשטאָרבן אויך אַלע האָפענונגען זיינע, וואָס די נבואה האָט אין אים פאַרפלאַנצט וועגן אַ ליכטיקע און גלענצענדיקע צוקונפט און אַלע אירע אַספּיראַציעס און חלומות בנוגע זיין אייגענעם גליק ווי אויך, — פון דער גאַנצער מענטשהייט, בכלל.

ווייל, ווי עס איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן, האָט דאָס אידישע פאָלק דערוואַרטעט און געהאָפט, ניט אויף קיין דערלייזונג פון זינד און אויך ניט אויף קיין הימלשער מלוכה, לויט דעם באַגריף פון דער רעפאָרמירטער איסיסטישער אָנשויאונג, נאָר, ווי עס איז שוין דערקלערט געוואָרן, — אויף אַ דערלייזונג און באַפרייאונג פון אויסערלעכער און אינווייניקסטער אונטערדריקונג און ברוטאַלער הערשאַפט; אויך אויף אַ געזעלשאַפט און אָרדענונג פון גערעכטיקייט און יושר אויף דער ערד, אין דער רעאַלער וועלט און אין דעם ממשותדיקן לעבן, פאַר זיך און אויך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די דאָזיקע האָפענונגען, אידעאַלן און שטרעבונגען פון רעאַלן און קאָנקרעטן כאַראַקטער זענען געווען געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע ריכטונגען און גרופּירונגען פונם אידישן פאָלק. דער אונטערשיד צווישן דער איסיסטישער גרופּע און די אַנדערע איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס די באַטרעפנדיקע ריכטונג, ווי שוין אָנגעוויזן, האָט געשטרעבט און אָנגעווענדט מיטלען זיי צו פאַרווירקלעכן און פאַרקערפּערן אינם לעבן שוין און באַלד, גלויבנדיק אַז די צייט פאַר אָט דעם צוועק איז געוואָרן אַבסאָלוט רייף און גינסטיק. ווען לויט דעם שטאַנדפּונקט פון די אַנדערע סעקטעס און זייערע אָנשויאונגען, איז די פאַרקערפּערונג אינם לעבן פון די באַטרעפנדיקע נבואהשע ווזיעס און אידעאַלן, באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ ענין פון דער מער ווייניקער ווייטער צוקונפט.

די אָריגינעלע אָדער די ערשטע אומרעפאָרמירטע איסיסטישע אידעאָלאָגיע און איר געטרייסטער נאָכפאָלגער און פייערדיקער פריידיקער, ישוע פון נצרת, האָבן וועגן אָט די נייע אידייען, וואָס זענען איצט געשאַפן געוואָרן אין דער רעפאָרמירטער איסיסטישער אויפפאַסונג, קיין שום פאָרשטעלונג, קיין שום באַגריף און אנונג ניט געהאַט. דעריבער איז די לעצטע מצד דעם אידנטום באַטראַכט געוואָרן אַלס אַן אַבסאָלוט פרעמדע צו אים, לויט איר אינהאַלט, גייסט און כאַראַקטער.

דערפאַר האָט די דאָזיקע נייע אויפפאַסונג מיט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ פולשטענדיקן קעגנזאַץ בנוגע דער ביבלישער און נבואהשער אַנשויאונג; און האָט צוגעגרייט אַ שאַרפן קאָנפליקט און טיפע שפּאַלטונג צווישן איר נאָכפאָלגערשאַפט און דעם אידנטום בכלל, וועלכע איז, נאָכ־דעם, אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט, רעאַליזירט געוואָרן אין אַווירק־לעכקייט. די נאַציאָנאַלע איינהייט, וועלכע איז קיינמאָל ניט צעשעדיקט און צעשטערט געוואָרן, טראָץ די שטענדיקע מיינונגס־פאַרשידנהייטן פון די אַלערליי גרופּירונגען, ריכטונגען און סעקטעס, וואָס האָבן אַלע־מאָל עקזיסטירט צווישן פאָלק,—האָט איצט, וואַרשיינלעך, ניט געקאָנט אויסמיידן דאָס באַשערטע און באַשטימטע, דעם אורטייל פונם שיקזאַל, אָדער פון דער געשיכטע.

די סבה פון דער גענצלעכער אָפּזונדערונג פון אָט דער נייער ריכ־טונג פונם אידנטום איז געווען די דאָזיקע, וואָס איר נאָכפאָלגערשאַפט איז, אין איר גרויסער און איבערוועגנדיקער מערהייט, באַשטאַנען פון היידנישע עלעמענטן. די דאָזיקע לעצטע האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען מיט אומטאָלעראַנץ און אייפערזוכט צו די קהלות פון דער עכטער און ריין אידישער אָפּשטאַמונג, וועלכע זענען געבליבן געטריי און לאָיאַל צו דער אַלטער ביבליש־נבואהשער אַנשויאונג און אירע פאַרשריפטן און טראַדיציעס.

אָט די נעגאַטיווע שטעלונג זייערע צום אָריגינעלן אידנטום איז, וואַרשיינלעך, געווען אַ רעזולטאַט פון דעם פאַקט, וואָס די עקזיסטענץ גופא פון אָט די עכט־אידישע גרופּעס האָט, לויט זייער מיינונג אָדער פאַרדאַכט, מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע אָדער דעמאָנסטראַציע פון דער פולשטענדיקער לעבהאַפטיקייט און ווירקזאַם־קייט פון דער אַלטער ביבליש־נבואהשער אויפפאַסונג, אַלס דער הויפּט־פאַקטאָר אין זייער לעבן. דער באַטרעפנדיקער פאַל האָט געדינט אַלס קעגנזאַץ און ווי אַן אָפּלייקענונג צו דער דערקלערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מצד אָט דער רעפאָרמירטער איסיסטישער אויפפאַסונג, בנוגע דער פאַרעלטערטקייט און אָפּגעלעבטקייט פון אָט דער אַלטער ביבליש־נבואהשער קאָנצעפּציע. דעריבער האָט די אויטאָריטעט פון דער נייער אַנשויאונג, פאַר דער באַזייטיקונג פון יעדער מעגלעכער שטערונג און

אַנטיסעמיטיזם

שטרויכלונג פֿאַר איר אויסשפּרייטונג אָדער קיום, אַנגעהויבן אָנצוואַוועגדן אַלערליי מיטלען צו באַקערן אויך די עכט אידישע קהלות אָדער גרופּעס צו זייער נייער אידעאָלאָגיע. און לויט דער באַהויפּטונג פֿון אירע שריפֿטן גופֿא, פֿלעגן אירע פֿאַרטרעטער און פֿריידיקער פֿירן היציקע וכוחים, דעבאַטן אינם טעמפּל, אָדער בית המקדש אין ירושלים, אין די שולן און אין אַנדערע אידישע רעליגיעזע צענטערן און פּונקטן; סיי אינם היימלאַנד און סיי אין די ווייטע און פֿרעמדע מדינות, מיט דעם הויפּט צוועק צו באַאיינפֿלוסן געוויסע טיילן פֿון די אידישע פֿאָלקס-מאַסן און זיי אַריבערגעווינען און צוציען אויף דער זייט פֿון זייער אָנשויאונג און אָנהענגערשאַפֿט.

VIII

דער אויפקום פון קריסטנטום

ווי עס שיינט, האָט דער פאַרזוך מצד די פריער־אָנגעמערקטע פאַרשפרייטער פון דער רעפאָרמירטער איסיסטישער אידעאָלאָגיע צו קריגן נאָכפאָלגער צווישן די עכט אידישע קיבוצים,—קיין ממשות'דיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. די אורזאַך פון דעם איז געווען דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע אידייען פון הויכער מאָראַל, געפּריידיקט אינם נאָמען פון ישוע פון נצרת, זענען פאַר דעם אידנטום בכלל קיין נייעס ניט געווען. זיי זענען מער ווייניקער געווען פּאָפּולער און באַקאַנט צווישן די פאָלקסמאַסן. ווייל ניט ישוע פון נצרת איז געווען דער ערשטער, אָדער דער פאָטער פון זייער שאַפונג. וואָרים דער דאָזיקער אידעאַליזם איז געווען אַן אַנטוויקלונג פון דעם געדאַנקען־גאַנג, אָדער פון דעם געוויסן פון דעם אידישן פאָלק, בכלל, אינם משך פון פיל דורות פריער, פאַר דער דערשיינונג פון ישוע פון נצרת. דעריבער האָט די פּריידיקונג פון אָט דער מאָראַל קיין באַזונדערן רושם אויף די פאָלקס־מאַסן ניט געמאַכט. אויסער דעם, איז אָט די אָפּשאַפונג פון די ביבלישע געזעצן און געבאָטן באַטראַכט געוואָרן מצד דעם גאַנצן אידנטום אַלס אַ פאַרשוועכונג פון זיינע הייליקייטן, און ווי אַן אַטענטאַט אויף זיין קיום גופא. וואָרים דאָס האָט באַדייטעט „אַן אָפּקערונג פון גאָטס וועגן" און „ווידערשפּעניקונג צו גאָטס באַפעלן", וואָס דאָס איז זייער אַ גרויסע זינד, פאַר וועלכער דאָס פאָלק האָט פריער, אין דער קעניגלעכער עפּאָכע, נאָך דוד און שלמה, געליטן, לויט דער ביבלישער באַהויפּטונג און דערקלערונג, די שווערע שטראָף פון „פאַרטריבן ווערן פון זיין לאַנד". דעריבער איז דאָס פאָלק איצט געווען באַזונדער פאָרזיכטיק און אָפּגעהיט אין דער פּראַקטיצירונג פון די דאָזיקע געבאָטן, כדי אויסצומיידן די ווידערהאָלונג פון דער זעלבער שטראָף.

דאָס אידנטום האָט איבער דעם ניט אָנערקענט די דאָזיקע נייע אויפפאַסונג און קיין צוטריט צו זיך ניט דערלויבט. איר נאָכפאָלגערשאַפט האָט קלאָר באַגריפן איר פולשטענדיקע אויסגעשלאָסנקייט פון דעם אידישן לאַגער, הגם זי האָט געליטן צוזאַמען מיט דעם אידישן פאָלק פון די רוימישע רדיפות און שווערער באַדריקונג. וואָרים די רוימישע מאַכט האָט זי באַטראַכט אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גאַנצן אידישן כלל, ניט נעמענדיק אין איר אַכט דעם פאַקט, וואָס איר באַשטאַנד אָדער איר גאַנצער קערפּערשאַפט איז פאָרמירט געוואָרן, אין איר גרעם-

טער מערדהייט, פון פרעמדן, ניט אידישן אדער היידנישן עלעמענט. די נאכפאלגערשאפט פון אט דער נייער אויפפאסונג האט פיגורירט פאר דער רוימישער ממשלה ווי א איבערבלייבונג פון דער אמאליקער איסימ־טישער סעקטע, די מער פון איר פארהאסטע איבער אירע געפערלעכע שטרעבונגען און אידעאלן בנוגע דער פארמירונג פון א נייער געזעל־שאפט אויף די פרינציפן פון גערעכטיקייט, אדער פון אבסאלוטער קלאסנ־לאזיקייט און פולשטענדיקער גלייכהייט, וואס דאס איז קעגן און דער־ווידער דער עקזיסטירנדיקער ארדנונג פון מאכט און קראפט בכלל און דער רוימישער הערשאפט בפרט.

לויט די היסטארישע פאקטן, האט, ווירקלעך, אט די נוצרישע גרופע פיל מער געליטן פון די רדיפות און גרויזאמקייטן פון דער רומישער ממשלה, ווי דאס אידנטום גופא. די נאכפאלגערשאפט פון דער נייער אויפפאסונג איז געווען פולשטענדיק באוואוסטזיניק אויף דעם פאקט, אז די אלע שווערע פארפאלגונגען, וואס זי ליידט פון דער רוימישער מאכט זענען, הויפטזעכלעך, דערפאר וואס זי טראגט אויף זיך א אידישן שטעמפל, אן אנגעהעריקייט צו דער אידישער אידעאלאגיע דורך אויס־דריקן טיפע פארהערלעכונג, פארערונג און, הויפטזעכלעך, א פארהיילי־קונג צו ישוע פון נצרת, דעם איסי, וואס די רוימישע מאכט האט אמאל געהאט הינגעריכטעט פאר זיין פריידיקן די אידעאלן פון דער איסימ־טישער סעקטע, וועלכע איז פון דער זעלבער הערשאפט ביטער בא־קעמפט און שטריינג פארפאלגט געווארן. דעריבער, צוליב דער אבסא־לוטער אויסמיידונג און פאר דער זעלבסט־באשיצונג פון אט די גרויזאמע רדיפות, אלס אידישער עלעמענט, האט די דאזיקע נוצרישע גרופע זיך עפנטלעך און אפיציעל דערקלערט און פראקלאמירט אלס א נאכפאלגער־שאפט פון א גאר אנדערן גלויבן און פון א באזונדערער מאראל אנשווי־אונג, וואס האט מיט דעם עכטן און אריגינעלן אידנטום קיין שום שיכות און פארבינדונג ניט.

דער דאזיקער נייער גלויבן אדער נייע רעליגיע, ווי עס איז באקאנט איז באצייכנט געווארן אלס דאס „קריסטנטום”. דאס מיינט: די משיח־רעליגיע, און די מיטגלידער פון איר אנהענגערשאפט־„קריסטן” אדער אזעלכע וואס גלויבן, אז דאס קומען פון דעם דערווארטעטן משיח האט ווירקלעך שוין געהאט פאסירט, אין דער דערשיינונג פון ישוע פון נצרת.

די שריפטן, אין וועלכע עס ווערט דערקלערט דער גאנצער אינ־האלט פון אט דער אנשויאונג, זענען באקאנט מיט דעם אלגעמיינעם נאמען אלס די „עוואנגעליע”. עס ווערט אין זיי געשילדערט, פריער,

דאָס לעבן, די טעטיקייט און דער טויט פון דעם משיח ישוע, אָדער, ווי ער ווערט באַצייכנט אַלס „יעזוס קריסטוס". נאָכדעם ווערט באַהויפּטעט וועגן דער אַקטיוויטעט פון זיינע שליחים, אָדער, — די אַפּאָסטאָלן. מערער דייטלעך און קלאָר ווערט דער גאַנצער תמצית און אינהאַלט פון אָט דער אויפפאַסונג דערקלערט אין די ווענדונגען אָדער צושריפטן פון זיינע שליחים צו די קהילות און איר נאָכפאָלגערשאַפט פון פאַרשידענע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן. אין די באַהויפּטונגען בנוגע דער ווירקונג פון ישוע, ווערט אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד פאַר זיין הינריכטונג און טויט אויף דעם גאַנצן אידישן פאָלק, בכלל. מתתיה, כז; כ־כה; מרקוס, טו, יא־טו; לוקאס, כג, יג־כד; יוחנן, יט ג־יב). הגם עס ווערט דאָרט, אַלס אַ ווידערשפּרוך צו אָט דער באַשולדיקונג, פיל מאָל באַטאָנט דער פאַקט פון דער באַזונדערער אַכטונג און פאַרהערלעכונג־באַציאונג צו ישוע מצד די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אזוי ווערט אויך געוואָרפן די גאַנצע שולד אויף דעם אידנטום, בכלל, בנוגע די פאַרפאָלגונגען פון דער אויטאָריטעט, די אַפּאָסטאָלן, די פריידיקער פון אָט דער נייער רעליגיע. אָבער, לויט דעם פאַקט, וואָס דרינגט אויגנשיינלעך אַרויס פון די באַהויפּטונגען וועגן אָט דעם לעצטן פאַל, זענען אָט די פאַרפאָלגונגען פאַראורזאַכט געוואָרן פון אָט דער אויטאָריטעט אָדער פאָרשטייערשאַפט גופא, דורך זייער געוואַגטקייט צו קומען אין דעם בית המקדש אָדער אין די שולן און בתי מדרשים פון די אידישע געמיינדעס, סיי אין זייער לאַנד אָדער אין פרעמדע מדינות, און אָנגרייפן אין דער עפנטלעכקייט די, פון פיל דורות איינגעוואָרצלטע, ביבל־געזעצגעבונג און זי דערקלערן אַלס אָפּגעשאַפטע און אַנולירטע, אינם נאָמען פון ישוע. דאָס איז, אין גרונט, ניט געווען קיין פאַרפאָלגונג נאָר אַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג. ווייל ניט די פאָרשטייערשאַפט פון דעם אידנטום האָט געשטערט ווערן פון אָט די פריידיקער צו פאַרשפּרייטן זייערע אָנשויאונגען צווישן די היידן; און ניט זי האָט זיך דערוועגט צו קומען אין זייערע צענטערן זיי אָפּצולייקענען, נאָר, פאַרקערט, דאָס איז געטאָן געוואָרן מצד די אַפּאָסטאָלן צו די אידישע קהילות. ווי עס זעט אויס פון דער באַהויפּטונג פון די עוואַנגעלישע שריפטן גופא, האָט די באַטרעפנדיקע קריסטלעכע פאָרשטייערשאַפט אָנערקענט אַלס באַרעכטיקט און רעכטפאַרטיק אָט די האַנדלונג, בלויז, ווען אַזעלכע איז אָנגעווענדט געוואָרן פון איר זייט צו

די אידישע קבוצים; אָבער, דערפאַר, איז יעדער דערהווידערונג מצד דעם אידנטום צו אירע אָנגריפן, באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ גוואַלד־אַקט און פאַרפאָלגונג.

דאָס גאַנצע דאָ אָנגעמערקטע דערפירט לאָגישערווייז צו דער דאָזיקער מסקנא אָדער שלוס, אַז די באַשולדיקונג פון דעם אידישן פאָלק אין דעם טויט פון ישוע פון נצרת און אויך אין די רדיפות אויף זיינע שליחים, וואָס ווערן אין די עוואַנגעלישע שריפטן אַלעמאָל באַטאָנט, איז געמאַכט געוואָרן מיט דער באַזונדערער כונה, אַז דאָס זאָל פיגורירן אַלס באַווייז, אַז די קעגנערשאַפט און די פאַראַכטונג פונם גאַנצן אידנטום צו אָט דער נייער אויפפאַסונג איז אַן אַלטע; און ציט איר שורש נאָך פון די צייטן פון ישוע גופא; דער דאָזיקער פאַקט, אַן און פאַר זיך, וועט מיט זיך במילא פאַרשטעלן אַלס אַ באַשטעטיקונג און באַקרעפטיקונג צו די באַהויפּטונגען וועגן די פאַרפאָלגונגען פון די פאַרשפרייטער און פריידיקער פון אָט דער נייער אָנשויאונג, אָדער, די אַפּאָסטאָלן, מצד דעם אידנטום, בכלל.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ציט צו זיך אָט דער בולטער פאַקט, וואָס אין די דאָזיקע שריפטן ווערן קיינע רדיפות מצד דער רוימישער מאַכט אויף די פריידיקער און אויף דער נאָכפאָלגערשאַפט פון אָט דער נייער רעליגיע, אַבסאָלוט ניט פאַרצייכנט און ניט דערמאָנט. קיינע באַשולדיקונגען ווערן דאָרטן אויף איר ניט געמאַכט און איר ניט פאָרגעוואָרפן; הגם, ווי עס איז באַוואוסט, האָט די באַטרעפנדיקע הערשאַפט זיי פאַרפאָלגט און באַדריקט מיט דער גרעסטער אכזריות און באַזונדערער ברוטאַליטעט ביז צו פולשטענדיקער אויסראָטונג. פאַרקערט, די רוימישע הערשער ווערן דאָרט געשילדערט אַלס אַבסאָלוט ערלעכע, אָרנטלעכע און אומשולדיקע.

אַפילו פאָנטיאוס פילאַטוס, דער אויבערהערשער פונם אידנלאַנד, וואָס נאָר ער האָט באַזעסן די רעכט צו פאַראורטיילן אַ מענטשן צום טויט, און וועלכער איז פאַקטיש געווען דער הויפּט־שולדיקער אין דער הינריכטונג פון ישוע פון נצרת, אָט דער זעלבער פילאַטוס, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיין ברוטאַליטעט און גרויזאַמקייט, — דערשיינט דאָרטן ניט נאָר אַלס אַן אומשולדיקער אין זיין טויט, נאָר גאָר ווי זיין פאַרטיידיקער.

אַזוי ווערט אויך דאָרטן באַהויפּטעט וועגן אַ רוימישן הויכן באַאַמטן, מיט דעם נאָמען גאַליאָן, אַז ער האָט באַפרייט דעם שליח פאַולוסן פון אַ משפט צו וועלכן די אידן האָבן אים געשטעלט. נאָכדעם ווערט

דערציילט, אַז דער זעלבער פאלום איז גערעטעט געוואָרן דורך אַן אַנדערן רוימישן פּראָווינץ-הערשער, קלאָודיאוס ליסיאוס, פון אַ פאַרשווערונג וואָס די אָרטיקע אידן האָבן געמאַכט אויף זיין לעבן (אַפּאָסטאָל אקטן, יח, 16-12; כג, 30-26).

דאָס פולשטענדיקע איגנאָרירן אָדער דאָס פאַרשווייגן פון די רדיפות פון דער רוימישער מאַכט אויף די קריסטלעכע געמיינדעס און פריידיקער מצד די עוואַנגעלישע שריפטן, זעט אויס, אַז דער פאַל איז ניט קיין צופעליקער, קיין אינצידענטאַלער, נאָר אַ באַוואוסטזיניקער און אַבזיכטלעכער.

דער דאָזיקער פאַקט קען דערקלערט ווערן מיט איינעם אָדער מיט די פאָלגנדיקע צוויי מאָטיוון אָדער אורזאַכן, נעמלעך:

א) אוים מורא פאַר דער רוימישער מאַכט, אַז זי זאָל אַזעלכע באַהויפּטונגען און שילדערונגען בנוגע איר גוואַלדטאַט און טיראַניע ניט באַטראַכטן אַלס אַ טיפע באַליידיקונג פאַר זיך און ווי אַ לעסטערונג פון איר געזעץ און דערפאַר נאָך מער פאַרשטאַרקן אירע פאַרפאָלגונגען און שווערער מאַכן אירע גזרות אויף דעם קריסטנטום.

ב) מעגלעך, איבער דער געלעגנהייט, וואָס האָט זיך דאַן, אין אַ געוויסער צייט אַרום, געשאַפן פאַר דעם קריסטנטום צו דערקלערט ווערן מצד דער באַטרעפנדיקער רוימישער מלוכה אַלס די אָפיציעלע שטאַטלעכע און נאַציאָנאַלע רעליגיע.

די דאָזיקע פּאַסירונג איז ווירקלעך צושטאַנד געקומען אין דער צייט פון דער הערשאַפט פונם רוימישן קיסר קאָנסטאַנטין „דער גרויסער".

ווייל, עס איז באַקאַנט, אַז צוליב אָט דעם צוועק איז דאַן פאַררופן געוואָרן אין דער שטאָט ניצעא די באַוואוסטע „גרויסע פאַרזאַמלונג" אָדער „גרויסער ראַט" פון די העכסטע באַאַמטע אָדער די גאַנצע אויטאָריטעט פון דעם קריסטנטום בכלל, אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם באַטרעפנדיקן העכסטן פאַרשטייער פון דער רוימישער הערשאַפט. (325 יאָר נאָך קריסט. טויט)

ווי עס איז אַ היסטאָרישע פאַקט, זענען דעמאָלט אויך די עוואַנגעלישע שריפטן, וועלכע זענען געווען פון פאַרשידענע נוסחאות און פול מיט סתירות, ווידערשפּרוכן און אנדערשקייטן איינע פון די אַנדערע, — דורכאויס געענדערט און מאָדיפיצירט געוואָרן. ווייל פריער, פאַר אָט

דעם פאַל, איז די אידעאָלאָגיע פון דעם קריסטנטום געווען ווי אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד: עס האָט איר געפעלט אַבסאָלוטקייט און באַשטימטקייט. עס האָט זיך צוליב דעם געפאָדערט אַ צוזאַמענקום פון אַלע אירע פאָרשטייער און אויטאָריטעטן זיי זאָלן אומבאַדינגט זיך אַלע אייניקן אויף איין און דעם זעלבן פּרינציפּ אָדער פּונקט, נעמלעך: צו שאַפן אַ דורכאויסיקע שטרייַנגע סיסטעמאַטישע איינהייטלעכקייט און דעפיניציע פאַר אָט דער נייער לעבנס-אויפפאַסונג אין אַלגעמיין. און דער דאָזיקער צוועק, ווי עס שיינט, איז דערגרייכט געוואָרן ביי אָט דער ניצעאַנישער „גרויסער פאַרזאַמלונג”.

די עוואַנגעלישע שריפטן זענען דאַן גענוי אונטערזוכט און רעווידירט געוואָרן, און עס איז פון זיי עלימינירט און אויסגעשלאָסן געוואָרן די שטעלן, דערקלערונגען און אויסדרוקן, וואָס, לויט דער לאָגיק, האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ היפוך איינער צום צווייטן, אָדער זיי האָבן ניט געשטימט און ניט געווען פאַסיק צו דער אידעאָלאָגיע, וואָס דאָס קריסטנטום האָט דאַן אָנגעצייכנט.

דעריבער איז גלייכצייטיק אין געוויסע ערטער אין זיי אויך צוגעגעבן, אָדער, אַריינגעשטעלט געוואָרן נייע און אַנדערע אידייען, באַגריפן און באַהויפּטונגען, און זענען צוגעשריבן אָדער צוגעאייגנט געוואָרן דירעקט צו ישוע פון נצרת אָדער צו זיינע אַפּאָסטאָלן, כדי דורכדעם צו שאַפן די נויטיקע איינהייטלעכקייט און באַשטימטקייט פון אָט דער אידעאָלאָגיע, בכלל. די הויפּט-כוונה איז דאָ געווען: די פולשטענדיקע אויסמיידונג און אויסשליסונג פון יעדן מעגלעכן צווייפל, אומקלאָרקייט און צווייסטיקייט אין איר אינהאַלט.

די דאָזיקע ״אויסבעסערונג” און „רעגולירונג” פון די עוואַנגעלישע שריפטן מצד דער אויטאָריטעט פונם קריסטנטום, לויט די ניצעאַנישע באַשלוסן, האָבן מיט זיך אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעשטעלט אַ גענצלעכע ענדערונג און דורכאויסיקע רעפאָרמירונג אינ׳ם אינהאַלט פון דער פריערדיקער, עלטערער קריסטלעכער אָנשויאונג. אין אָט דער נייער פאָרם זיינען די דאָזיקע שריפטן קאַנאָניזירט געוואָרן און זענען אין דער עפנטלעכקייט אָנערקענט געוואָרן אַלס עכטע, הייליקע און געטלעכע.

עס איז, ווי עס זעט אויס, פולשטענדיק מעגלעך, אַז וועגן די דאָזיקע, אין זיי אַריינגעבראַכטע נייע אידייען, פּרינציפּן און באַהויפּטונגען, האָבן די אַפּאָסטאָלן גופא, די הויפּט-פאַקטאָרן אין דער שאַפונג פון דעם קריסטנטום, בכלל, אבסאָלוט ניט געוואוסט און ניט געחלומ׳ט וועגן זיי... און, וואַרשיינלעך, אַז דער ניי אויספאָרמירטער אינהאַלט

איז, אין תוך, אַ פֿאַלג, אַ רעזולטאַט פֿון דער דרינגענדיקער פֿאָדערונג מצד דער פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון דער רוימישער מלוכה אַלס איר הויפּט־באַדינג און ווי אַ פּרייז און לוין פֿון דער אויטאָריטעט פֿונם קריסטנטום פֿאַר דער דערהויבונג פֿון דער דאָזיקער נייער אויפֿפֿאַסונג צו דער מדרגה פֿון דער שטאַטלעכער און נאַציאָנאַלער רעליגיע.

עס איז באַזונדערס געווען נויטיק פֿאַר דער רוימישער מלוכה, אַז דאָס קריסטנטום זאָל דינען, הויפּטזעכלעך, די אינטערעסן פֿון אירע אויבערשטע, הערשנדיקע און פּריווילעגירטע שיכטן. פֿאַר אָט דעם צוועק זענען פֿון אָט די שריפֿטן, פֿריער פֿאַר זייער קאַנאָניזירונג, אומעטום און איבעראַל טיכטיק אויסגעשטראָכן און באַזייטיקט געוואָרן יעדער שאַרפֿער און בולטער אויסדרוק פֿון אַן אידייע, מיינונג און דערקלערונג, וואָס זעט אויס ווי אַ קעגנזאַץ און סתירה צו די איינגעשטעלטע סאָציאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען און לעבנס־פֿאָרמען.

די הויפּט־כונה איז דאָ געווען: כדי אויף אָט דעם אופֿן אויסצומיידן יעדן מעגלעכן קאָנפֿליקט און צוזאַמענשטויס צווישן דער רעליגיע און דער מלוכה, און דורך דעם צו פּרעזערווירן דעם סטאַטוס פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער סטרוקטור אין איר עקזיסטירנדיקער פֿאָרם. דעריבער, איז אָט די אויפֿפֿאַסונג, דורך דער „גרויסער פֿאַרזאַמלונג" אין ניצעא, אויסגעפֿורעמט געוואָרן אין אַזאַ געשטאַלט, אַז זי זאָל אויסערלעך אויסזען אַלס אַזעלכע, וואָס מיט די וועלטלעכע ענינים, ווי פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, האָט זי קיין פֿאַרבינדונג, קיין שום אינטערעס ניט און מישט זיך אין זיי אַבסאָלוט ניט אַריין.

אָט אַזאַ פֿולשטענדיקער נייטראַליטעט און גלייכגילטיקייט צו דעם רעאַלן און ממשות'דיקן לעבן, האָט זיך דאַן, נאָך דער אויסבעסערונג פֿון אירע שריפֿטן, אַנטפּלעקט, און עס דערשיינט אויך אַזוי איצט, — די קריסטלעכע רעליגיע.

די דאָזיקע נייע פֿאָרם און אינהאַלט איז געווען באַזונדער גינסטיק און נויטיק פֿאַר די אינטערעסן פֿון דער רוימישער מלוכה. און, גלייכצייטיק, בעת דער רעווידירונג פֿון די עוואַנגעלישע שריפֿטן, — זענען פֿון זיי אויסגעלאָזן און אויסגעמעקט געוואָרן יעדער אויסדרוק, באַמערקונג און באַהויפּטונג בנוגע די פֿאַרפֿאָלגונגען און גוואַלדזאַמקייטן, וואָס די רוימישע הערשאַפֿט האָט אָנגעווענדט צו דער נאָכפֿאָלגערשאַפֿט פֿון דעם קריסטנטום, וועלכע די דאָזיקע שריפֿטן האָבן פֿריער, זיכער, אין זיך געהאַט אַנטהאַלטן און זיי ביי זיך פֿאַרצייכנט. וואָרים דאָס קריסטנטום האָט דאָך ווירקלעך געליטן פֿון אָט די רדיפֿות, דערפֿאַר זענען זיי,

אַנטיסעמיטיזם

אין די באַטרעפנדיקע שריפטן, געווים פאַררעגיסטרירט און אילוסטרירט געוואָרן; און ווי לעבנס פאַקטן האָבן זיי, אין קיין פאַל, ניט געקענט אינגאַנצן איגנאָרירט און פאַרשוויגן ווערן מצד די אויטאָרס אָדער פון דער סתם־פאַרפאַסונג פון אַט די שריפטן. און, אָן שום צווייפל, אַז אין זייער ערשטער און אָריגינאַלער פאָרם, — האָבן די דאָזיקע אָנמערקונגען פון די רוימישע רדיפות אויף דער קריסטלעכער נאָכפאָלגערשאַפט אין זיי, אין די דאָזיקע שריפטן, געפונען זייער אויסדרוק און פאַרנומען אַ געהעריקן אָרט. זייער איצטיקע באַזייטיקונג און פולשטענדיקע אויסשליסונג פון די זעלבע שריפטן האָט, אין גרונט, באַטייט אַלס אַ קאָנצעסיע, אָדער ווי אַ צייכן פון פאַרגעבונג פאַר דער אַמאָליקער זינד פון דער רוימישער הערשאַפט קעגן דעם קריסטנטום; אויך ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג מצד דער אויטאָריטעט פון דעם קריסטנטום צו דער רוימישער מאַכט פאַר איר דערהויבונג פון אַט דער רעליגיע צו אַזאַ הויכער מדרגה אין דער מלוכה אָדער אין דער געזעלשאַפט. דערפאַר איז אָבער דאָרטן דורכאויס באַשולדיקט געוואָרן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין שווערע פאַרפאָלגונגען אויף דער פאָרשטייערשאַפט פון דער דאָזיקער נייער רעליגיע און עס איז געשטעמפּלט געוואָרן אַלס אומקאָמפּראָמיסלעכע און שאַרפע קעגנערשאַפט צום קריסטנטום און זיין נאָכפאָלגערשאַפט בכלל.

די הויפּט כונה איז דאָ געווען: צו פאַרזייען און איינפלאַנצן שנאה צום אידנטום אויך צווישן דער נאָכפאָלגערשאַפט פון דער נייער אמונה, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון פאַרשידענע אַנדערע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן.

אין אַט דעם פאַקט אָדער טאַט מצד דער אויטאָריטעט פון דער קאַנאָניזירונג פון עוואַנגעלישע שריפטן,—מערקט זיך די געהיימע האַנט, אָדער, די ווירקונג פון דעם העלעניזם, דער אורשפּרונג, דער קוואַל פון שנאה און פאַראַכטונג ספּעציעל צום אידישן פאָלק.

ווי עס שיינט האָט דער העלעניזם נאָך אַלץ געדענקט און געפירט זיינע אַלטע חשבונות מיט דעם אידנטום. און געפינענדיק איצט אַ פּאַסיקן מאָמענט דאָס אָנצוגרייפן און אַטאַקירן אויף אַ פילבאַרן אופן,—האָט ער, דער העלעניזם, אַט די גינסטיקע געלעגנהייט אַבסאָלוט ניט פאַרנאַכלעסיקט. עס איז אים פולשטענדיק געלונגען צו פאַרקערפּערן זיין ביטערע שנאה צום אידישן פאָלק אין די עוואַנגעלישע שריפטן דורך דער אויטאָריטעט פון דער נייער רעליגיע, וואָס האָט דורכגעפירט זייער ענטגילטיקע רעפאָרמירונג, אָפּשליסונג און קאַנאָניזירונג. וואָרים איר

מיטגלידערשאַפט, ווי עס איז באַקאַנט אַלס פאַקט, איז באַשטאַנען, הויפּטזעכלעך, פון דער גריכישער אָדער העלענישער אָפּשטאַמונג, אָדער פון עלעמענטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זענען געווען העלעני־זירט, דאָס מיינט: באַאיינפלוסט פון דעם העלעניזם; דערפאַר אויך דורכ־געדרינגען מיט'ן זעלבן שנאה־געפיל צום אידישן פאָלק. אין גרונט האָט דאָס באַדייטעט אַ פאַרזעצונג פון דער קאַמפּס־טאַקטיק און שטרייט־מעטאָד, וואָס דער פריערדיקער אידנפיינט, דער גריכישער, אָדער העלענישער שרייבער, אַפּיאָן, פון עגיפּטן, האָט אָנגעווענדט קעגן דעם אידנטום, מיט דער כונה דאָס צו אַטאַקירן אין דעם מאָראַלן הינזיכט, דאָס מיינט: צו מינימיזירן אָדער גאָר צו־נישט־מאַכן אין זיינע שריפטן די גאַנצע מאָראַל־אידעאָלאָגיע, מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט זיך אויס־געצייכנט און האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ באַזונדערע אַכטונג און רעס־פּעקט מצד זיין סביבה, זייענדיק באַוואוסטזיניק אויף דעם פאַקט, אַז זיין גאַנצע קראַפט באַשטייט בעקר אין זיין הויכן מאָראַל און עטיק ניוואָ.

אויך איצט האָט דער העלעניזם, דורך זיין פאַרשטייערשאַפט, פאַר־קערפּערט אין דער אויטאָריטעט פון דער נייער רעליגיע, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין דער ענדגילטיקער אָפּשליסונג פון די עוואַנגעלישע שריפטן, — באַצוועקט צו באַקעמפן דורך אַן אַנדערן גייסטיקן כוח און געווער אָט די זיטלעכע און מאָראַלע קראַפט, פון דעם אידישן פאָלק. פּראַקטיש האָט דער העלעניזם דעם דאָזיקן צוועק קיינמאָל ניט דער־גרייכט. עס האָט זיך אים אָבער, אין אָט דעם מאָמענט, פולשטענדיק איינגעגעבן צו פאַראורזאַכן דעם אידנטום, דורך אָט די שריפטן, אַ גע־פערלעכע וואונד, וועלכע איז אויף שטענדיק געבליבן אייטערדיק, בראַנ־דיק און אומפאַרהיילט, זינט דעמאָלט ביז היינט.

צו דעם האָט מיטגעהאָלפן דער פאַל, וואָס די דאָזיקע נייע רעליגיע האָט זיך שנעל און באַלד פאַרשפּרייט איבער דעם אייראָפּייאישן קאָנ־טינענט, וואו פילע און גרויסע טיילן פון דעם אידנטום זענען דורך דער רוימישער מאַכט צעוואָרפן און צעזייט געוואָרן און האָבן דאָרט געלעבט צווישן די דאָרטיקע פעלקערשאַפטן און נאַציאָנאַליטעטן.

ווי עס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז צוזאַמען מיט דער נייער רעליגיע האָט זיך, דורך די עוואַנגעלישע שריפטן, וועלכע זענען איר אויסדרוק און פאַרקערפּערונג, אויך פאַרשפּרייט צווישן די אייראָפּיי־אישע פעלקער, איר נאָכפאָלגערשאַפט, די באַזונדערע שנאה און פאַר־אַכטונג צום אידישן פאָלק, איבערגייענדיק צו זיי אַלס די גייסטיקע ירושה, ווי אַ טראַדיציע פון דעם העלעניזם.

אנטיסעמיטיזם

ווייל די אַלע טאַדלונגען, פאַרוואורפן און אינסינואַציעס בנוגע דעם אידנטום, וואָס זענען פאַראַנען אין די עוואַנגעלישע שריפטן, האָבן געדינט ווי אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון גיפטיקער פיינטשאַפט און אַלס מאָטיוון פאַר דער באַרעכטיקונג און רעכטפאַרטיקונג פון די גרויזאַמסטע גזרות, פאַרפאָלגונגען און גוואַלדטאַטן, וואָס זענען צו דעם אידישן פאָלק אָנגעווענדט געוואָרן מצד דעם קריסטנטום אין משך פון פילע יאָרהונדערטער.

דער אַמאָליקער אידנהאַס, וואָס ער איז געווען בלויז אַ פּועל יוצא פון קנאה און אייפערזיכטיקייט, האָט איצט געענדערט זיין אינהאַלט: ער האָט זיך באַגרינדעט אויף רעליגיעזע טעמים און אורזאַכן.

עס איז אַנטשטאַנען און דערשינען אַלס געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר, דער רעליגיעזער אַנטיסעמיטיזם.

אַט דאָס איז געווען דער בייטראַג פון דעם קריסטנטום, אַלס קאָנסעקווענץ פון זיין אַנטוויקלונג און אויפקום, צו דער פאַרשטאַרקונג און פאַרלענגערונג פון די שווערע ליידן פון דעם אידישן פאָלק אויף פילע דורות און תקופות.

XI

די עוואַנגעלישע און די ביבלישע מאָראַל

די דאָזיקע אויפפאַסונג, די קריסטלעכע רעליגיע און איר נייער פאָרם און אינהאַלט, האָט אויסגעזען אַזוי פונדאַמענטאַל געענדערט, אַז די רוימישע מלוכה, וואָס האָט גאַנצע יאָרהונדערטער מיט באַזונדערער גרויזאַמקייט אומאויפהערלעך גע׳רודפ׳ט און פאַרפאָלגט איר נאָכפאָלגערשאַפט, באַטראַכטנדיק זי אַלס געפערלעך און שעדלעך פאַר איר און דעם געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין, האָט איצט אינגאַנצן אויפגעהערט זיך פאַר איר שרעקן . . .

אין אַ געוויסער צייט אַרום, צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, האָט די רוימישע מלוכה גופא אַקצעפּטירט אָדער אַדאָפּטירט דאָס קריסטנטום אַלס די אָפיציעלע שטאָטלעכע רעליגיע, כדי צו ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג און צעפאַלונג, צוליב דער אָפּגעלעבטקייט פון איר געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער אָרדנונג און צוליב איר דעגענעראַציע, בכלל. זי האָט זיך גענויטיגט אין אַ באַזונדערן נייעם מאָראַלן כוח, וואָס זאָל איר צוריקקערן דעם פריערדיקן פּרעסטיזש און די אַמאָליקע גלאָריע. ווייל די אַלטע מאָראַל פון דער פאַרהערלעכונג פון דער פיזישער קראַפט האָט שוין געהאַט פאַרלוירן איר זין און האַפט. די דאָזיקע נייע אַנטשטאַנענע אידעאָלאָגיע איז איר געקומען צו הילף אין דעם מאָמענט פון איר גרעסטער נויט, אַלס אַ רעטונג און דערלייזונג.

דורך איר מיטווירקונג איז דער רוימישער מלוכה געלונגען צו צעמענטירן אויף דאָס־ניי איר צעטרייסלטן פונדאַמענט, און רעאָרגאַניזירן אירע אָפּגעשוואַכטע קרעפטן. וואָרים, ווי עס איז באַוואוסט, זיינען די באַציאונגען פון דער דאָזיקער קריסטלעכער אָנשויאונג, ניט נאָר גילטיק און טאָלעראַנט געוואָרן צו דער פּאַגאַניסטישער מאַכט און גוואַלדזאַמקייט, — נאָר זיי זיינען פון איר זייט אויך פאַרהערלעכט, ריכטיקער, גאָר פאַרהייליקט געוואָרן.

אַלס באַווייז צו דעם דינען אָט, די פאָלגנדיקע שטעלן אין די שריפטן פון דער עוואַנגעליע, נעמלעך: „יעדער וועזן (מענטש) מוז (אָדער זאָל) זיין אונטערטעניק צו דער הערשאַפט פון די עלטסטע. וואָרים עס איז ניטאָ קיין אַנדערע הערשאַפט אויסער אַזעלכער, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך גאָט; און פון אים זיינען אַנטשטאַנען די פאַראַנענע הערשאַפטן. דעריבער איז דער, וואָס ווידערשפעניקט קעגן דער הער־

שאַפט, — האָט ער דערווידערט דעם געטלעכן באַפעל; און די ווידער־שפעניקער וועלן טראָגן זייער זינד אויף זייער קאָפּ". (פאולס „צו די רוימער", יג; א־ב), אָדער, — צום ביישפיל:

„און איר, קנעכט, האָרכט צו דער שטים פון אייערע האָרן, די אייגנטימער פון אייער קערפּער, מיט פאָרכט און ציטערניש און מיט דעם גאַנצן האַרץ, אַזוי ווי צום דערלייזער. און ניט בלויז מיט אויבנ־אויפיקער אַרבעט, צו געפעלן מענטשן, — נאָר אַזוי ווי די, וואָס דינען צום דערלייזער, וואָס טוען גאָטס ווילן מיט זייער גאַנצן האַרץ" . . . (פולוס, צו די עפעסיאַנער ו; ה־ז)

ווידער: „און אונטערטעניקט זיך צו יעדער הערשאַפט פון לייט, צוליב דעם האַר (ישוע) . . . סיי צו דעם קעניג, וואָס ער איז דער קאָפּ (דער הויפּט), און סיי צו די האַרן . . . (עלטסטע) ווייל זיי זיינען זיינע געשיקטע צו באַשטראָפן די טוער פון אומרעכט, און צו געבן כבוד צו די טוער פון גוטס" . . . (פעטרוס, ערשטע שריפט, ב; יג־יד) און — „און איר, קנעכט, זייט אונטערטעניק צו אייערע האַרן מיט פולער פאָרכט . . . ניט נאָר צו די גוטע און אָרנטלעכע, נאָר אויך צו די פאַר־דאַרבענע" . . . דאָרטן, יח)

נאָך אַ מער אָדער ווייניקער געגויער באַטראַכטונג פון דער גאַנצער קריסטלעכער אָדער עוואַנגעלישער מאָראַל אויפפאַסונג, — מערקט זיך קלאָר און בולט דער פאַקט, אַז זי איז ספּעציעל און אַבזיכטלעך געווידמעט, בעיקר, צו די אָרימע און אונטערדריקטע מאַסן, און אַבסאָלוט ניט צו די אויבערשטע און פּריווילעגירטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

די אויבנגעבראַכטע אַפּאָסטאָלישע ווענדונגען צו די זעלבע באַ'עולהטע טיילן פונם פאָלק, זעט אויס בלויז ווי אַ פאַרזעצונג פון דער אָריגינע־לער איסיסטישער אידעאָלאָגיע און פון איר איבערגעגעבענעם פאַר־שפרייטער, ישוע פון נצרת, וועלכע איז דורכאויס געווענדט און געריכ־טעט צו די באַליידיקטע, באַרויבטע און באַדריקטע עלעמענטן.

עס איז אָבער איצט פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישן די צוויי־ערליי ווענדונגען, נעמלעך: די אָריגינעלע איסיסטישע אידעאָלאָגיע, אויסגעדריקט אין דער פּריידיקונג פון ישוע, — איז געווען געריכטעט צו אָט די דעגראַדירטע מאַסן מיט דעם אַבזיכט זיי צו באַפרייען פון זייער עקסטרעמער מאַטעריאַלער נויט און, הויפּטזעכלעך, פון זייערע אינערלעכע פאַרביטערונגען אָדער אַנטאַגאָניזמען, וואָס זיינען געווען די סבה פון זייערע גייסטיקע אָדער מאָראַלע ליידן, דורך דער פאַרמירונג

נחום קישנער

פון אַ נייער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס זאָל זיין פולשטענדיק אויסגעשלאָסן די רעכט צו באַזיצן פּריוואַטן אייגנטום; און וואו עס זאָל הערשן בלויז די פאָרם פון געמיינשאַפטלעכקייט אָדער — אַ קאָמונניסטישע אָרדענונג.

הגם פון דעם איצטיקן מאָדערנעם שטאַנדפּונקט, זעט אויס אַט דער אידעאַל און פּאַרזוך, ווי אַן אוטאָפּיע און פאַנטאַזיע, — פונדעסטוועגן דינט אָבער אַט די דערשיינונג, וועלכע איז אַ היסטאָרישער פאַקט, — אַלס אַן אויגנשיינלעכער באַווייז און קאָנקרעטע באַשטעטיקונג צו דער ריכטיקייט, פון דער נאָך פריער אויסגעדריקטער גרונט־הנחה אָדער אידייע, אַז די מענטשהייט בכלל שטרעבט תמיד און ווערט געטריבן, אינסינקטיוו אָדער באַוואוסטזיניק, פון אַן אינערלעכן נאַטירלעכן כוח צו אַן אָרדענונג פון גערעכטיקייט און פרידלעכקייט, אָדער, צו אַ לעבן פון באַלאַנס און האַרמאָניע.

די באַטרעפנדיקע איסיסטישע אידעאָלאָגיע, בכלל, און די אונטערנעמונג פון איר נאָכפאָלגערשאַפט צו פאַרווירקלעכן אַט די שטרעבונג אין אַ קאָנקרעטן פאַקט, — איז איר קלאָרסטע אַנטפּלעקונג און איר שאַרף־בולט׳ע מאַניפעסטאַציע.

די פּריידיקונג פון אַזעלכע אידעאַלן ווי אומדערווידערונג צו „שלעכטן” אָדער „בייזן”, ליבן און בעטן גוטס פאַר די שונאים און אַנדערע ענלעכע פּריידיקונגען, — האָבן ניט באַדייטעט קיין אונטערטעניקייט און אונטערגעבונג צום „שטאַרקערן”, צום באַצווינגער און אונטערדריקער, אינם כלל היניזכט, אָדער ווי צו אַ געזעלשאַפטלעכן קלאַס. ווייל אין דער „נייער, אידעאַלער” געזעלשאַפט, וועלכע איז, אָדער וועט זיין, לויט איר סטרוקטור, אינגאַנצן קלאַסנלאָז, — איז פאַר קיין שום גוואַלדזאַמקייט און באַדריקונג קיין אָרט ניטאָ; און קיין מעגלעכקייט פאַר אַזאַ עלעמענט אַזוינס צו פּראַקטיצירן איז אַבסאָלוט אין איר ניט פאַראַנען.

די דאָזיקע „דולדזאַמקייט” און „נאָכגעביקייט” צום „בייזן” באַציט זיך בלויז צו אַן אינדיווידו פון אויסנאַמלעכן כאַראַקטער. וואָרים עלעמענטן מיט מאָראַלע אָדער, גיכער, מיט גייסטיקע און פּסיכישע שוואַכקייטן, — זיינען קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסן פון קיין שום געזעלשאַפט; מעג זי זיין די אידעאַלסטע און פולקאָמענסטע.

דעריבער דאַרפן אַזעלכע אויסנאַמען, זען אויסגעבעסערט ווערן ניט מיט קיין שטרייינגקייט און שטראָף, נאָר, פאַרקערט, מיט געמיט־

לעכקייט און גוטהאַרציקייט. ווייל אַזאַ פאַרהעלטעניש מאַכט, אָדער לאָזט איבער אויף אַזעלכע פערזאָנען מיט בייזע געפילן און נייגונגען, אין די מערסטע פאַלן, אַ שטאַרקן איינדרוק, ווערנדיק באַווירקט פון זייער געוויסן, וואָס ברייגנגט זיי אָפטמאָל צו באַזינונג, צו זעלבסט־קריטיק, אָדער — צו רעווידירן זייערע אויפפירונגען און האַנדלונגען.

ווי עס שיינט האָט דער מענטשלעכער אינטעלעקט, נאָך אין דער אוראַלטער צייט, אין דער עפּאָכע פונם באַרבאַריזם, באַמערקט אין דער ווירקלעכקייט און דערפאַרן פון דער פּראַקטיק אָט דעם איינפלוס, אָדער די קעגנווירקונג, וואָס אַזאַ געמיטלעכע און ווייכע באַציאונג איבט אויס אויף אַזעלכע פאַרדאָרבענע כאַראַקטערן; און דעריבער האָט ער זיך באַמיט דאָס אָנצואווענדן אַלס מיטל, צו „טויטן אָדער „פאַרניכטן" דאָס „שלעכטס", די „פאַרדאָרבנקייט אינם מענטשן, — מיט „גוטן", אָנשטאָט מיט „בייזן".

עס מוז אָנגעמערקט ווערן, אַז מצד דעם פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט איז אָט די אָנווענדונג פולשטענדיק אויסגעהאַלטן און פּראַקטיש. ווייל, אַלס רעגל, ווערט פייער קיינמאָל מיט פייער ניט געלאָשן.

אויך די אויסדרוקן פון פאַראַכטונג צום לעבנס־גענוס און פון די אַנטיפּאַטישע פאַרהעלטענישן צו די מאַטעריאַלע באַקוועמלעכקייטן — האָבן, אין תוך, אַבסאָלוט ניט באַדייטעט קיין שום אָפּזאָגונג און פאַרלייקענונג פון דעם לעבן גופא און פון די נויטיקע קיום באַדערפענישן. הויפּטזעכלעך, איז מיט זיי באַצוועקט געוואָרן דאָס באַשריינקען, דאָס צאַמען פון די מענטשלעכע תאוות אין אַ געוויסער מאָס, שטעלנדיק דערביי העכער די גייסטיקע פאַרפולקאָמונג איבער דער קערפּערלעכער און פיזישער באַפרידיקונג.

וואַרשיינלעך, אַז די אַלע דאָ פאָרגעבראַכטע אויסדרוקן זיינען געווען די הויפּט־אידעאַלן פון דער אָריגינעלער איסיסטישער אויפפאַסונג, בכלל, און פון דער פריידיקונג פון ישו פון נצרת, בפרט; און זיי זיינען אויך געווען די מאָטיוון פון זייער ווענדונג צו די דערנידריקטע און געטראָטענע טיילן פון דער געזעלשאַפט.

אָבער איצט, נאָך דער רעפאָרמירונג פון די עוואַנגעלישע שריפטן, אָדער, ריכטיקער, פון זייער אינהאַלט, — האָט די זעלבע ווענדונג צו די אָרימע און באַ'עולה'טע עלעמענטן, אויך געענדערט איר באַדייטונג און כאַראַקטער, נעמלעך: איר הויפּט־אַבזיכט איז געוואָרן — ניט צו פאַרלייכטערן זייערע קיום־שוועריקייטן בנוגע די מאַטעריאַלע נויטיקייטן,

— נאָר, בעיקר, צו פאַרפולקאָמען זייער מאָראַלן אָדער זיטלעכן צושטאַנד, און אים דערהויבן צו אַזאַ הויכער מדרגה פון הומאַניטעט — ביז „צו ליבן אויך אַ שונא”, און פולשטענדיק טאָלערירן און פאַרטראָגן יעדע פאָרם פון באַדריקונג און פון גוואַלטטאַט.

איבער דער זעלבער סבה האָבן אויך די אויסדרוקן פון פאַראַכטונג און פאַרדאַמונג פון רייכטום און פון דער ביטול באַציאונג צו די קערפּער־לעכע תאוות, — זיך אומגעביטן אין אַן אידייע פון זעלבסט־אַפּזאָגונג פונם לעבן, אין אַ באַגריף פון אַסקעטיזם. אין גרונט מיינט דאָס: אַנט־לויפן און דעזערטירן פון קאַמף און גערანגל פאַרן אייגענעם קיום, אָדער, — פולשטענדיק קאַפּיטולירן, און זיך אונטערגעבן צום שיקזאַל, צו דער הערשנדיקער אומרעכט און גוואַלדזאַמקייט . . . און דעריבער שלאָגט פאָר, אָט די נייע עוואַנגעלישע אָנשויאונג, — די אַבסאָלוטע אונטערטעניקייט און אונטערוואַרפונג צו דער ברוטאַליטעט און בייזווי־ליקייט פון די פּריווילעגירטע שיכטן, און צו טראָגן זייער יאָך געהאָרכזאַם, אָן שום דערווידערונג און פּראָטעסט.

עס זעט אויס, אַז דער הויפּט קימער און זאָרג פון אָט דער אויפפאַ־סונג איז בלויז פאַר דעם גייסט און פאַר דער נשמה פון דעם באַ'עולה'טן עלעמענט, און ניט פאַר זיין גוף און זיין קערפּערלעכער עקזיסטענץ.

זיכער וואָלט, לויט דער לאָגיק, געדאַרפט זיין אינגאַנצן פאַרקערט, ווייל די דאָזיקע מאָראַל וואָלט זיך בעסער געפּאַסט פאַר די אויבערשטע, פּריווילעגירטע שיכטן, וואָרים זיי נויטיקן זיך גיכער אין דער אויסבע־סערונג פון זייער זיטלעכקייט און כאַראַקטער; און פאַר די דערנידע־ריקטע שיכטן איז נויטיקער די פאַרבעסערונג פון זייערע קיום באַדינ־גונגען. אָבער, ווי עס שאַפט זיך דער איינדרוק, באַטראַכט די באַטרעפנ־דיקע לעבנם אידעאָלאָגיע די אַלע סאָציאַלע איבלען און די געזעלשאַפט־לעכע קרומקייטן אַלס פאַטאַלע, דאָס מיינט: ווי פון דעם גורל אָדער געטלעכקייט באַשטימטע, וואָס בלייבן אַבסאָלוט אומפאַרענדערלעך.

אַלס באַקרעפטיקונג און באַשטעטיקונג צו דער ריכטיקייט פון אָט דער לעצטער אָנמערקונג, — דינט דער פאַקט, וואָס די עוואַנגעלישע אויפפאַסונג, בכלל, אַן און פאַר זיך, לויט איר אינהאַלט און כאַראַקטער, שטעלט באַין אופן מיט זיך ניט פאַר קיין ווענדונג, ספּעציעל און בעיקר, — צו די פּריווילעגירטע שיכטן בנוגע אַ פאַרלייכטערונג, אין אַ געוויסער מאָס, פון זייער שווערן יאָך און דרוק איבער די אַנדערע טיילן פון דער געזעלשאַפט; הגם עס ווערט אין איר אויסגעדריקט ביטערע פאַרדאַ־

אנטיסעמיטיזם

מונג און אנטריסונג, שארפער פראטעסט און אנקלאגע פאר זייערע גרוי־זאמקייטן און פאר זייער באגאנגענער אומרעכט.

דאגעגן, ווען מען נעמט אינם אמבאטראכט די אלטע ביבליש־נבואה׳שע אויפפאסונג, — דערשיינט קלאר דער פאקט, אז זי איז דורכ־אויס אדער, הויפטזעכלעך, געריכטעט און געווידמעט געווארן צו די איבערשטע, הערשנדיקע און רייכטום־באזיצנדיקע קלאסן.

אפגעזען פון דעם, וואס אין איר ווערן קיינמאל ניט גערופן די אונטערדריקטע פאלקס־מאסן צו קיין מרידה אדער אויפשטאנד צו בא־זייטיקן מיט גוואלד די באדריקער, — ווערט אבער פון אט די לעצטע געפאדערט דורך די שטריינגסטע באפעלן, אלס געבאטן און פארבאטן, אדער דורך א געמיטלעכער ווענדונג צו זייער געוויסן און געפיל, — צו באגרעניצן און באשריינקען צו א געוויסער מאס זייער גיריקייט, ברוטאלקייט און מאכט, צום ווייניקסטן, בנוגע דעם מיטגליד פון דער אייגענער נאציע אדער שטאם.

ווא א באווייז צו דעם דינט דער פאקט, וואס די קנעכטשאפט — אויב זי איז דארטן אינגאנצן ניט אפגעשאפט געווארן—איז זי אבער רע־דוצירט געווארן צו א זעקס־יאריקן טערמין אין באצוג צו אן אייגענעם, א אידישן יחיד ;; די קויפונג פו ןא אידישן קנעכט איז דערלויבט גע־ווארן בלויז פאר אט דער צייט. אויך איז עס זיין אייגנטימער פאר־באטן געווארן צו ארבעטן מיט אים שווערע, אויסמאטערנדיקע ארבעט ; און יעדער אידישער קנעכט האט, אלס פליכט אויף זיינע נאענטע און אייגענע, געדארפט פון זיי אויסגעקויפט ווערן פון קנעכטשאפט. דער דא־זיקער געזעץ אדער געבאט איז, זיכער, א רעזולטאט פון דעם פרייהייטס־גייסט, מיט וועלכן דאס פאלק איז געווען דורכגעדרונגען און באהערשט; און פון זיין שטענדיקער שטרעבונג צו אבסאלוטער זעלבסטשטענדיקייט ניט נאר בנוגע זיך אלס כלל, נאר אויך פאר זיין איינצלנעם, דעם יחיד. דער פרייהייטס־אידעאל שטעלט מיט זיך פאר דעם הויפט־מאטיוו און מאטא אין דער גאנצער ביבלישער אויפפאסונג, דורך דער שטענדיקער אונ־טערשטרייכונג, ביי יעדער געלעגנהייט, דעם באפרייאונגס־אקט פון דעם אידישן פאלק פון דער מצרים׳שער קנעכטשאפט.

נאך אט דער פרייהייט האט דאס פאלק שטענדיק געבייגקט און אפגעשאצט איר ווערט ; און דער דאזיקער אידעאל האט, ווארשיינלעך, געדינט אלס דער הויפט פאקטאר אין דער אויסברייטערונג און פארטי־פונג, אין משך פון פיל דורות, נאך דעם פאלקס צוריקקער פון בבל, פון דער גאנצער ביבלישער מאראל־קאנצעפציע, דערשיינענדיק דארט אלס

דער פונדאַמענטאַלער פרינציפ פון דער גערעכטיקייט, בכלל, וואָס איז איר גאַנצער מהות און אינהאַלט.

דורך דעם, וואָס די אויטאָריטעט פון דער רעפאָרמירטער איסיסטישער אויפפאַסונג, אָדער, די נייע לעבנס אָנשויאונג, האָט עפנטלעך דערקלערט די גאַנצע אַלטע ביבלישע געזעצגעבונג און די פאָלקס-טראַדיציע אַלס אָפגעשאַפט און בטל געוואָרענע; און דעם נבואה׳שן אידעאַל, בנוגע דער דערלייזונג פונם פאָלק, האָט זי פראָקלאַמירט אַלס שוין רעאַליזירט און פאַרווירקלעכט; און דערביי איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, דער הויפט מהות פון דער ביבלישער אויפפאַסונג, איז נאָך אין זיין לאַנד ניט איינגעשטעלט געוואָרן, איז איצט, אָט די איסיסטישע אָנשויאונג, דורך איר רעפאָרמירטקייט, — אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן פון איר פריערדיקן אינהאַלט און אָריגינאַליטעט; און האָט, איבער דעם, אויך פאַרלוירן דעם צויבער און די אַטראַקציע, וואָס די אַלטע איסיסטישע אידעאָלאָגיע האָ טפאַרמאָגט פאַר די ברייטע פאָלקס מאַסן, וועלכע האָבן זיך צו איר דערפאַר באַצויגן מיט טיפער אַכטונג און סימפאַטיע.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די דאָזיקע רעפאָרמירטע, נייע איסיסטישע מאָראַל אָנשויאונג האָט זיך דערקלערט אַלס באַזירט אויף דער אַלטער איסיסטישער אויפפאַסונג ווי זי איז געפרייידיקט געוואָרן פון איר פאָרשטייער, פון ישוע פון נצרת, און אויך אויף דער ביבלישער מאָראַל קאָנצעפציע, — האָט זי אָבער, אין גרונט, מיט זיי זייער אַ שוואַכע שיכות און אַ גאָר קנאַפע פאַרבינדונג, ווייל איר גאַנצער אינהאַלט און פאָרם זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געווען, פון היידנישן כאַראַקטער און קאָליר.

אַלס באַווייז צו דעם דינט דער פאַקט, וואָס עס מערקט זיך אין איר אויף זייער אַ בולטן אופן, דער אַנטראָפאמאָרפיזם, אָדער, די פאַרמענטשלעכונג פון דער געטלעכקייט און אויך, להיפוך, די פאַרגעטלעכונג פונם מענטשן.

חוץ דעם אַנטהאַלט זי אויך מיסטעריע און סימבאָליזם, פון וועלכע די ביבלישע אויפפאַסונג איז כמעט אינגאַנצן ריין. איבערהויפט, שפיגלט אָפ די דאָזיקע נייע מאָראַל דעם איינפלוס פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, ווי פון דעם סטאָאיציזם, פלאַטאָניזם און אַנד.

די דאָזיקע אָנגעוויזענע שטריכן צייגן קלאָר אָן אויף דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשיד, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און געשאַפן, אַ דאַנק דער רעפאָרמירונג פון דער ערשטער אָריגינעלער איסיסטישער אידעאָלאָגיע,

צווישן אַט דיביידע מאָראַל אויפפאַסונגען, פון דער נייער, דער עוואַנ־געלישער און דער אַלטער, דער ביבלישער.

אָפּגעזען פון דעם פאַקט, וואָס די ביבל־אויפפאַסונג יוערט תמיד אַרויסגעשטעלט און דערקלערט מצד דער אויטאָריטעט פון דעם קריסטנ־טום, בכלל, ווי אַ גאָר „נידריגע" אָדער „ווערטלאָזע", אין פאַרגלייך צו דער נייער, עוואַנגעלישער מאָראַל, אַנווייזנדיק אַלעמאָל אויף דעם, וואָס די ביבל־אַנשויאונג אַנטהאַלט אין זיך אַזעלכע אידייען, פּרינציפּן און רעגולאַציעס ווי „איין אויג פאַר איין אויג" (שמות כ"א, כ"ד) און אַנ־דערע צו זיי ענלעכע (וואָס זענען, ווירקלעך, און אַלס אומאָפּפלעקנבאַרער פאַקט, פון אַבסאָלוט ברוטאַלן און באַרבאַרישן כאַראַקטער, לויט די שפּעטערדיקע אָדער מאָדערנע מאָראַל באַגריפן); און, וואָס דערפאַר, ווערן זיי אייביק געברויכט אַלס טאַדל און פאַרוואורף צו דעם אידנטום; דאַן, ווען אין דער נייער עוואַנגעלישער מאָראַל ווערט, אַנשטאָט אַט דער גרויזאַמקייט, רעקאָמענדירט די אַבסאָלוטע „אומדערווידערונג צום שלעכטן, פאַרגעבונג און ליבשאַפט צום פיינט" (מתתיה, ה, ל־ם), — פון דעסטוועגן בלייבט אָבער אַלץ דער דאָזיקער פאַקט, מיט באַזונדערער שאַרפער בולטקייט, אַז טראָץ די אַלע דעפעקטן און נעגאַטיווע שטריכן דערשיינט זי, די אַלטע ביבלישע מאָראַל אַנשויאונג, פּאָרט אַלס די איינ־ציקע, וואָס איר גרונד־צוועק און הויפּט אַבזיכט איז, — בלויז און נאָר די באַשיצונג פון דעם שוואַכן קעגן דעם שטאַרקן, די פאַרטיידיקונג פון די רעכט פון דעם אונטערדריקטן און באַרויבטן קעגן דעם ווילקיר און דער בייזוויליקייט פון די פּריוויליגירטע, וואוילהאָבנדיקע און הערשנ־דיקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

ווייל די גאַנצע ביבלישע מאָראַל אידעאָלאָגיע זעט אויס, אין אַל־געמיין, לויט איר גאַנצן היקף אָדער פאַרנעם, ווי אַ דורכאויסיקע פאָ־דערונג און מאָנונג פון רעכט און גערעכטיקייט פאַר די באַדריקטע און דערנידעריקטע פאָלקס־מאַסן, — פון די „העכערע", רייכע און מאַכט־האָלטנדיקע גרופּן.

דעריבער איז אַט די אַלטע מאָראַל אידעאָלאָגיע, לויט איר אינהאַלט און פאָרם, אינגאַנצן געווענדט און געווידמעט בלויז און נאָר צו אַט די שטאַרקע, אויבערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, צו באַגרעניצן, אויף וויפיל עס איז מעגלעך, זייער ווילן און די פרייהייט פון זייערע האַנד־לונגען בנוגע די אַנדערע אָרימע און באַדריקטע פאָלקס־מאַסן, ווי עס איז שוין פריער אָנגעמערקט געוואָרן.

נחום קישנער

אין דער ביבלישער מאָראַל איז קיין אָנערקענונג ניט אויסגעדריקט געוואָרן און קיין אָרט איז דאָרטן ניט געגעבן געוואָרן פאַר אַזעלכע אי־דעאַלן, ווי: נאָכגיביקייט, פאַרגעבונג און ליבשאַפט צום פיינט און בייזטוער. ווייל אַזעלכע פּרינציפּן דינען בלויז די אינטערעסן פון די העכערע קלאַסן, שאַפנדיק פאַר זיי די געלעגנהייט, אָדער, גיט זיי די דערלויבונג אָנצוהאַלטן זייער מאַכט און פּאָזיציע, גוואַלדטאַט און ברו־טאַליטעט, פריי און אומגעשטערט.

אָט דאָס איז, לויט דעם ניכטערן געדאַנק, און פון דעם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, די ווירקלעכע באַדייטונג און דער אמת׳ער זינען פון דער באַטרעפנדיקער אויבער־מאָראַל, פון אָט די אידעאַליזמען.

אַלס די רעאַלסטע און באַגלויבסטע עדות פאַר דער באַשטעטיקונג פון דעם דאָזיקן דערקלערטן, גילט, ניט קיין אַנדערע ווי נאָר די נייע מאָראַל אויפפאַסונג גופא. ווייל, דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די פאַרדאָרבנקייט, די רשעות און די גוואַלדזאַמקייט האָט זייער זעלטן דערגרייכט אין אייראָפּע צו אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד, ווי אין דער צייט, ווען אָט די נייע מאָראַל איז געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון איר מאַכט, איינפלוס און ווירקונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן און אויך אין דעם פּאָליטישן לעבן.

וועגן דעם איז גענוג אָנצואווייזן אויף דער פעאָדאַליסטישער אָרד־נונג, אין וועלכער דער באַרבאַריזם און די ברוטאַליטעט פון דעם אַדעל אָדער „פּריצימטום", מיט וועלכע עס האָט באַהאַנדלט דאָס פאַרשטקלאַפּ־טע צו אים פויערטום. די אכזריות פון די אַנדערע הערשנדיקע און פּריווי־ליגירטע שיכטן, מיט וועלכער זיי האָבן זיך באַצויגן צו זייערע אונטער־טעניקע און באַהערשטע, — שטעלט מיט זיך פאָר אַ שוידערלעך בילד פון זייער זיטלעכער געפאַלנקייט, און גייסטיקער ליידיקייט. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע פון אָפטע אָדער שטענדיקע מלחמות, פאַרוויסטונג פון פילע מענטשלכע ישובים און סתם גוואַלדטאַט. דערביי מוז מען האַלטן אין דעם אכט, אַז אָט דאָס האָט פּאַסירט אונטער דער דירעק־טער אויפזיכט און השגחה פון דער נייער מאָראַל אָנשויאונג.

די אורזאַך איז קלאָר: זי איז ניט געווענדט און ניט געריכטעט קעגן די וואויל און מאַכטהאָבנדיקע עלעמענטן; און דעריבער, זיינען זיי, לויט איר אידעאָלאָגיע, געבליבן און בלייבן שטענדיק פריי און אומ־געצווימט אין זייערע מעשים און אויפפירונגען; און דערפאַר האָט די דאָזיקע נייע מאָראַל אָנשויאונג אָדער, ריכטיקער, איר פאַרשטייערשאַפט, איר אויטאָריטעט, — ניט „געהאַט" און „האָט" ניט די „רעכט", פאַר־

אנטיסעמיטיזם

שטענדלעך, אין מאָראַלן הינזיכט, אָנצורירן אָדער אָנצוגרייפן פרעמדע „רעכט", די „הייליקע", „אומבאַרירבאַרע רעכט" פון בייזווילקייט, וויל־קיר און הפקרות פון די אויבערשטע און מעכטיקע גרופן פון דער געזעל־שאַפט, בנוגע זייערע פאַרהעלטענישן צו די אַרבעטנדיקע, האָרעפּאַשנע, אָרימע און באַדריקטע מאַסן.

וואָרשיינלעך, אַז די אַלטע ביבלישע מאָראַל — איז באַזירט געוואָרן, הויפּטזעכלעך ,אויף דער פּראַקטיק און ווירקלעכקייט, אויף דעם ערדישן רעאַליזם; און די נייע, די עוואַנגעלישע — אויף דעם הוילן אַבסטראַקט, אויף דעם הימלישן אידעאַליזם. אָט אין דעם באַשטייט זייער קאָנטראַסט און אין דער ווידערשפּרוכיקייט, לויט זייער מהות, כאַראַקטער און אינהאַלט.

עס איז אָבער נויטיק אָט די באַמערקונג, אַז עס וואָלט געווען אַב־סאָלוט פאַלש און אומלאָגיש צו דענקען, אַז דער הויפּט־צוועק, פון אָט דער גאַנצער דאָ געגעבענער דערקלערונג, — איז פאַר דער ספּעציעלער באַטאָנונג פון דער „העכערקייט" אָדער „נידריקייט" פון דער אָדער יענער מאָראַל־אָנשויאונג. וואָרים פאַר דעם ראַדיקאַלן און ניכטערן געדאַנק, בכלל, זעט אויס צו זיין יעדע מיסטישע אָדער רעליגיעזע מאָראַל און עטיק אויפפאַסונג, סיי פון די גאָר אַלטע אָדער פון די גאָר נייע צייטן, — אינגאַנצן אומנויטיק, אומפּאַסיק און אומאָנווענדבאַר צו די איצטיקע לעבנס באַדינגונגען. זיי קענען און דאַרפן בלויז פון אים טאָלערירט און געדולדעט ווערן ביז זייער נאַטירלעכער זעלבסט־אויפלייזונג.

דער אַבזיכט איז דאָ בעיקר געווען די אָנדייטונג אויף דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער דאָ דערקלערטער אונטערשיד פון אָט דיביידע מאָראַל אויפפאַסונגען, דער אַלטער און נייער, — האָט פיגורירט אַלס דער וויכטיקסטער פאַקטאָר און ווי דער ווירקזאַמסטער סטימולאַנט בנוגע דעם אידנהאַס, דעם אַנטיסעמיטיזם.

די הויפּט אורזאַך פון דער אַנטוויקלונג פון אָט דער נייער מאָראַל אָנשויאונג אין איר איצטיקער פאָרם און אינהאַלט איז געווען, ווי עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, די פאָלגנדיקע, נעמלעך: וואָס די אויטאָריטעט, וועלכע האָט באַשטימט און דעפינירט איר גאַנצן אינהאַלט אָדער אידע־אָלאָגיע איז, ווי איר גאַנצע נאָכפאָלגערשאַפט, באַשטאַנען אין דער מערהייט אָדער, דורכאויס, פון דעם ריין און עכט היידנישן און פאַגאַ־ניסטישן אָפּשטאַם; הויפּטזעכלעך, פון העלענישער און רוימישער נאַ־ציאָנאַליטעט.

דעריבער, ווי עס שיינט, זיינען די גייסטיקע פּאַרדייאונגס־אָרגאַנען פון אַט דעם עלעמענט, אין קיין פאַל און באין אופן, ניט געווען מסוגל אָדער פייאיק איבערצוקאָכן, אַסימילירן אין זיך, אין זיין באַוואוסטזיין, אין זיין געוויסן, די מאָראַל־קאָנצעפּציע פונם אידנטום, לויט איר נאַטירלעכער וועזנטלעכקייט און אָריגינעלן אינהאַלט, פון וועלכן ער איז, דורך דעם קאַפּריז פונם שיקזאַל, דירעקט אָדער אומדירעקט, באַאיינפלוסט און באַווירקט געוואָרן.

דערפאַר האָט ער זי מאָדיפיצירט און צוגעפּאַסט צו זיין אייגענעם, אינערלעכן באַנעם, געפיל און געשמאַק, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. זי איז אין איר נייער פאָרם דערשינען אַלס אַן „אויבער־מאָראַל".

דורכדעם איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווערן צודעק, אין אַ געדיכטן שלייער צו פאַרמאַסקירן און פאַרשטעלן מיט איר דאָס פּנים פון דעם פּאַגאַניזם מיט זיין גאַנצער אידעאָלאָגיע און פונקציע, וועלכער איז, אַזוי ווי בטל און פאַרשווינדן געוואָרן פונם עפנטלעכן געזעלשאַפט־לעבן לעבן, און וואָס אין דער פּראַקטיק, אין דער ווירקלעכקייט, — איז ער נאָך געבליבן אין זיין עקזיסטענץ; און זיין פולע ווירקונג און הער־שאַפט האָבן נאָך דערוויל ביז היינט ניט אויפגעהערט.

X

די קירך און איר מיסיע און באַציאונג צום אידנטום

קלאָר און בולט אַנטפּלעקט זיך דער פאַקט, אַז די דאָזיקע עוואַנ־געלישע אָנשויאונג, הגם זי האָט אין זיך איינגעשלאָסן און אַנטהאַלט סופּער־הויכע מאָראַל אידייען און פּרינציפּן, — האָט זי זיך אָבער פול־שטענדיק אידייאיש סאָלידאַריזירט מיט דער ברוטאַלער מאַכט פון אומ־רעכט און גוואַלדזאַמקייט, מיט דעם פאַגאַניזם.

ווארשיינלעך, אַז זי איז פון דער ניצעאַנישער גרויסער פאַרזאַמלונג אויסגעפורעמט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל זיין, הויפּטזעכלעך, פאַסיג און אַנטשפּרעכיק צו די צוועקן און טענדענצן פון דער באַטרעפנ־דיקער הערשאַפט, ווייל אין יענער צייט איז איר כוח, איר קראַפט זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דער גאַנצער מלוכה־באַשטאַנד האָט אָנגע־פאַנגען זיך ברעקלען און פאַנאַנדערפאַלן.

די אורזאַך פון אָט דעם קריזיס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די קנעכטשאַפט, די שקלאַפעריי, אויף וועלכער עס איז געווען באַזירט, אַלס דער הויפּט פּרינציפּ, די גאַנצע רומישע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור, און ווי דער גרונט־פאַקטאָר אין דער שאַפונג פון אירע רייכטימער און אוי־סערלעכן גלאַנץ און פון איר קולטור, — האָט דעמאָלט, אין יענער צייט, שוין געהאַט אָפּגעלעבט; און האָט אָנגעוואוירן איר פריערדיקע פייאי־קייט צו שפּילן אין דעם מלוכה־לעבן די זעלבע ראָל.

די אַמאָליקע שטאַרקייט און קראַפט פון דער רוימישער אימפּעריע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אירע קריגס־פעאיקע טיילן, הויפּטזעכלעך, פון דעם פויערשן עלעמענט, — איז איבער דער אומאויפהערלעכער מלחמה־פירונג פאַר פילע יאָרהונדערטער אויסגעשעפּט און פאַרצערט געוואָרן. די מאַסן קנעכט האָבן איבערשטיגן אין אַ גרויסער מאָס די אָריגינעלע, די עכט־רומישע באַפעלקערונג; און די פאַרזעצונג פון מלחמה און קריג צוליב דער דעראָבערונג פון מער שקלאַפן אַלס אַ ביליקע פּראָ־דוצירונגס־קראַפט, — האָט פאַרלוירן יעדן זין און ווערט. דעריבער איז איצט די רוימישע מלוכה, אָן דעם לעבנס־פאַקטאָר פון שטענדיקן קריג און אָן דעם מאַרק פון שקלאַפן־האַנדל, — פאַראורטיילט געוואָרן צום פולשטענדיקן אונטערגאַנג און פאַרשווינדונג פון דער לעבנס־פלאַט־פאָרם.

די אייגנטימער פון גרויסע לאַנד שטרעקעס, די הערשנדיקע און פריוויליגירטע שיכטן, דער אדעל און די אַריסטאָקראַטיע האָבן קלאָר באַגריפן די גרויסע געפאַר, דעם אומגליק, וואָס לויערט אויף זיי; און זיי האָבן געזוכט אַ רעטונג אָדער מיטלען אָפּצואווענדן פון זיך אָט די פּאָליטישע קאַטאַסטראָפע; און אויף שפּעטער איינצוהיטן זייער איינפלוס, שטאַנד און מאַכט... זיי זיינען דערפאַר געווען, דורך די געשאַפענע אומשטענדן, געצוואונגען צו ענדערן דעם אַלטן שטייגער פון דער פּראָדוקציע, בכלל, און פון דער אַגריקולטור אָדער ערד־אַרבעט, בפרט. פאַר אָט דעם צוועק איז געווען אומבאַדינגט נויטיק די באַפרייאונג פון די פּילע און גרויסע מאַסן קנעכט. פון זיי האָבן די לאַנד־מאַגנאַטן, די באַזיצער פון גרויסע ערד־שטחים (לאַטיפונדיעס), — אויספאָרמירט אַן אַנדער פּויערטום, צעטיילנדיק זייער לאַנד־אייגנטום צווישן די באַפרייטע שקלאַפן, איינאָרדענענדיק זיי אויף ערד, וואו יעדער האָט באַקומען אין זיין רשות איין געוויסן חלק ערד אָדער פעלד אויף צו באַאַרבעטן. דאָס צוגעטיילטע לאַנד האָט באַלאַנגט צום באַפרייטן קנעכט אויף זיין גאַנץ לעבן; און עס איז אויך איבערגעגאַנגען בירושה צו זיינע קינדער אָדער דורות. אָבער דאָך איז דאָס לאַנד ניט געבליבן אַלס זיין אייגנטום. ווייל, לויט דעם געזעץ, האָט דאָס פאַקטיש געהערט צום מאַגנאַט אָדער צו זיינע יורשים. די ערד איז אים געגעבן געוואָרן בלויז אויף צו באַאַרבעטן; און פאַר אָט דער רעכט אָדער מעגלעכקייט, איז ער געווען פאַרפליכטעט אָפּצוגעבן אַלע יאָר פון זיין גערעטעניש, דעם אייגנטימער פונם לאַנד, אַ געוויסן טייל און אויך צאָלן געוויסע שטייערן. ער האָט זיין חלק לאַנד קיינעם ניט געקענט פאַרקויפן; און האָט ניט געהאַט די רעכט דאָס צו פאַרלאָזן, לויט זיין ווילן. ער און זיינע דורות זיינען צו דעם געבליבן צוגעשמידט אויף תמיד. דאָס איז געווען אַ נייע פאָרם פון פאַרשקלאַפונג פון די באַפרייטע קנעכט . . . עס איז דאַן אַנטשטאַנען די הערשאַפט פון דעם **פעאָדאַליזם**.

דער דאָזיקער רעזשים האָט זיך נאָכער אויך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, דויערנדיק פּילע הונדערטער יאָרן. אָט די דאָזיקע נייע פאָרם פון הערשאַפט איז אין תוך געווען אַזוי דעספּאָטיש, באַרבאַריש און גרויזאַם, אַזוי ווי דער פריערדיקער. שטענדיק האָט זיך געפאָדערט גוואַלדיקע קרעפטן די דאָזיקע ממשלה צו דערהאַלטן. איבערהויפּט, האָט זיך דאָס גענויטיקט, חוץ דעם פיזישן כוח, אין אַ מאָראַלער קראַפט, וואָס זאָל אויף אַ פּסיכאָלאָגישן אָדער גייסטיקן אופן באַאיינפלוסן און באַווירקן דעם געדאַנק, דעם געוויסן פון אָט די פאַרשקלאַפטע מאַסן, דאָס מיינט: צו האַלטן אין צוים און אונטער דעם קאָנטראָל זייערע אינער־

לעבע פּראָטעסט-אימפּולסן און אַנטריסטונג-עמאָציעס, וואָס זיינען געווען עלול, צו יעדער גינסטיקער געלעגנהייט, אויסצובּרעכן אין אַן אויפשטאַנד, אין אַ מרידה קעגן אָט דער ניי-איינגעשטעלטער אָרדענונג.

פּאַר אָט דער אויפגאַבּע איז איצט צוגעגרייט געוואָרן די קריסטלעכע רעליגיע; און פאַר דעם דאָזיקן צוועק זיינען רעווידירט, רעפאָרמירט און קאַנאָניזירט געוואָרן די עוואַנגעלישע שריפטן, מיט דער הויפּט כוונה, אַז זי זאָל דינען אַלס אַ ווירקזאַמער מיטל פאַר דער אָפּווענדונג פון דער אויפמערקזאַמקייט פון אָט די אונטערדריקטע מאַסן פון זייערע אמת׳ע באַדריקער און באַצווינגער צו זייטיקע אינטערעסן און אַנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן מיט דעם ווירקלעכן, רעאַלן לעבן קיין שום שייכות און פאַרבינדונג ניט, ווי למשל: צו זאָרגן זיך פאַר דעם וואוילזיין פון דער נשמה אין די הימלען, נאָך דעם טויט ווי אַזוי צו באַקעמפן אין זיך די זינדיקייט, און אַנדערע אַזעלכע אידייען . . .

די דאָזיקע רעליגיע האָט איצט ווירקלעך באַזעסן די געוואונטשטע פעאיקייט צו האַלטן די מאַסן אין דער געהעריקער געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט דורך איר ניי-געשאַפענער עטיק און מאָראַל אידעאָלאָגיע. דאָס איז גענומען געוואָרן באַזונדער אינם אכט, און איז ריכטיק און גענוי אָפּגעשאַצט געוואָרן מצד דער רוימישער הערשאַפט, האָפנדיק אויף דער ספּעציעלער הילף, שוץ און נוץ, וואָס זי וועט איר איצט, אין אָט דעם קריטישן מאָמענט און אויך אין דער צוקונפט, לייסטן און ברענגען... דער טעם, דער זין פון איר פאַרשטענדיקונג מיט אָט דער אויפפאַסונג און איר פּראָקלאַמירונג אַלס די אָפיציעלע שטאַטלעכע און נאַציאָנאַלע רעליגיע איז איצט געוואָרן באַזונדער קלאָר און בולט . . . אַלס דער אויסדרוק און פאַרקערפּערונג פונם קריסטנטום אָדער פון דער עוואַנגעלישער אָנשוויאונג אין דער עפנטלעכקייט איז געגרינדעט געוואָרן די **קירך**.

די עטאַבּלירונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט בעיקר באַצוועקט: זי זאָל פיגורירן אַלס דער הויפּט פּונקט און צענטער, פון וועלכן עס זאָל זיך ווידער פאַנאַנדערשפּרייטן די רוימישע מאַכט און איר איינפלוס איבער די פילע היידנישע לענדער און פעלקער, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען פון איר באַהערשט און באַדריקט . . . די קירך האָט אויף זיך גענומען אָט די פליכט און אויפגאַבּע; צווינגענדיק זיי, אונטערן אויסרייד פון זייער באַקערונג צו ט דעם נייעם גלויבן, — זיך אונטערוואַרפן צו דער דאָזיקער ברוטאַלער רוימישער מאַכט אָדער הערשאַפט.

דאָס קריסטנטום, ריכטיקער, זיין פאַרשטייערשאַפט, — איז דערהויבן געוואָרן צו דער העכסטער שטופע פון איינפלוס און מאַכט; און

דעריבער האט אין איר אויך אויפגעוואכט דער פאגאניסטישער געפיל אדער גייסט, וועלכער איז ביז איצט געווען פארבארגן אונטער א צודעק פון דער העכסטער מאראל און אויסעראָרדנטלעכער זיטלעכקייט אדער מענטשלעכקייט... דער מאכט־פרינציפ האט אנגעפאנגען אין איר צו ברויזן, און זיך געריסן צו קומען צו זיין אויסדרוק. אבער, גלייכצייטיק, ווי יעדע פונקציאנירנדיקע מאכט,—האט אויך די קירכלעכע הערשאפט ארויסגעוויזן אינערלעכן שרעק און באהאלטענעם פחד פאר א זייטיקער ווירקזאמער שטערונג. ווייל אזא מורא איז שטענדיק כאראקטעריסטיש פאר יעדער הערשאפט, וועלכע איז, אין גרונט, בלויז אן אומרעכט און געוואלדטאט, אין באצוג צו די באהערשטע עלעמענטן, אויף וועלכע זי איבט אויס איר צוואנג און דרוק... די דאזיקע אומרואיקייט איז א רעזולטאט פון דער אינסטינקטיווער אדער פון דער באוואוסטזיניקער אינערלעכער דערקענטעניש פון אט דעם אומרעכט... דאס איז א פארם פון דעם אויפברויז פון דעם געוויסן אין פסיכאלאגישן הינזיכט... דעריבער איז אט די מאכט שטענדיק אין א נערוועזן צושטאנד, פול מיט פארדאכט, און איז איבערמעסיק פארזיכטיק און וואכזאם...

דאס קריסטנטום, קומענדיק צו דער מאכט, — האט זיך איצט מער דערשראקן פאר זיין שורש און אורשפרונג, דעם אידנטום; זעענדיק נאך אלץ אין אים זיין ביטערסטע קעגנערשאפט און ווי די שארפסטע אפלייקענונג און ביטול־אויסדרוק צו זיינע דאגמעס און הויפט דאקטרינען; און ווי א שארפער פראטעסט קעגן זיינע באהויפטונגען און דערקלערונגען בנוגע די אריגינעלע אידעאלן פון דעם ביבליש־נבואישן וועלט־און לעבנס־באנעם, אויף וועלכן דאס קריסטנטום פרעטענדירט צו זיין באגרינדעט...

די רדיפות און די גוואלדזאמקייט, וואס די אויטאריטעט פונם קריסטנטום, פארקערפערט אין דער קירך, האט אנגעווענדט קעגן אידנטום, וואס האט שוין דאן פון לאנג געהאט פארלוירן זיין פאליטישע זעלבסטשטענדיקייט און, און איז צעשפרייט געווארן איבער דער גרויסער רוימישער אימפעריע אין איירופע, אזיע און אפריקע — זיינען געווען פון דעם זעלבן פאגאניסטישן כאראקטער, וואס די רוימישע הערשאפט האט ניט זייער לאנג פריער אנגעווענדט קעגן דעם קריסטנטום און זיין נאכפאלגערשאפט גופא, ווי: אומערלעכע פארלוימדונג; באשולדיקונג אין זיטלעכער געפאלענקייט, און אויך אפילו אין קאניבאליזם, אויסגעדריקט אין די בלוט־בלבולים, אז אידן נוצן קריסטלעך בלוט פאר זייערע פסח־מצות, און אנדערע אזעלכע פיקטיווע פארברעכנס.

אנטיסעמיטיזם

די קירך פלעגט אָפט פאָדערן פון די הערשער, וועלכע זי האָט געהאַלטן אונטער איר איינפלוס און קאָנטראָל, צו שאַפן שווערע גזרות פאַר די אידישע קבוצים; זיי אָפּזונדערן אין געטאָס, און, בכלל, פאַר־אומערן זייער לעבן. איר צוועק איז געווען: מיט גוואַלד צו באַקערן דאָס אידנטום צו דעם קריסטלעכן גלויבן; און, דורך דעם,—פּטור און פריי ווערן פון אָט דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קעגנערשאַפט; אָדער דאָס פשוט פיזיש אויסצוראָטן און אומברענגען דורך אַלערליי איבערפאַלן און שחיטות מצד דעם פאַנאַטישן און פינצטערן המון, וועלכן זי האָט אים דערצו אויפגעהעצט...

דאָס אידנטום האָט זיך אָבער ניט געשראָקן פאַר אָט דעם נייעם און געפערלעכן שונא. עס האָט שטענדיק, ניט קוקנדיק אויף דעם צוואַנג און דרוק פון דער קירך, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס עפעקטיוו און פילבאַר, — פּראַקטיצירט און אָפּגעלייקנט אָט די נבואה׳אישע פאַר־ווירקלעכונג, וואָס דאָס קריסטנטום האָט אָנערקענט און פּראָקלאַמירט...

דאָס אידנטום האָט תמיד עפנטלעך דערקלערט, אַז די הערשאַפט פון דער גערעכטיקייט איז נאָך ניט געקומען... זי ווערט דערוואַרט אין דער צוקונפט; אָבער איר אָנקום איז זיכער און אומצווייפלהאַפט, און ניט ערגעץ וואו אין די הימלען, — נאָר איינפאַך, אויף דער ערד, אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט...

די דאָזיקע עקשנות׳דיקע אָנהאַלטונג פונם אמת מצד דעם אידנטום, האָט די קירך באַין אופן ניט געקענט דולדן און מוחל זיין. זי האָט דע־ריבער, כדי וואָס מערער צו דערווייטערן איר נאָכפאָלגערשאַפט פון דעם איינפלוס פון דער אידישער אידעאָלאָגיע, — געהאַלטן כסדר אין איין איינפלאַנצן אין איר מוח, אין איר געפיל אַ טיפע שנאה, אַ גיפטיקן ביטערן האַס צום אידישן פאָלק, וועלכע האָט זיך, ווירקלעך, דורך אַזוי פיל לאַנגע דורות פון אַזאַ דערציאונג, איינגעזאַפּט און אריינגעוואַקסן אין דעם גאַנצן גייסטיקן באַשטאַנד פון די אומצאָליקע מענטשלעכע מאַסן אַזוי, אַז מיט דער צייט — איז אָט די שנאה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איינגנשאַפט, אין אַ טוגנט און מאָראַל, אָדער גאָר — אידעאַל...

די קירך, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען, לויט איר עפנטלעכער דערקלערונג, אויסצואָוואָרצלען די היידנישקייט, ברוטאַלקייט און אומ־רעכט און פאַרפיינערן דעם מענטשנס זיטלעכקייט, אים מאַכן באַוואוסט־זיניק אויף זיין מענטשלעכקייט, אויף דעם הומאַניזם, וואָס ער באַזיצט אַלס איינגנשאַפט, האָט, אָנשטאָט דעם, פאַרקערט, — נאָך מער פאַרפעס־

טיקט און פאַרשטאַרקט אַט דאָס „בייז" : דעם פּאַגאַניזם, אינם יחיד און אויך אין כלל.

עס איז ניט אמת די באַהויפּטונג פון אייניקע היסטאָריקער, אַז די קירך איז פּריער, אין אָנפאַנג, געווען אַ פאַקטאָר פון קולטור און ציוויליזאַציע, אַ סטימולאַנט פון וויסנשאַפט און פאַרשונג נאָר, להיפוך, זי האָט, אוים באַזונדערע וואַכזאַמקייט פאַר אירע אינטערעסן פון מאַכט און הערשאַפט, — שטענדיק דערשטיקט יעדע באַוועגונג און ריר פונם געדאַנק אין דער ריכטונג פון ליכט און פון וויסן.

די צייט פון איר הערשאַפט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, סימבאָליש, — אַן אייז־עפּאָכע און אַ לאַנגע אַרקטישע נאַכט־פינצטערניש, אין וועלכע דער מענטשלעכער גייסט איז געלעגן איינגעפרוירן און פאַרזונקען אין אַ טיפן לעטאַרגישן שלאָף אָדער הינערפלעט. דער פּעריאָד פון דער קירכלעכער העגעמאָניע ווערט באַצייכנט אַלס דעם מיטלאַלטער.

עס האָט דאַן געהערשט דער פעאָדאַליזם, דער קלאַס פון די נאָבללייט, פון די פּריצים, אָדער פון די באַזיצער פון גרויסע לאַנד־גיטער און ערד שטחים, צו וועלכע דאָס גאַנצע אַרטיקע פּויערטום איז געווען צוגעשמידט מיט גוואַלד, און איז געווען געצוואונגען זיי צו באַאַרבעטן פאַר זייער האַר, דעם פּריץ, אַלס קנעכט. אַט די אָרדענונג פון מאַסן־פאַרשקלאַפונג, און דעם דאָזיקן רעזשים פון גרויזאַמער אונטערדריקונג פון די גרעסטע און מערסטע טיילן פונם פאָלק, — האָט די קירך געבענטשט און סאַנקציאָנירט, און מיט באַזונדערן אייפער און טריישאַפט דורך אַלערליי מיטלען געשטיצט, באַוואַכט און באַשיצט פון יעדער „בייז" און „שלעכטס" . . .

עס קריסטאַליזירט זיך אוים דער פאַקט, אַז דאָס קריסנטום, אָדער די עוואַנגעלישע אויספאַסונג, האָט די גאַנצע צייט געדינט אַלס דער טרעפלעכסטער און דער פּאַסיקסטער פאַקטאָר אין דער אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג פון די פאָלקס־מאַסן מצד דער באַרבאַרישער מאַכט און פּריצישער גוואַלדזאַמקייט און ברוטאַליטעט, וועלכע האָבן דאַן, אומעטום און איבעראַל, געהערשט און געוועלטיקט . . . די דאָזיקע הערשאַפט און מאַכט האָט דער פעאָדאַליזם געטיילט צווישן זיך און דער קירך כמעט ווי גלייך אויף גלייך ; און, צייטנווייז, איז די קירכלעכע מאַכט נאָך איבערגעשטיגן די געוויינטלעכע, די וועלטלעכע . . .

אַט די עפּאָכע איז באַרימט און באַוואוסט מיט אירע אָפטע און בלוטיקע מלחמות צווישן די קריסטלעכע, אייראָפּעאישע פעלקער, מיט איר

אנטיסעמיטיזם

פאנאטיזם, אבערגלויבן, אומוויסנהייט און פולשטענדיקער דעמאראליזאציע, וועלכע האבן זיך אנטוויקלט מיט דער שטילער מיטווירקונג און הסכמה מצד דער קירך גופא. אין דער דאזיקער שווערער צייט איז דאס אידנטום גע׳טובל׳ט געווארן אין טייכן פון זיין אייגענעם בלוט; עס איז געווארפן געווארן אין קאלכאויוונס פון גיהנום׳שן פייער — אויך מיט דער הילף און ברכה פון דער קירך...

דאס אידישע פאלק האט אבער אויסגעהאלטן אט דעם ביטערן נסיון. און די גאנצע צייט האט דאס הויך געטראגן די פאן פון דער סאציאלער גערעכטיקייט... עס האט די האפענונג און דעם גלויבן אין א בעסערער צוקונפט, ווען אן ארדענונג פון סאציאלן יושר וועט איינגעשטעלט ווערן אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאפט „וואו איין מענטש וועט ניט קענען געוועלטיקן איבער דעם אנדערן, אים בייז צו פארשאפן", — האט ער אלץ ניט פארלוירן און קיינמאל ניט אנגעוואוירן...

XI

די ליבעראַלע אָרדענונג אונטער דעם קאַפּיטאַליזם

ווי באַוואוסט, איז אין דער אייביקייט קיין „אייביקייט" נישטאָ; ווייל יעדער דערשיינונג און קעגנשטאַנד איז אומפאַרמיידלעך אונטער־געוואָרפן צו ענדערונג און אומבייט. ווייל אַזוי איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור. אויך די קירכלעכע מאַכט און איינפלוס האָבן מיט זיך, אין דעם הינזיכט, קיין אויסנאַם ניט פאָרגעשטעלט, זייענדיק געצוואונ־גען צו ליידן פון דעם זעלבן שיקזאַל און פון אַט דער פאַטאַלער באַ־שטימונג...

די פון פריער און פון לאַנג איינגעשטעלטע קיום באַדינגונגען, האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט, און האָבן פאַרלוירן זייער זין. עס זיינען אויף זייער אָרט אויפגעקומען אַנדערע אומשטענדן; נייע געדאַנקען, מאָטיוון און שטרעבונגען זיינען געבוירן געוואָרן, און האָבן אָנגעהויבן שטראָ־מען און אָנפילן די לופט. דאָס מיטלאַלטערלעכע אייז האָט אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז צעשמעלצן. עס איז אַנטשטאַנען דער רענעסאַנס, די דער־וואַכונגס־עפּאָכע. די קירך האָט אין געוויסע הינזיכטן פאַרלוירן איר איינפלוס און אויטאָריטעט. איר דרוק אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דורך דעם אויף דעם אידנטום אויך. דער פעאָדאַליזם, די הערשאַפט פון די לאַנד־מאַגנאַטן און פריצים, האָט אָנגעפאַנגען, שטופנווייז, אָפּשטאַרבן און פאַרשווינדן ווערן.

דער גייסט פון דעם אייראָפּעאישן פעלקערטום האָט פריי אָפּגע־אָטעמט און געמאַכט באַדייטנדיקן פאָרשריט אויף דעם קולטור־געביט. עס זיינען דערפינדן געוואָרן אַלערליי מאַשינען. עס זיינען אַנטדעקט געוואָרן דער כוח פון דאַמף און די עלעקטריציטעט און זייער אָנווענד־באַרקייט פאַר דער פאַרבעסערונג און פאַרשנעלערונג פון דער פּראָ־דוקציע און קאָמוניקאַציע. די פאָרם און דער כאַראַקטער פון דער ווירטשאַפט האָט זיך אינגאַנצן געביטן. די געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור האָט זיך געגוזיטיקט אין אַ נייעם פאַקטאָר און קאָנטראָל־האַלטער; און אַזעלכער איז דערשינען אין דעם הינזיכט פון קאַפּיטאַל, אָדער, — קאַפּי־טאַליזם.

דער לעצטער האָט אין אָנפאַנג, צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן, דערמוטיקט אַלגעמיינע עלעמענטאַרע פאָלקס־בילדונג, געשטיצט די וויסנשאַפט, סיי די טעאָרעטישע, די אַבסטראַקטע און סיי די פּראַקטישע

די רעאַלע: די טעכניק, מעכאַניק און אויך די קונסט. דאָס איז פאַר אים געווען פון באַזונדערער נויטווענדיקייט און וויכטיקייט פון דעם נוצלעכן שטאַנדפּונקט, וואָס דאָס מיינט איינפאַך: אַרויסצוקריגן דורך דעם מער מאַטעריאַלע נוצן און ווערטן פאַר זיך זעלבסט.

דאָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלע ווירקונג אויף דער וועלט-פּאָליטיק, בכלל. דער אַבסאָלוטיזם, די אַליינהערשאַפט אָדער מאָנאַרכיזם איז, אין מערסטע פאַלן, ווי אָפּגעשאַפט געוואָרן. ער איז פאַרביטן געוואָרן מיט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, אָדער מיט דעמאָקראַטיזם, אין וועלכע רעזשימען אַלע קלאַסן פון דער לאַנד-באַפעלקערונג האָבן געהאַט זייער פאָרשטייערשאַפט. און זיי האָבן גענאָסן, מער ווייניקער, פון פאַרשיידענע פרייהייטן, ווי: פון וואָרט, פּרעסע, געוויסן אָדער גלויבן און פאַרזאַמלונגען, פאַר וועלכע די פאָלקס-מאַסן האָבן שטענדיק געקעמפט.

אין דער דאָזיקער צייט פון דער פאַנאַנדערשפּרייטונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ליבעראַליזם כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע מדינות, — האָט די אַרבעטערשאַפט, די האָרעפּאַשנע מאַסן, דער פּראָדוצירנדיקער און שאַפנדיקער עלעמענט, וואָס זיין עקזיסטענץ-מעגלעכקייט איז באַזירט בלויז אויף מי און אַרבעט, זייענדיק שטענדיק אונטערגעוואָרפן צו דעם ווילקיר און קאַפּריז פונם קאַפּיטאַליזם אָדער צו זיין באַדריקונג און עקספּלואַטאַציע, — זיך באַנוצט מיט אָט די געשאַפענע פרייהייטס-געלעגנהייטן פאַר דער באַשיצונג פון זיינע אייגענע אינטערעסן און פאַר דער פאַרלייכטערונג פון זיינע שווערע לעבנס-באַדינגונגען. די אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן זיך אָרגאַניזירן און זיך פאַראייניקן אין קערפּערשאַפטן. עס איז אַנטשטאַנען און עס איז אויפגעקומען די אַרבעטער-פראַגע, דער אַרבעטער-פּראָבלעם.

פאַר זיין לייזונג זיינען געשאַפן געוואָרן אַלערליי טעאָריעס, אידעאָלאָגיעס און ריכטונגען. אַלס די מער רעאַליסטישע, ריכטיקסטע און פּראַקטישסטע האָט געקראָגן די אָנערקענונג די טעאָריע, די לעבנס-אויפפאַסונג, פון דעם באַרימטן דענקער און אַרבעטער-פירער קאַרל מאַרקס, באַקאַנט אַלס דער מאַרקסיזם.

די דאָזיקע אידעאָלאָגיע ווייזט אָן אויף אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכן אופן, אַז דער פּראָבלעם פון דער באַ'עולה'טער אַרבעטערשאַפט וועט פולשטענדיק געלייזט ווערן נאָר דאַן, ווען די קעגנוואַרטיקע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור וועט געענדערט ווערן פון איר אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער אויף די פּרינציפּן פון געמיינשאַפטלעכקייט אָדער אויף קאָמונאַלע יסודות.

נחום קישנער

דעריבער דערשיינט אַט דער מאַרקסיזם אַלס דער קלאָרסטער און בולטסטער אויסדרוק פון דעם נאַטירלעכן דראַנג פון דעם מענטשן נאָך באַלאַנס און האַרמאָניע, נאָך גערעכטיקייט און גלייכהייט. דאָס מיינט: אַז ער איז אין פולן איינקלאַנג מיט דער נבואה׳שער קאָנצעפּציע בנוגע דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, בכלל.

די מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג, זייענדיק באַזירט נאָר און בלויז אויף דעם רעאַליזם, — האָט באַווירקט און באַגייסטערט די מאַיאָריטעט פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. עס האָט זיך דורך איר פאַרשטאַרקט די טענדענץ פאַר דער רעאַליזירונג פון אָט דעם גערעכטיקייט־פּרינציפּ, אַלס אַ לעבנס־פאַקט.

איבער דער אויספאָרמירונג פון אָט די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און נייע מאָראַלע אָנשויאונגען, — האָט זיך, נאַטירלעכערווייז, אויך גע־שאַפן אַן אַנדערע באַציאונג און שטעלונג פון מער דולדזאַמען און טאָ־לעראַנטן כאַראַקטער צו דעם אידן, אָדער דעם אידנטום, בכלל. אין די אינטערעסן פון אָט דעם נייעם לעבנס־פאַקטאָר, דעם קאַפּיטאַליזם, איז געווען באַזונדערס נויטיק, פון דעם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, די פולשטענדיקע אָפּשאַפונג פון דער רעכטלאָזיקייט און באַגרעניצונג פון די אידישע עלעמענטן, אין אַלגעמיין.

ווייל דאָס האָט געהאָלפן צו פאַרגרעסערן די אַרבעטס־קראַפט און, דורך דעם, — די פּראָדוקציע, אָדער, אין אַנדערע פאַלן, האָט דאָס גע־בראַכט נוצן מיט דעם, וואָס געוויסע טיילן פון דעם אידישן עלעמענט האָבן געדינט אַלס ענערגישע און פעאיקע פאַקטאָרן אין דער פאַרטיילונג פון דער געשאַפענער פּראָדוקציע אויף דעם היימישן, ווי אויך אויף דעם וועלט־מאַרק. וואָרים דאָס אידישע פאָלק האָט זיך נאָך פון לאַנג אויס־געצייכנט אין מסחר, אין קאָמערציעלע אָנגעלעגנהייטן דורך דעם, וואָס אין דער מיטלאַלטערלעכער עפּאָכע איז דאָס ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו קיין אַנדערע באַשעפטיקונגען, ווי ערד־אַרבעט, אָדער מלאכה און אַנדערע פּראָפעסיעס, חוץ האַנדל און פינאַנץ־אָפּעראַציעס...

די דאָזיקע דערפאַרונגען, וואָס דאָס אידנטום איז געווען געצוואונגען אויף אָט די געביטן, ווילִיג אָדער אומווילִיג, אַזעלכע צו פאַרמאָגן און באַזיצן — זיינען געווען גראַדע זייער נוצלעך פאַר דעם קאַפּיטאַליזם, פאַר זיינע אינטערעסן. ווייל זיי האָבן פאַר אים געדינט ווי אַן אידעאַלע געלעגנהייט און ווירקזאַמער מיטל זיך אַרויסצוהעלפן און באַנוצן מיט זיי, אין פאַרשיידענע פאַלן... וואָרים, ווי עס איז יעדן באַקאַנט, האָט דאָס אידנטום מיט זיך פאָרגעשטעלט, בעיקר, — אַ שטאַטישן אָדער

בירגערלעכן עלעמענט, וואָס, דורך דעם, איז דאָס געווען מער פּאַסיק און פעאיק צו אַזאַ אויפגאַבע. אויך, איבער זיין צעשפּרייטקייט און צע־וואָרפנקייט איבער פילע לענדער און צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלי־טעטן, איז ער געווען באַזונדער גינסטיק און גילטיק צו פיגורירן אַלס פאַקטאָר און פאַרמיטלער אין דער אָנקניפּונג מיט זיי פאַרבינדונגען אויף דעם נאַציאָנאַלן און אויך אינטערנאַציאָנאַלן, קאָמערציעלן געביט, אויף אַ גרעסערן פאַרנעם.

עס איז באַזונדערס כדאי אָדער נויטיק די פאָלגנדיקע באַמערקונג: אַז, ווי עס איז באַוואוסט, איז די גלייכבאַרעכטיקונג געגעבן געוואָרן דעם אידישן קיבוץ, איבערהויפּט דאָרטן, וואו ער איז געווען פאַרהעלטניש־מעסיק קליין און ווינציק אין זיין סכום, איבער די אַפּטע גירושים און פאַרפאָלגונגען אין דעם מיטלאַלטער, אין אַזעלכע מדינות ווי: איטאַליע, בעלגיע, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנד. אין אַט די לענדער האָט אָנגע־הויבן שפּילן אַ גרויסע ראָל דער קאַפּיטאַל און די אינדוסטריע; און זייער פאַרשטייערשאַפט האָטניט געהאַט קיין שום גרונט זיך צו שרעקן פאַר אַ זייטיקער און פרעמדער קאָנקורענץ.

מעגלעך, אַז לויט אירע אויסזיכטן, איז די אָנערקענונג פון דער אידישער גלייכע בירגערלעכע רעכט געווען פון באַזונדערער וויכטי־קייט; ווייל דאָס האָט פאַר איר, דער קאַפּיטאַליסטישער און אינדוסט־ריעלער רעפּרעזענטאַנץ, געשאַפן די מעגלעכקייט און געלעגנהייט אויס־צונוצן פאַר אירע אינטערעסן די אידישע פינאַנציעלע רעסורסן, דער־פאַרונג און טיכטיקייט.

ווי עס איז באַוואוסט, איז כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע מלוכות פּראָקלאַמירט געוואָרן די פולע אידישע בירגערלעכע גלייכרעכט. נאָר אין דעם גרויסן צאַרישן רוסלאַנד איז ניט באַווויליקט געוואָרן דעם אַר־טיקן אידנטום קיין גלייכע בירגער־רעכט; און עס איז מצד דער מלוכה ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג די שנאה צום אידנטום און איז אָפּטמאָל אָנגעווענדט געוואָרן אין דער פּראַקטיק, אויסגעדריקט אין פּאָגראָמען, גירושים און סתם פאַרפאָלגונגען. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, הגם דער פעאָדאַ־ליזם איז שוין דאָרטן געווען אָפּגעשאַפט, האָבן אָבער נאָך געהערשט זיין גייסט, פּרינציפּן און מעטאָדן בנוגע דער גאַנצער לאַנד אָדער מלוכה פירונג.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך געשראָקן פאַר די גרויסע קאָמ־פּאַקטע אידישע מאַסן, וואָס זיינען, איבער דעם בייזן ווילן פון דעם

שיקזאַל, אַריינגעפאַלן אין איר רשות. ווייל, הגם אין גרויס־רוסלאַנד גופא איז זייער צאָל געווען זייער קליין און אומבאַדייטנדיק, דערפאַר אָבער, איז דער גרעסטער טייל פונם גאַנצן אייראָפּעאישן אידנטום גע־ווען קאָנצענטרירט אין דער פריערדיקער פּוילישער מלוכה און אין אוקראַינע, וואָס זיינען אַרונטער אונטער דער דאָזיקער צאַרישער הער־שאַפט; און צוזאַמען מיט אָט דער גוואַלדיקער ירושה פון גאַנץ אוק־ראַינע און פיל פּראָווינצן פון דער פּוילישער ערד, — האָט זי אויך גע'ירש'נט דעם גרעסטן אידישן קיבוץ פון אייראָפּע, וועלכער איז דאָרטן געווען איינגעאָרדנט.

פאַר דער אָנהאַלטונג און מער זיכערקייט פון איר מאַכט, דרוק און צוואַנג איבער אָט די פעלקער פון אוקראַינע און פּוילן, — איז דאָרטן און אומעטום געשטעלט געוואָרן דאָס אידנטום אויף דער נידע־ריקסטער מדרגה פון אונטערדריקונג; און, הויפּטזעכלעך, אין פול־שטענדיקער רעכטלאָזיקייט, אַרויסרופנדיק צו אים שנאה־געפילן אויף דעם גרונט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פאַר דעם צוועק פון — „צעטייל און הערש".

דעריבער, איז בלויז דאָס צאַרישע רוסלאַנד געווען די איינציקע און ווי אַן אויסנאַם צווישן אַלע אייראָפּעאישע מלוכות, וואָס האָט ניט אָנערקענט און ניט געגעבן איר אידנטום קיין גלייכע בירגער־רעכט. די דאָזיקע רעכטלאָזיקייט האָט געדויערט ביז די רעוואָלוציעס, וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיט דער שטירצונג פון דעם דאָזיקן רעזשים, וואָס איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ ליבעראַלע רעגירונג און נאָכער מיט דער באָלשעוויס־טישער אָרדנונג, איז דעם אידנטום גלייך געגבן געוואָרן די פולע גלייכ־רעכט . . . אָט אַזוי דערשיינט די פיזאָנאָמיע און די כאַראַקטער־שטריכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ליבעראַלער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, בכלל, און אין באַצוג צו דעם אידנטום, בפרט . . .

XII

די טאָלעראַנץ צו דעם אַנטיסעמיטיזם

טראָץ דער גלייכבאַרעכטיקונג, פון וועלכער דאָס אידנטום, בכלל, האָט גענאָסן, אַ דאַנק די קאַפּיטאַליסטישע, ליבעראַלע רעזשימען, — מערקט זיך אָבער קלאָר דער פאַקט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, דער אידנ־האַס, וואָס ציט זיין געשיכטלעכן שוואַרצן פאָדים נאָך פון די אוראַלטע ביבלישע צייטן און פון דעם מיטלאַלטער, — האָט נאָך איצט אויך, — אין דער עפּאָכע פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס, אין די לענדער פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, — ניט אויפגעהערט צו ווירקן; און איז פון דער לעבנס־פּלאַטפאָרם ניט פאַרשוואונדן. זיין טעטיקייט ווערט פון קיין רעגירונג קיינמאָל ניט געשטערט און ניט פאַרווערט.

די אורזאַך פון אָט דער אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט צו דעם אַנטיסעמטיזם מצד די פרייע מלוכות איז באַשטאַנען, וואָרשיינלעך, אין דעם, וואָס זייער געמיטלעכע און מילדע שטעלונג און באַציאונג צום אידנטום האָט זיך ניט געשאַפן אויף דעם גרונט פון סענטימענטאַליטעט און הומאַניטאַרן־געפיל אָדער אידעאַליזם, ווי אייניקע זיינען גענויגט צו גלויבן, נאָר, הויפּטזעכלעך, איבער עקאָנאָמישע מאָטיוון און מאַטעריע־ליסטישע אויסרעכענונגען.

דאָס דערשיינט קלאָר דערפון, וואָס אין אייניקע לענדער, הגם עס איז דאָרטן געגעבן געוואָרן דעם אידישן קיבוץ פולע גלייכע רעכט, פאָרמעל, און דורך דער געזעץ, איז דאָס אָבער, אין דער ווירקלעכקייט, ניט אָנגעווענדט געוואָרן מיט דער פולער מאָס . . . אויסער דעם, איז קיינמאָל דער אַנטיסעמטיזם, אַלס שעדלעכער און דעמאָראַלירנדיקער כוח, וואָס ער איז אין קיין פאַל ניט געווען פאַרבאָרגן און פאַרהוילן פון די אויגן פון די מאַכטהאָבער און קאָנטראָל־האַלטער איבער דעם פּאָלי־טישן, עקאָנאָמישן און מאָראַלן וואוילזיין פון לאַנד און פאָלק, — ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך געזעץ אין קיין שום מלוכה, אפילו אין די גאָר פרייע און מער ליבעראַלע רעזשימען.

די פאַרעדיקונג און די פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמטיזם איז אומעטום פולשטענדיק דערלויבט; און ניט נאָר דאָס אַליין, — נאָר אָט די „רעכט" ווערט נאָך דאָרטן באַשיצט און אָפּגעהיט אויף דעם גרונט פון דעם פּרינ־ציפּ פון פרייהייט פון וואָרט און שריפט. דער אַנטיסעמיטיזם ווערט בכלל באַטראַכט ווי אַ וועלט און לעבנס־אויפפאַסונג, ווי אַ פילאָזאָפיע,

וואָס האָט אַ נאָכפאָלגערשאַפט. דערום — די באַרעכטיקונג פון זיין קיום, ווירקונג און טעטיקייט . . .

אויב מיר זאָלן אַקצעפּטירן און רעכטפאַרטיקן אַט דעם פרייהייט־פרינציפּ פון וואָרט און שריפט, וואָס ער ווערט אין דער ווירקלעכקייט אויך אַנגעווענדט צו דעם אַנטיסעמיטיזם, — דאַן שווימט אַרויף, לויט דעם געוויינלעכן שכל הישר, די דאָזיקע פראַגע, נעמלעך : צי אַזאַ פרייהייט און דערלויבונג וואָלט אויך געגעבן געוואָרן, אויף דעם זעלבן פרינציפּ, פאַר דער פרעדיקונג אין און צווישן די געזעלשאַפטלעכע פאַרשיידענע שיכטן און קלאַסן אַזעלכע „אידייען" אָדער גאָר „אידעאַלן", ווי : פון רויב, מאָרד און סתם הפקרות, אָדער — דעמאָראַליזאַציע ? . . .

ווייל פון וואָס באַשטייט דען דער הויפט־אינהאַלט און, איבערהויפט, — דער ענדגילטיקער צוועק פון דעם אַנטיסעמיטיזם, אין אַלגעמיין, אויב ניט פון די דאָזיקע אַנגעוויזענע גוואַלדזאַמקייטן און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פאַרברעכנס? עס איז גאָר ניט נויטיק צו ברענגען וועגן דעם פאַקטן און באַווייזן. וואָרים עס זיינען שוין גענוג באַוואוסט די פאָלגן, די רעזולטאַטן פון דער פאַנאַנדערשפּרייטונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם פון די העצעס קעגן דעם אידנטום, אַז זיי ענדיקן זיך, אין אַ געוויסע פאַלן, מיט פּאָגראָמען, רויב, מאָרד, אָדער, צום ווייניקסטן, מיט איבערפאַלן, געשלעגן, פאַרשוועריונגען און סתם גוואַלדטאַט.

ווי עס זעט אויס, איז לויט דעם געזעץ אומעטום דערלויבט די צוגרייטונג פון פּאָטענציעלע מערדערישע און רויבערישע עלעמענטן, דורך אַט דער מענטשנהאַסערישער אידעאָלאָגיע, בלויז און נאָר אָדער ספּעציעל, — פאַר דעם אידישן פאָלק . . .

די לעכערלעכסטע זייט פון אַט דעם פאַקט איז, וואָס די דאָזיקע דערלויבונג, איז באַגרינדעט אויף דעם פרינציפּ פון וואָרט און שריפט־פרייהייט ! . .

עס זעט אויס זייער קאָמיש און שפּאַסיש, אָבער מער באַדויערלעך און טרויעריק.

אַט אַזאַ ווידערשפּרוכיקייט אין אַט דעם פרייהייט־באַגריף איז געווען מעגלעך אונטער דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַליזם בכלל, דערפאַר, וואָס לויט זיינע אייגנטימלעכקייטן אָדער כאַראַקטער־שטריכן, איז דער קאַפּיטאַליזם, אָפּגעזען פון זיין ליבעראַלער פיזיאָנאָמיע, אין וועלכער ער פּאַראַדירט, — זייער גיריק און אומזעטיק ; און דערפאַר זיין שטענ־

אַנטיסעמיטיזם

דיקע שטרעבונג און דורשטיקייט נאָך גרענעצלאָזן וואוקס און פאַנאַנדערשפּרייטונג פון זיין דערוויילּיקן באַשטאַנד.

די דאָזיקע אייגנשאַפט פאַרוואַנדלט אים אין אַן אונטערדריקערישן און באַצווינגערישן כוח; כדי אַרויסצופּרעסן פאַר זיך מער נוצן און ווערטן פון דער אַרבעט און מי פון אַנדערע... דעריבער איז דער קאַפּיטאַליזם אויך אימפּעריאַליסטיש. דאָס מיינט, אַז ער באַזיצט די טענדענץ צו באַהערשן און פאַרשקלאַפן פרעמדע און ווייטע לענדער און פעלקער פאַר אָט דעם זעלבן צוועק.

פאַר דער אויסאיבונג פון זיין מאַכט אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער ספערע און אויך אויף דער פרעמדער, האָט דער קאַפּיטאַליזם, ריכטיקער זיין אויפפאַסונג, אַנטוויקלט די אידייען אָדער די אידעאַלן פון דעם נאַציאָנאַליזם און פאַטריאָטיזם ביז צו אַ שטופע פון עקסטרעמען שאָוויניזם. די דאָזיקע באַגריפן שאַפן אויבנאויפיק דעם איינדרוק בלויז ווי זיי וואָלטן געווען דער אויסדרוק פון באַזונדערער טיפער ליבשאַפט און געטריישאַפט צום אייגענעם לאַנד און פאָלק„ אָבער אונטער זיי באַהאַלט זיך, הויפטזעכלעך, גיפטיקער האַס און אומטאָלעראַנץ צו אַנדערע אָדער פרעמדע עלעמענטן. אָט דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם איז פאַר אים נויטיק אין געוויסע פאַלן אַלס, באַצייטנס און פאָראויס, צוגעגרייטער ברענשטאָף ער זאָל זיך צעפלאַקערן אין אַ העלישן פייער, און דעם נויטיקן פאַר אים מאָמענט . . . דאָס איז אַ נאַציאָנאַליסטישער פאַנאַטיזם, פון וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט דער מאָדערנער, דער **נאַציאָנאַל־פאַטריאָטישער**, ריכטיקער, — דער **פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם**, פאַרבייטנדיק מיט זיך דעם פאַרעלטערטן, דעם **רעליגיעזן** . . .

פון אָט דעם אָנגעמערקטן ווערט מער אָדער ווייניקער קלאָר און באַגרייפמעסיק דער טעם, די אורזאַך פון דעם אינדיפערענטיזם און פון דער דולדזאַמקייט מצד דעם קאַפּיטאַליזם, אָדער פון דער ליבעראַלער קאַפּיטאַליסטישער אָרדונג, צום אַנטיסעמיטיזם, בכלל. וואַרשיינלעך, דערפאַר, וואָס ער איז אַרויסגעוואַקסן פון אָט דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע; אָדער ער האָט זיך מיט איר פולשטענדיק אידענטיפיצירט און צונויפגעשמאָלצן אויף אַזאַ אופן, אַז זיין באַזייטיקונג וואָלט באַדייט — אַן אינערלעכע סתירה און ווידערשפּרעכיקייט אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַליסטישער קאָנצעפּציע.

אָט דערפאַר איז די אָפשאַפונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם ניט אין איינקלאַנג מיט די אויסזיכטן פונם קאַפּיטאַליזם . . .

אָבער אַזאַ פאַל, — פון פולשטענדיקער עלימינירונג פון דעם אַנטי־סעמיטיזם פון דער געזעלשאַפט, — האָט פּאַסירט בלויז און נאָר אויף איין און איינציקן פונקט פון דער וועלט. — אין דעם גרויסן, אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, וואו דעם אַרבעטער־קלאַס איז געלונגען, נאָך שווערע און בלוטיקע קאַמפן מיט דער אינעווייניקסטער און אויסערלעכער קעגנערשאַפט, צו רעפאָרמירן די אַלטע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור אינם גייסט פונם מאַרקסיזם, אָדער — אויף זיינע פּרינציפּן, צוגרייטנדיק דעם באָדן פאַר דער ענדגילטיקער עטאַבלירונג פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָרט דערקלערט געוואָרן אַלס פאַרראַט קעגן דער מלוכה, און ווי אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרברעכן.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט־געשיכטע אין אַלגעמיין, און אין דער אידישער, ספּעציעל און באַזונדער, — אַ פּאַסירונג פון אַזאַ אַקט, אַ געשעעניש פון אַזאַ פאַקט!!

זיין באַדייט איז זיכער באַגריפן און אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק, בכלל, און פון דעם אידישן אינטעלעקט, בפרט...

אויב דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אַן אויסנאַם מיט איר באַרויבן דאָס אידנטום פון זיין גלייכרעכט, איז איצט דאָס נייע, באַצייכנט אַלס ראַטנלאַנד, ווידער אַן אויסנאַם, — מיט איר געזעצלעכער באַזייטיקונג פון אַנטיסעמיטיזם אין איר גאַנצער ספּערע און אין אַלע אירע גרענעצן. וואָרים, דערווייל האָט נאָך ביז היינט קיין שום אַנדערע מלוכה אין דער וועלט, אַפילו די מער פּראָגרעסיווע, פרייע און ציוויליזירטע, ניט באַוויזן נאָכצופאָלגן אָט דעם ביישפּיל.

אַזאַ שריט אָדער טאַט איז דערווייל, ווי עס זעט אויס, אויסער, אָדער — אין ווידערשפּרוך מיט דער ליבעראַלער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דער אַנטיסעמיטיזם האָט, וואַרשיינלעך, פאַר איר אַ פּאָזיטיווע זייט, אַ נוצלעכע באַדייטונג, אָדער פונקציע... דערום איז זי תמיד צוריקגעהאַלטן, און איז ניט גערן אים אָפּצושאַפן.

דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז פאַר איר נויטיק אין געוויסע און באַשטימטע פאַלן, הויפּטזעכלעך, אין אַן עקאָנאָמישן אָדער פּאָליטישן קריטישן מאָמענט, פאַר וועלכן זי איז פאַראַנטוואָרטלעך, — אָפּצואַווענדן פון זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אומצופרידענע מאַסן אין אַן אַנדער ריכטונג... וואָרים די אינטערעסן פון די אויבערשטע שיכטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווערן, פון אָט דער זעלבער אַרד־

אַנטיסעמיטיזם

נונג, שטענדיק „העכער" געשטעלט און „טייערער" געשאַצט, פון דעם וואוילזיין און לעבן־זיכערקייט פון די אידישע עלעמענטן... די דאָזיקע קריזיסן קומען שטענדיק פאָר, ווי עס איז באַקאַנט, דערפאַר, וואָס דער קאַפּיטאַליזם ליידט תמיד פון אינערלעכער ווידערשפּרוכיקייט און צעטיילטקייט. ווייל ער איז קיינמאָל ניט קאָנצענטרירט אין איין און איינציקן פונקט, נאָר ע איז צעשפּליטערט און צעוואָרפן אין פאַרשיידענע פונקטן, וואו יעדער באַזונדערער טייל פון אים פיגורירט אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער און אומאָפּהענגיקער לעבנס־פאַקטאָר אין זיין באַשטימטער סביבה, וואָס האָט באַזונדערע אינטערעסן פון נאַציאָנאַלן אָדער אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער... איבער אָט דער אינטערעסן־פאַרשיידנהייט הערשט תמיד צווישן זיינע טיילן שאַרפער אַנטאַגאָניזם, טיפער קאָנפליקט און ביטערער קאַמף פאַר אויבערמאַכט, איינפלוס און פּאָזיציע.

דער דאָזיקער שטרייט און געפעכט איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דעם איצטיקן פּעריאָד, בעת דער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה בנוגע זיין גרויס און פאַרנעם; און יעדער איינציקער טייל זיינער, אַלס אַ זעלבסשטענדיקער איינס, האָט פאַר זיך געפאָדערט מער רוים, מער אָרט פאַר זיין אויסשפּרייטונג און פאַנאַנדערוואַקסן.

אין אָט דעם גערודער פון זיינע הויפּט טיילן האָט דער קאַפּיטאַליזם בכלל געליטן אַ שווערע נידערלאַגע. ער האָט דורך איר, ענדלעך, פאַרלוירן זיין פעאיקייט צו פאַרוואַלטן און אָנפירן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויסצואיבן אויף אים, ווי פריער, זיין מאַכט און איינפלוס; און ליידנדיק פון כראָנישע שווערע קריזיסן, וואָס דורך זיי ווערט זיין סאַמע קיום געשטעלט אין געפאַר, — ווערט פון אים זעלבסט, פאַר זיין רעטונג, — אויך געברויכט דער אַנטיסעמיטיזם . . .

אָט דאָס איז דער זין און די סיבה פון זיין פולשטענדיקער טאָלעראַנץ צו אָט דער אידעאָלאָגיע...

13

די ווירקונג פונם ליבעראַליזם און אַנטיסעמיטיזם אויף דעם אידנטום

ניט קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן דערלויבטן און גערודלדעטן געזעל־שאַפטלעכן דעפעקט, דעם אַנטיסעמיטיזם, האָבן די נייע לעבנס־פאָרמען און באַדינגונגען אונטער דער ליבעראַלער אָרדענונג פון דעם קאַפּיטאַ־ליזם ווירקלעך פאַרבעסערט די קיום־אומשטענדן, און האָבן איינגאַנצן אָפּגעשאַפט די טראַגישע לאַגע פון דעם אידנטום; הויפּטזעכלעך און צוערשט פון דעם טייל, וואָס האָט זיך געפונען אין די לענדער אין די מלוכות פון מערב־אייראָפּע, וואו דער קולטור־פּראָגרעס און די ציוויליזאַציע זיינען געווען גרעסער און עפעקטפולער.

די נעגעבענע גלייכרעכט האָט פאַר דעם אידישן קיבוץ געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר זיינע אַמביציעס און טעטיקייטן, און געשאַפן אַנדערע מעגלעכקייטן און אַנגעלעגנהייטן פאַר דערפאָלג, אין דעם עקאָנאָמישן, מאַטעריעלן אָדער אין גייסטיקן הינזיכט.

דער אידישער עלעמענט, זייענדיק לאַנגע עפּאָכן און פיל יאָרהונ־דערטער איזאָלירט און פאַרשפּאַרט, ווי אין אַן ענגער און פינצטערער תפיסה, צווישן די געטאָ־ווענט, אָפּגעזונדערט, ווי אַ פאַרפעסטעטער, פון רער אַרומיקער געזעלשאַפט, — האָט איצט דערפילט אַן אָפּפרישונג, אַ צושטראָם פון נייע כוחות און ענערגיע. עס האָט פון זיך אָנגעהויבן אָפּטרייסלען דעם דיקן שיכט פון שטויב, דאָס אַלטוואַרג און דעם שימל; און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ נייעם אויסזען, אויסערלעכע פאָרם און אויך אַ געענדערטן אינערלעכן אינהאַלט, לויט די פאָדערונגען פון דער צייט, אָרט און די פאַרשיידענע אומשטענדן.

עס איז ביי אים, דעם מערב׳דיקן אידנטום, אַנטשטאַנען די באַוואוסטע שטרעבונג צו בילדונג, וויסן, אויפגעקלערטקייט און וועלט־לעכקייט, באַקאַנט אַלס די השכלה־באַוועגונג. דאָס אידנטום האָט אָנגעפאַנגען זיך מער דערנעענטערן אין זיינע מאַניערן און אין גייסט צו דער סביבה. דאָס איז, מעגלעך, געווען אַ נאַטירלעכער אָדער אינ־סטינקטיווער אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און פריינדלעכע געפילן פון זיין זייט פאַר דער געגעבענער אים אָנערקענונג און גלייכע רעכט, אָפּ־שאַפנדיק פאַר אים די אַלטע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן פאַראומערט און פאַרביטערט זיין לעבן אַזוי פיל יאָרן און עפּאָכן...

ווירקלעך, אַלס פֿאַקט, וואָס מען קאָן ניט לייקענען, האָבן געוויסע טיילן פֿון דעם מערבֿ־אייראָפּעאישן אידנטום, אַ דאַנק אָט די נייע ליבע־ראַלע לעבנס־איינשטעלונגען, דערגרייכט אַ העכערע מדרגה אין דעם געזעלשאַפֿט, אין עקאָנאָמישן, אין גייסטיקן הינזיכט, און אויך אין מלוכה'שע אָנגעלעגנהייטן... עס האָט זיך אויספֿאָרמירט אַ באַזונ־דערער פֿאַרמעגלעכער, וואוילהאָבנדיקער און איינפֿלוסרייכער שיכט, אַ אידישע אַריסטאָקראַטיע, אָדער — אַן אַדעליקער קלאַס.

ער האָט זיך אַלס אַזעלכן זעלבסט באַטראַכט, ווייל ער האָט תמיד געהאַט אַ דירעקטן פֿאַרקער און פֿאַרבינדונג מיט די „העכערע" און „אויבערשטע" שיכטן פֿון דער סביבה און מיט די מאַכט־האָבנדיקע אָדער הערשנדיקע גרופּעס פֿון דעם לאַנד, צו וועלכע ער האָט זיך דער־שלאָגן אַ צוטריט און אַן דערנענטערונג, אַ דאַנק זיין וואוילשטאַנד אָדער גייסטיקער פֿעאיקייט...

דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטישער אידישער קלאַס האָט זיך אָבער דערווייטערט פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע, פֿונם אידנטום, בכלל, פֿון איר שפּראַך, קולטור און טראַדיציע. ער האָט זיך גענייטיקט אין אַן ענדע־רונג אין זיינע אויסערלעכע און, טיילווייז, אויך אין די אינערלעכע לעבנס־פֿאָרמען און אינהאַלט; און אַזעלכע איז פֿון אים געשאַפֿן געוואָרן, באַקאַנט אַלס די רעפֿאָרם, אָדער, דאָס רעפֿאָרמירטע אידנטום...

די דאָזיקע רעפֿאָרם איז געמאַכט געוואָרן צוערשט און, הויפּט־זעכלעך, אין דער אויסערלעכקייט פֿון דעם רעליגיעזן לעבן, אין דעם ריטואַל אָדער ליטורגיע, אינם גאָטעס־דינסט. אַ טייל פֿון די גאָר אַלטע צע־רעמאָניעס זיינען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן און זיינען פֿאַרביטן געוואָרן מיט נייע, מער מאָדערנע. די אַלטע שול איז געענדערט געוואָרן אויף אַ טעמפּל; דער אַלטמאָדישער רבֿ — אויף אַ „ראַבי", אָדער — דאָקטאָר פֿון טעאָלאָגיע... די אָפּריכטונג פֿון די תּפֿילות איז באַגלייט געוואָרן מיט דער מוזיק פֿון אַן אָרגל, און נאָך אַנד. דאָס איז געווען אַן אימי־טאַציע צו דער קירך־רעפֿאָרם פֿון לוטער, קאַלווין, צווינגלי און אַנדערע...

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום האָט קעגן אָט דער רעפֿאָרם שאַרף פּראָטעסטירט, — אָבער צו קיין פֿול־שטענדיקער אָפּשפּאַלטונג און אָפּזונדערונג איז צווישן זיי ניט פֿאָרגע־קומען. דאָס רעפֿאָרמירטע אידנטום איז געבליבן ביי זיינע תּקנות און אידעאָלאָגיע; און זיך עטאַבלירט אַלס אַ באַזונדערע גרופּע.

אָבער דורך אָט דער רעפֿאָרם, וואָס, בכלל, האָט דאָס באַדייטעט אָדער באַצוועקט אַ ווי ווייט מעגלעכע אידענטיפֿיצירונג און זעלבסט־

פארענלעכונג מיט דער ארומיקער, אויסערלעכער פרעמדער ספערע, — איז דאס רעפארמירטע אידנטום דערפירט געווארן צו דעם געדאנק אדער מיינונג, אז דער אפיציעלער איבערגאנג צום קריסטנטום איז פון דער מינדערוויכטיקסטער באדייטונג, און פון די „קליינקייטן"... ווייל די צאמען, די גרענעצן צווישן די צוויי וועלטן, דער אידישער און ניט־אידישער, זיינען שוין סיי ווי סיי פארווישט געווארן . . . עס האט זיך דארט אנגעפאנגען, אין דעם מערב'דיקן אייראפעאישן אידישן קיבוץ, א שמד־עפידעמיע...

עס איז אבער באלד געקומען די ווירקלעכקייט פון דעם פראקטישן לעבנס־שטייגער און ביטער געשמיסן און געפאטשט איבער זיין פנים, אנצייגנדיק אויף זיין געפערלעכן טעות... דער אייביקער פאגאניסטישער געפיל פון מענטשנהאס אדער די מיטלאלטערלעכע אידנפיינטשאפט, וואס, ווי עס האט אויסגעזען, האט זיך שוין געהאט ווי אינגאנצן אויסגעדאמפט און אפגעלעבט איר צייט, — איז פלוצים אויפגעשטאנען תחית־המתים, אדער אויפגעוואכט פון זיין לעטארגישן שלאף און דערשינען מיט אן עכט מאדערנעם און קלינגענדיקן נאמען ווי „אנטיסעמיטיזם". וואס דאס מיינט, ווי באוואוסט, — אידנהאס. דער אונטערשייד באשטייט בלויז אין דעם, וואס, פריער, אין דעם מיטלאלטער, איז ער געווען באגרינדעט, הויפטזעכלעך, אויף א רעליגיעזן אינהאלט און איצט, — אויף אן עקסטרעם נאציאנאליסטישער און שאוויניסטישער אידעאלאגיע.

אט דער „נייער אידנהאס" איז אויפגעקומען, זיך אנטוויקלט און פארווארצלט דווקא אין מערב־אייראפע, דאס וויגעלע פון פרייהייט, קולטור און ציוויליזאציע... דער אנטיסעמיטיזם איז, ווארשיינלעך, שטענדיק, אפילו אין זיין דרעמלנדיקן און פאסיוון צושטאנד, זייער וואכזאם און סענסיטיוו צו יעדער באזונדערן באוועג, צום מינדסטן ווענד און קער פונם אידישן עלעמענט. ער האט באין אופן ניט געקענט פארטראגן און פארליידן די עטוואס פארבעסערטע לאגע פונם אידנטום, הגם דאס האט זיך באצויגן בלויז און נאר אויף דעם קלענסטן טייל פון די גרויסע אידישע פאלקס־מאסן. דעם אידנהאסערישן שיכט איז ניט געווען געפעלן, עס איז אים געווען דערווידער און איבערדריסיק די אריינדרינגונג און די צוזאמענמישונג פון אייניקע אפטריניקע אדער דעגענערירטע טיילן פונם אידישן כלל מיט א טייל פון זיין נאציע. באזונדערם האט ער ניט געקענט דולדן דאס פריינדלען זיך פון דעם „העכערן" אידישן שיכט מיט זיינע „הויכע" קלאסן, דאס פארקערן מיט זיי און זיין האבן צו זיי א פרייען צוטריט. דאס איז זיכער ניט געווען אוים

אנטיסעמיטיזם

באַזונדערע ליבשאַפט און געטריישאַפט צו זיין אייגענער נאַציע און לאַנד, זיי פאַרהיטן פון דער אידישער „שעדלעכקייט” און „געפערלעכ־קייט”, — נאָר צוליב זיינע אייגענע און פריוואַטע אינטערעסן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעהויבן זיין שטים, באַוויזן די שאַרפקייט פון זיינע ציין און נעגל, די גיפטיקייט פון זיין צונג. צוערשט שטילערהייט, מורמלנדיק, און וואָס אַמאָל העכער, און מיט מער געוואַגטקייט און פרעכהייט . . .

דאָס אַריסטאָקראַטישע אידנטום האָט זיך געפילט אַנטוישט און שרעקלעך געטראָפן. עס האָט באַגריפן, אַז מיט קיין אָפענער אויסמישונג, דורך שמד, וועט עס די פולשטענדיקע און אויפריכטיקע פריינטשאַפט פון די הויכע קלאַסן פון דער ניט־אידישער וועלט ניט געווינען . . . עס האָט זיך אָבער פון אָט דער אידייע ניט געקענט אָפּזאָגן אָדער באַפרייען איבער זיינע פערזענלעכע מאָטיוון פון מאַטעריעלן אָדער גייסטיקן אינהאַלט. האָט עס געזוכט אַנדערע וועגן און מיטלען, ניט צו באַקעמפן זיין שונא, דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר אים מיט גוטן און געמיטלעכקייט איבערבעטן, איינשטילן, איינגעמען... עס האָט זיך דערטראַכט צו דער „אידייע” פון אַסימילאַציע. דאָס מיינט: אויף אַ שטופנווייזן שטייגער זיך אַריינוואַקסן און אַריינלעבן אין דער ניט־אידישער סביבה...

דערצו איז ניט נויטיק קיין אָפיציעלער שמד, נאָר די מעגלעכע פאַרלייקענונג פון דעם אייגענעם שטאַם אָדער פאָלק, אָפּזאָגנדיק זיך פון זיין פאָלקס שפּראַך, קולטור, מנהגים און טראַדיציעס, רעליגיעזע און פאָלקסטימלעכע. הויפּטזעכלעך, אָננעמען די מאַניערן, די אויפפירונג, שפּראַך און קולטור און די זיטלעכקייט פון דעם ניט־אידישן עלעמענט; און אַזוי אַרום ווערן, אָדער, אויסזען ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אים, און דערמיט, אין משך פון וויניקע דורות, לעזן זיין שווערע פּראָבלעם, די אידן־פראַגע... די אַסימילאַציע־אידעאָלאָגיע איז ביי אַ טייל פונם אידנטום אַ רעזולטאַט פון דער ווירקונג און איינדרוק פון דעם אַנטי־סעמיטיזם...

די נייע אידייען פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע האָבן אָבער אויך זיך, ווי מיט גוואַלט און קראַפט, אַריינגעריסן און אַדורכגעבראָכן די כינעזישע וואַנט, מיט וועלכער די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרמויערט דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק עס זאָל צו אים ניט אַריינדרינגען קיין שום ניי ווינטעלע, קיין פרישער לופט־שטראָם פון דער אויסערלעכער, ציוויי־

ליזירטער און פּראָגרעסיווער וועלט, האַלטנדיק אים אין אַן ענגער, צוזאַמענגעפּרעסטער און פאַרשטיקטער אַטמאָספערע.

די רוסישע יוגנט, דער אינטעלעקטועלער עלעמענט, הויפּטזעכלעך די, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון דעם מיטלקלאַס און אַרבעטערשאַפט, — האָט זיך געניויטיקט אין מער ברייטקייט און אין מער פרייהייט פאַר אירע אויסזיכטן, צילן און אַמביציעס, דאָס מיינט: מער מעגלעכקייטן און שאַנסן פאַר זייער רעאַליזירונג און פאַרווירקלעכונג. ווייל די דאָזיקע אָנגעמערקטע שיכטן זיינען געווען אין אַ געוויסער מאָס באַשרענקט און באַגרענעצט אין זייערע רעכט און אָנגעלעגנהייטן, דורך דער פאַרעלטערטער, עקסיסטירנדיקער דעמאָלט אָרדענונג, וואָס האָט צעטיילט דאָס גאַנצע בירגערטום אויף „העכערע" און „נידעריקערע" שטאַנדן, מיט מערערע און וויניקערע רעכטן און פּריווילעגיעס, און איינציקע טיילן מיט פולשטענדיקער רעכטלאָזיקייט...

צווישן אָט די עלעמענטן האָבן זיך פאָרמירט אַלערליי קרייזן, גרופּן פון פּראָגרעסיוון כאַראַקטער מיט פאַרשיידענע טענדענצן און אידעאָלאָגיעס. אָבער זייער הויפּט צוועק איז געווען: די אָפּשאַפונג פון אַבסאָלוטיזם און אים פאַרבייטן אויף אַ קאָנסטיטוציאָנאַלן רעזשים, אָדער, — גאָר איינגאַנצן צו שטירצן און אומוואַרפן דעם צאַריזם, און אויף זיין אָרט איינשטעלן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק...

עס איז זעלבסט-באַגרייפלעך, אַז די הויפּט ראָלע אין אָט די באַפרייאונגס-און פרייהייטס-באַוועגונגען האָט געשפּילט דער אַרבעטער-קלאַס, דער מער באַרויבטער, אונטערדריקטער און באַ'עולה'שער פאָלקסשיכט.

דאָס דאָרטיקע אידנטום, זייענדיק תמיד אַכזריות'דיק פאַרפאָלגט, דערנידעריקט און פולשטענדיק רעכטלאָז האָט, נאַטירלעכערווייז, גע-האַסט אָט דעם דעספּאָטישן צאַרישן רעזשים; און אינערלעך סימפּאַטיזירט מיט דעם פרייהייטס-קאַמף, וואָס איז קעגן אים אָנגעפירט גע-וואָרן; און, ווי ווייט עס האָט געקענט, דירעקט און אומדירעקט, מאָראַליש און מאַטעריעליש, — געשטיצט און געהאָלפן דער פאַנאַנדערשפּרייטונג פון אָט די פרייהייטס-אידייען, אָדער דעם ליבעראַליזם, בכלל. די צאַרישע רעגירונג האָט, ווי מע קען זיך אַליין פאָרשטעלן, אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען און מעטאָדן צו דערשטיקן און אונטערדריקן די דאָזיקע ליבעראַלע אידייען, די פאָלקס-אויפבראַזן און די פרייהייטס-באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, אין עפנטלעכע מאַניפעס-טאַציעס, און וואָרט און אין שריפט.

אנטיסעמיטיזם

דורך דעם האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אירע רדיפות אויף דעם אידנטום, דורך אָפּטערע פּאָגראָמען, באַגרענעצונגען און גירושים; כדי אויף אַט דעם אופן צו צעטיילן די כוחות פון פון איר קעגנערשאַפט. פאַר אַט דעם צוועק האָט די צאַרישע רעגירונג באַטריבן אַ ווילדן אידנ־האַס, צעפּעבערנדיק דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אַט דאָס טייוולשע פייערל, צווישן דעם אַבסאָלוט אומוויסנדיקן און צוריקגעשטאַנענעם המון... אַזוי אַרום איז דער אַנטיסעמיטיזם געוואָרן איר הויפּט וואָפן פאַר דער זעלבסט־באַשיצונג און פאַר דער פאַרזיכערונג פון איר קיום.

עס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז צוזאַמען מיט דעם מערב־איראָ־פּעאישן ליבעראַליזם איז אויך אַריינגעדרינגען צווישן דעם מזרח אָדער רוסישן אידנטום די השכלה־אידעאָלאָגיע פון דעם מערב־איראָפּעאישן אידישן קיבוץ. די השכלה האָט באַאיינפלוסט און באַווירקט גרויסע טיילן פון דעם רוסישן אידנטום, וואָס האָט נאָך געטראָגן דעם כאַראַק־טער און איינגעהיט אין זיך דעם גאַנצן אינהאַלט, אויף אַ פאַרגליווערטן אופן, פון דעם מיטלאַלטער, ווען דער גלויבן און די פרומקייט האָבן דער־גרייכט ביז פולשטענדיקן פאַנאַטיזם; און האָבן זיך אַרומגעצאַמט און באַוואָרנט עס זאָל אין זיי ניט אַריינשפּאַרן זיך, קיין שום פרעמדע און נייע אידייע, אָדער פרייער געדאַנק...

די השכלה־באַוועגונג צווישן דעם רוסישן אידנטום, הגם עס האָט באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד דער אָרטאָדאָקסישער אָדער פרומע עלעמענטן, האָט אָבער געמאַכט פאַרשריט. הויפּטזעכלעך, צווישן דער אידישער יוגנט.

דורך דער השכלה האָט עס זיך בלויז באַפרייט פון דעם פאַנאַטיזם, אָבערגלויבן און פון אייניקע פאַרעלטערטע אויפפירונגען און אידייען. עס איז אָבער דורך איר ניט דערפירט געוואָרן צו קיין מאַסן־שמד, אָדער צו דער אידייע פון אַסימילאַציע. אַפילו די רעפאָרם־אידעאָלאָגיע האָט דאָרטן קיין גינסטיקן באָדן פאַר זיך ניט געפונען, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס האָבן זיך שוין פאַר דער לעצטער צייט געהאַט באַוויזן אין דער אידישער געזעלשאַפט עלעמענטן מיט אַזעלכע טענ־דענצן פון רעפאָרם און אויך פון אַסימילאַנטישן כאַראַקטער. דאָס זיינען געווען ווידעראַמאָל, ווי אין מערב־איראָפּע, די פאָדערונגען פון די מער רייכע, פאַרמעגלעכע, אָדער, הויך געבילדעטע שיכטן, הויפּט־זעכלעך, פון פוילישן און טייל־ווייז פון דעם רוסישן אידישן קיבוץ.

אַנשטאָט אַט די רעפאָרמיסטישע און אַסימילאַטאָרישע לעבנס־אַנשויאונגען, האָט זיך דאָרט מער פאַרשטאַרקט און פאַרשפּרייט צווישן

די אידישע פאָלקס-מאַסן דער נאַציאָנאַליזם. אַ דאַנק דעם איינפלוס פון דער השכלה האָט אין זיי דערוואַכט דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, געפיל און שטאָלץ.

די סיבה פון אָט דעם פאַל איז, וואָרשיינלעך, באַשטאַנען אין דעם, נעמלעך, וואָס די מאַיאָריטעט פון דעם רוסישן אידנטום איז ניט געווען פולשטענדיק זיכער און איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט פון דעם אונטערגאַנג אָדער שטירצונג פון דעם ברוטאַלן צאַרישן רעזשים אין אַ שנעלער און קורצער צייט. ווייל די גרויסע מאַסן פון דעם רוסישן פאָלק, ריכטיקער, פון די פיל פעלקער, בכלל, — זיינען געווען, אין זייער מערהייט, ווי פאַרטעמפּט און אַבסאָלוט אומבאַוואוסטזיניק, איבער זייער באַזונדערער צוריקגעשטאַנענקייט אין דעם גייסטיקן און קולטורעלן הינזיכט. וואָרים די צאַרישע רעגירונג האָט זיי באַרויבט פון דער גאָר עלעמענטאַרער בילדונג: פון לייענען און שרייבן. און דעריבער האָבן זיי אויסגעזען ווי אומשטאַנדהאַפטיק און אומפאַרלעסלעך אין זייערע מיינונגען און האַנדלונגען און דערפאַר — די צוריקגעהאַלטנקייט און די פאַרזיכטיקייט מצד דעם אידנטום צו זיין אַרומיקער ספערע.

ווי עס זעט אויס, האָט דער דאָרטיקער הערשנדיקער אַנטיסעמיטיזם געמאַכט אויף דעם מזרח-אייראָפּעאישן אָדער רוסישן אידישן קיבוץ אַן אַנדערע, אָדער פאַרקערטע ווירקונג, ווי אויף דעם אידנטום פון מערב-אייראָפּע, וואָס האָט געלעבט אין אַ ציוויליזירטער און קולטורעלער אומגעבונג.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אין דעם רוסישן אידישן עלעמענט ניט דערוועקט און ניט אַנטוויקלט קיין נויגונג און טענדענץ פאַר אַן אויסמישונג אָדער אַסימילירונג מיט דער פרעמדער סביבה. נאָר ער האָט אין אים אַרויסגערופן, איבער די שטענדיקע רדיפות, אַ שטרעבונג צו זעלבסט-אָפּזונדערונג און אַנטלויפונג פון איר אין אַ זיכערן און רואיקן פונקט אָדער אָרט, פאַר זיין קיום. און איבער דעם איז דאַן צווישן אים אַנטשטאַנען די אידייע און באַוועגונג זיך צוריקקערן אין זיין אַלטן, היסטאָרישן לאַנד, פאַלעסטינע.

דער דאָזיקער געדאַנק איז ניט קיין נייער, לויט זיין מהות. ער איז די אַלטע האָפענונג, וואָס האָט שטענדיק אומאויפהערלעך געלעבט אין דער לעבנס-אַנשויאונג פון דעם גאַנצן פאָלק, זינט טויזנטער יאָרן; און איז געווען, הויפּטזעכלעך, באַגרינדעט אויף דעם גלויבן, אַז דאָס וועט פּאַסירן אויף אַ מיסטישן און איבערנאַטירלעכן אופן מיט דעם אָנקום

פון „משיח״, דעם באַפרייער און דערלייזער פונם אידישן פאָלק פון דער געפאַנגשאַפט אָדער גלות.

איצט האָט די זעלבע אידייע, אָנשטאָט איר פריערדיקער פאַנטאַס־טישן אינהאַלט, באַקומען אַ נייעם פון אַ מער רעאַליסטישן און פראַק־טישן כאַראַקטער, נעמלעך, אַז דאָס לאַנד זאָל ביסלעכווייז אויסגעקויפט אָדער אויסגעלייזט ווערן פון פרעמדן רשות און דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ רעטונגס־אָרט פאַר דעם געררודפטן אידנטום. די ערשטע שעפער פון אָט דער אידעאָלאָגיע און באַוועגונג זיינען געווען, ווי באַקאַנט, די „חובבי ציון״. איצט איז אָט די אידייע פאַרקערפערט געוואָרן אין דעם „ציוניזם״. זיין אינהאַלט און צוועק איז זייער פאָפולער.

דער ציוניזם האָט שוין אין אָנפאַנג צו זיך צוגעצויגן גרויסע טיילן פון די פאַרשיידענע אידישע פאָלקס־קלאַסן. ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער מער פראַקטישער און ממשות׳דיקער וועג און אופן פאַר דער לייזונג פון דעם שווערן פראָבלעם, בנוגע דעם קיום פון דעם גאַנצן אי־דישן פאָלק, בכלל. די נאָכפאָלגערשאַפט פון אָט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע באַשטייט, הויפטזעכלעך, פון די רייכע און מער פאַרמעג־לעכע עלעמענטן אָדער פון דעם מיטלקלאַס.

אָבער די מערהייט פון דער אידישער אַרעמשאַפט און פון דעם אַרבעטער־שיכט, — האָט זיך אויספאָרמירט אין פאַרשיידענע גרופן פון רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן אינהאַלט, מיט באַזונדערע נאַציאָ־נאַלע פרינציפן און טענדענצן; אָדער זיי זיינען אַריינגעטראָטן און זיך אָנגעשלאָסן אין אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונגען פון פאַרשיידענע ריכטונגען.

אָט אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע ווירקונג אויף די ביידע טיילן פונם אייראָפעאישן אידנטום, דעם מערב׳דיק און דעם מזרח׳דיגן, האָבן גע־מאַכט די דאָזיקע צוויי אָנשויאונגען: דער ליבעראַליזם און דער אַנטי־סעמיטיזם... דעריבער האָבן די דאָזיקע באַזונדערע אידישע קיבוצים אויף אים רעאַגירט אויף אַ קאָנטראַסטישן אופן בנוגע דער לייזונג פון זייער עקסיסטענץ פראָבלעם...

דער אַנטיסעמיטיזם פון זיין זייט, באַנוצט זיך אָבער שטענדיק מיט יעדער אידעאָלאָגיע אָדער ריכטונג, וואָס פאָרמירט זיך אויס, אַ דאַנק די אומשטענדן, ביים אידנטום, כדי דערמיט דאָס צו פאַרלוימדן, באַשול־דיקן און דיסקרעדיטירן. אויף דעם גרונט פון דער אַסימילאַציע, אָדער, אַסימילאַנטישער אויפפאַסונג, וואָס האָט געקראָגן אַן אָנהאַלט און אַ

באַדן בלויז אין אַ געווויסן און קלענסטן טייל פונם אידנטום, — איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק געשטעמפּלט געוואָרן פונם אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ כאַראַקטערלאָזער און זיטלעך־נידעריקער עלעמענט, וואָס ער פאַר־מאָגט ניט קיין זעלבסט־רעספּעקט, קיין מענטשלעכע ווירדע און נאַציאָנ־אַלן באַוואוסטזיין, ווייל ער איז קריכעריש און חניפה׳דיג, זייענדיק גרייט צו יעדער צייט, צוליב אייניקע קיום־באַקוועמלעכקייטן, זיך אָפּ־צוזאָגן אָדער פאַרלייקענען זיין אייגענעם שטאַם אָדער נאַציע, זיין שפּראַך און קולטור. אַזוי איך פאַרקערט... דורך דער פאַרשפּרייטונג צווישן דעם אידנטום פונם נאַציאָנאַליזם אָדער ציוניזם, — איז עס באַ־שולדיקט געוואָרן אין אומפּאַטריאָטיזם, אין פיינטשאַפט צו זיין סביבה, צום פאָלק און לאַנד צווישן וועלכע עס וואוינט, ווייל עס שטרעבט צו זעלבסט־אָפּזונדערונג...

ווען דער סאָציאַליזם האָט אַריינגעדרונגען צווישן געוויסע שיכטן פונם אידנטום, — האָט דער אַנטיסעמיטיזם באַצייכנט דעם גאַנצן אי־דישן כלל אַלס אַ צעשטערערישן פאַקטאָר אינ׳ם געזעלשאַפטלעכן לעבן; ווייל זיין הויפּט־אַבזיכט איז, — אַריינצוברענגען כאַאָס, צערודערונג און חורבן אין דער איינגעשטעלטער אָרדנונג.

אָט אַזוי טריפט תמיד די שלאַנגישע צונג פונם אַנטיסעמיטיזם מיט גאַל און געפערלעכן גיפט, בנוגע דעם אידנטום. און אין די מערסטע פאַלן ענדיקן זיך אָט די בלבולים און פאַרלוימדונגען מיט בלוטיקע און גוואַלדזאַמע מעשים קעגן אים.

XIV

דער באַנקראָט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ליבעראַליזם

אין די לעצטע צוויי דריי יאָרצענדליק, נאָך דער איינשטעלונג פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג אויף די פּרינציפּן פונם מאַרקסיזם, אין דעם פריעדריקן צאַרישן רוסלאַנד, אויף די חורבות פון דעם דעספּאָטישן מאָנאַרכיזם, — איז אָט דער נייער געזעלשאַפטלעכער לעבנס-שטייגער באַטראַכט געוואָרן מצד דעם קאַפּיטאַליזם אַלס זיין מעכטיקער קעגנער און אומקאָמפּראָמיסלעכער שונא צו זיין קיום.

פאַר דער זעלבסט-באַשיצונג פון דער דאָזיקער סכנה, — האָט ער אָנגעפאַנגען זיך באַנוצן מיט אַלערליי מיטלען און מעטאָדן פאַר דער אומבאַדינגטער שטירצונג און צעשטערונג, אין יענעם לאַנד, די דאָזיקע נייע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור און מלוכה-פאָרם. וועגן אָט דעם צוועק האָט דער קאַפּיטאַליזם, ריכטיקער, זיין העכסטע פאַרשטייערשאַפט געהאָלפן אַנטוויקלען אַן אַנדער וועלט און לעבנס אַנשויאונג, אין וועלכער: גרויזאַמקייט, צוואַנג און באַדריקונג ווערן ניט נאָר גערעכט-פאַרטיקט, — נאָר אויך פאַרהערלעכט און אידעאַליזירט אַלס העראָאיזם און העלדנטאַט. ער האָט אויפגעלעבט די אַלטע אידייען פון אַכטן און רעספּעקטירן די מאַכט און די קראַפט, דאָס מיינט: דעם „פאַגאַניזם״. אויף זיינע פּרינציפּן איז אויספאָרמירט געוואָרן די אידעאָלאָגיע פונם נאַציזם-פאַשיזם.

דעם גינסטיקן באָדן פאַר איר וואוקס און אויסשפּרייטונג איז גע-שאַפן געוואָרן אין איטאַליע און גערמאַניע. אין די דאָזיקע פּונקטן האָט די דאָזיקע אויפפאַסונג דערגרייכט איר פולשטענדיקע פאַרפאָלקאָמונג; און דער נאַציזם-פאַשיזם האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן דער גאַנצער קול-טור און ציוויליזאַציע, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן מיט דער גרעסטער אָנשטריינגונג, אומאויפהערלעכער מי, אַרבעט און קאַמף אין דעם משך פון פילע דורות.

זיין אַבזיכט און צוועק איז געווען, — איר צוריקקערונג צו דעם לעבנס-שטייגער פונם מיטלאַלטער; און זי ווידער אַריינוואַרפן אין שקלאַפעריי, אין פינסטערניש און אין דומהייט. צוליב דעם האָט דער נאַציזם-פאַשיזם דערפונדן, אויף דעם גרונט פון פסעוודאָ-וויסנשאַפט, — די ראַסן טעאָריע. דאָס מיינט, ווי באַקאַנט, אַז עס זיינען פאַראַנען „העכערע״ און „נידריקערע״ ראַסן און פעלקער; כדי צו באַרעכטיקן

נחום קישנער

דורך דעם זייער אויסראָטונג און פאַרניכטונג, אָדער, זייער אונטער־דריקונג און פאַרשקלאַפונג. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז, אין איר מהות, אַ פולשטענדיקע פאַרשווערונג קעגן דער עקזיסטירנדיקער מאָראַל, קעגן דער מענטשלעכער נאַטור און מענטשלעכן גייסט. דער נאַציזם־פאַשיזם שטרעבט צו דער ווידער־איינשטעלונג און רעסטאַווירירונג פון די אַלטע פאָרמען פון דעם פאַגאַניזם אין דעם סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיין ספּעציעלער און אומבאַדינגטער צוועק איז, דורכדעם צו דער־שטיקן אינעם מענטש זיין געוויסן, באַטויבן אין אים זיין סענטימענטאַ־ליטעט און, בכלל, אָפּטעמפּן זיין געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט, אָדער, זיין נאַטירלעכן דראַנג נאָך באַלאַנס און האַרמאָניע.

די פאַרשטייערשאַפט פון גרויס קאַפּיטאַל, וואָס איז תמיד געשטאַ־נען ביים רודער פון דער וועלט הויך־פּאָליטיק, איז געווען פולשטענדיק באַוואוסטזיניק בנוגע דעם כאַראַקטער פונם נאַציזם־פאַשיזם, בכלל, און וועגן זיין באַזונדערע טענדענץ פאַר דעם אומבאַדינגטער אויסראָטונג און פאַרניכטונג פונם גאַנצן אידנטום, בפרט. פונדעסטוועגן איז איר באַציאונג צו דעם געווען מיט פולער רואיקייט און גלייכגילטיקייט, זייענדיק פולשטענדיק גרייט מקריב צו זיין דאָס גאַנצע אידישע פאָלק צוליב אירע אינטערעסן.

די נאַציסטישע און פאַשיסטישע אויפפאַסונג, ווי עס איז באַקאַנט, פאַר דער באַרעכטיקונג פון דער אויסראָטונג פונם אידנטום, האָט דאָס דערקלערט אַלס די נידריקסטע, ערגסטע און פאַרדאָרבנסטע פאָלק, אָדער ראַסע. ווייל עס איז דער שורש, דער מקור, פון וועלכן עס האָבן אַרויס־געוואַקסן און אַרויסגעשטראָמט אַזעלכע „שעדלעכע" און „געפערלעכע" אידייען און באַגריפן ווי: סאָציאַלע גערעכטיקייט, פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערלעכקייט פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דער נאַציזם־פאַשיזם האָט, וואַרשיינלעך, זיך זייער געשראָקן פאַר דער עקזיסטענץ פונם אידישן פאָלק. ווייל דאָס אידנטום מיט זיין אי־דעאָלאָגיע וואָלטן תמיד פיגורירט ווי אַן אייביקע מאָנונג און פאָדערונג פון רעכט און גערעכטיקייט, און אַלס דער שטענדיקער אויסדרוק פון שאַרפן פראָטעסט און ביטערע אָנקלאָגע קעגן יעדע פאָרם פון אומ־רעכט, גוואַלדזאַמקייט און טיראַניע, וואָס דער נאַציזם־פאַשיזם האָט גע־גרייט פאַר ער מענטשהייט אין דער „נייער" אָרדנונג, וואָס ער האָט זיך געקליבן איינצושטעלן. דאָס אידישע פאָלק איז אים געווען ממש אַ דאָרן אין אויג, אָדער אַן ערנסטע שטערונג; און דעריבער — געפער־

א נ ט י ס ע מ י ט י ז ם

לעך און סכנה׳דיק פאַר אים, און איבער דעם — די אײלעניש, וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון אים.

ווי זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז גלייכצייטיק האָט זיך דער נאַציזם־פאַשיזם פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן יעדער ריכטונג און נאָכפאָלגערשאַפט פון פּראָגרעסיוון און הומאַניטאַרן כאַראַקטער, וואָס שטרעבט צו גערעכטיקייט, אמת און יושר; און אַפילו אויף אַזעלכע ווי דאָס קריסטנטום, הגם וואָס איז, אין אַ גענייגנדיקער מאָס און, באַדייטנדיק היפּשלעך, פאַרפאַגאַניזירט געוואָרן.

פאַר אָט דעם צוועק האָט זיך די נאַציסטיש־פאַשיסטישע נאָכפאָלגערשאַפט באַנוצט מיט דעם שוין פון לאַנג צוגעגרייטן און פאַרטיקן עקסטרעם שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם און מיט דעם איבערטריבענעם אולטראַ־פּאַטריאָטיזם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אומעטום אַנטוויקלט, און וואָס האָט אָפטמאָל דערגרייכט — ביז פאַנאַטיזם.

אויך האָט דער נאַציזם־פאַשיזם זיך באַנוצט מיט די איבערבלייבונגען פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ און פיינטלעכע געפילן צו אומגלויביקע אָדער אַנדערש גלויביקע; און, הויפּטזעכלעך, מיט דעם אידנהאַס, אָט דאָס אומהייליקע, שוואַרצע פּייערל, וואָס די קירך האָט, ווי אַ פרומע און זייער איבערגעבענע וועסטאַלין, מיט באַזונדערער אייפערדיקייט און געטריישאַפט, אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט פאַר לאַנגע דורות, ביז היינטיקן טאָג, עס זאָל, חלילה, ניט אויסגעלאָשן ווערן און ניט אויפהערן גליען און טליען.

אָט די אַלע געמיינע און נידעריקע חיה׳שע געפילן און אינסטינקטן, וועלכע זיינען טיילווייז געלעגן איינגעדרעמלט ווי אין היינערפּלעט, אין דעם אונטער־באַוואוסטזיין פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן, ווי אַ מחנה שדים און בייזע גייסטער, פון זייער אונטערערדישער ממשלה, דורך זייער אויבערהאַר, דעם אשמדאי, — צו באַהערשן דאָס לעבן, צו אונטעריאָכן די גאַנצע מענטשהייט.

ווירקלעך, האָבן זיי, אָט די ניערטרעכטיקע און בייזע כוחות, אַלע פאַראייניקט, מיטאַמאָל אויסגעבראָכן ווי אַ וואולקאַן פון זייערע פינצטערע לעכער; און — ווי אַ פייערדיקע לאַווע זיך צעגאָסן און פאַרפלייצט פעלקער און לענדער, אויסברענענדיק און פאַרניכטנדיק דאָס שאַצבאַרע, דאָס שענסטע און דאָס הערלעכסטע, וואָס יעדער פון זיי

האָט, אין משך פון פיל דורות, מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג גע־שאַפן און דעראָבערט.

אין אָט אַזאַ געשטאַלט האָט זיך, ענדלעך, אַנטפּלעקט דער אַלגע־מיינער וועלט־קאַפּיטאַליזם. ער האָט זיך באַוויזן פאַר דעם אויג פון דער גאַנצער מענטשהייט מיט זיין פולער, אָפשיילעכער נאַקעטקייט און עקלדיקער שענדלעכקייט, פיגורירנדיק, אָפן און באַשיינפערלעך, אַלס דער גייסט און ווי די נשמה, וואָס האָט באַלעבט דעם נאַציסטיש־פאַשיס־טישן גולם, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן, אויסגעפורעמט שטילערהייט, אין געהיים, פאַר דער פאַרניכטונג פון גרויסע טיילן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

דער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט, אַלס מאָדערנער לעבנס־פאַקטאָר, פאַראַדירט פאַר די לעצטע עטלעכע דורות, אונטער אַ מאַנטל פון ליבע־ראַליזם, און ווי דער שטיצער פון קולטור, וויסנשאַפט, בילדונג, ציווי־ליזאַציע און פרייהייט פון געדאַנק, און אויך אַלס דער פריינט אין פרינ־ציפּ פון פאָלקס הערשאַפט אָדער דעמאָקראַטיע, — האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפן קעגנער, אין אַ ביטערן שונא צו די אַלע ריכטונגען און דערגרייכונגען פון פּראָגרעסיוון כאַראַקטער און אינ־האַלט; שאַפנדיק דעם איינדרוק ווי ער, דער קאַפּיטאַליזם, האָט חרטה געהאַט אויף די אַלע קולטורעלע דערגרייכונגען, וואָס ער האָט פריער, אין אָנפאַנג פון זיין דערשיינונג, פאַר זיין אייגענער נוצלעכקייט, גע־האָלפן זייער אַנטוויקלונג; און איצט, אינם מאָמענט פון זיין אומפּיי־איקייט צו האַלטן דעם קאָנטראָל איבער דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיי געוואָלט צוריקציען, צעשטערן און, בעיקר, אָפשטעלן דעם שוואונג, דעם גאַנג פון דעם מענטשלעכן פאָרשריט, און צוריקקערן דאָס סאָציאַלע געזעלשאַפטלעכע לעבן צו דעם צושטאַנד, פאָרם און כאַראַקטער פונם מיטלאַלטער.

דער דאָזיקער „ליכטיקער און גוטער מלאך" האָט זיך גאָר איצט באַוויזן אינם געשטאַלט פון אַ פינסטערן און בייזן טייוול פאַר די אויגן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דער אַנטיסעמיטיזם, זייענדיק ווי פאַרטושט און פּאַראַליזירט אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער ליבעראַלער הערשאַפט, ווען זיין רעליגיעזער אינהאַלט האָט דאַן אָנגעוואוירן זיין זין און באַ־דייט, האָט איצט, מיט דעם אויפקום פון דעם נאַציזם־פאַשיזם און מיט דער אויסשפּרייטונג פון זיין מאַכט און איינפלוס, — זיך דערקלערט באַגרינדעט אויף „וויסנשאַפלעכע" מאָטיוון אויף דער ניי־געשאַפענער

ראַסן־טעאָריע אָדער דעם „ראַסיזם", בכלל. עס איז אים, דעם אַנטי־סעמיטיזם, פאַרקערפּערט אינם נאַציזם־פאַשיזם, געלונגען דורך דעם אויפצוראָטן אַ פול דריטל פונם גאַנצן אידנטום. אַזאַ מאַנסטערהאַפטע פאַרניכטונג פון מענטשלעכע מאַסן איז אין דער וועלט געשיכטע ניטאָ.

אָבער אַלס באַזונדערע מערקווירדיקייט שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער פאַקט, נעמלעך: וואָס דער אַנטיסעמיטיזם, הגם ער איז גע־ריכטעט בלויז קעגן אידנטום, — האָבן דורך אים געליטן אויך די פילע פאָלקס־מאַסן פון די אַנדערע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען מיט גוואַלט באַהערשט געוואָרן פון דער נאַציסטיש־פאַשיסטישער מאַכט, אָדער זיינען דורך דעם פאַרראַט פון זייערע פירערשאַפטן איבערגע־געבן געוואָרן אין איר רשות. די דאָזיקע פאַרגוואַלדיקטע און פאַרראַ־טענע פעלקער האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז אין מענטשלעכע לעבנס, אין פאַרמעגן; און, הויפּטזעכלעך, מיט זייער פרייהייט און וואוילזיין, בכלל, פאַר זייער אומוויסנדיקייט און באַוואוסטזיניקער פאַרפירעשקייט פון זייערע מאַכטהאָבער און זייערע אויבערשטע איינפלוסרייכע קלאַסן, שווינדלערישער פּרעסע און אומפּאָליטישער דערציאונג, אין אַלגעמיין.

עס איז געוואָרן קלאָר ווי דער טאָג פאַר יעדן, וואָס פאַרמאָגט נאָך אַ זעענדיק אויג און אַ געזונטן פאַרשטאַנד, אַז דער אַנטיסעמי־טיזם באַדייט ניט בלויז אידנהאַס, אין דעם איינגען זין פון וואָרט, — נאָר סתם מענטשהאַס און ראַסן־שנאה, אין דעם אַלגעמיינעם הינזיכט. ווארים די נאַציסטיש־פאַשיסטישע הערשאַפט האָט מיט דער זעלבער ברוטאַליטעט און גרויזאַמקייט אומגעבראַכט גרויסע טיילן פון אָט די באַצוואונגענע פעלקער, וועלכע זי האָט, הויפּטזעכלעך, געשטרעבט זיי צו פאַרשקלאַפן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט בלויז געדינט פאַר איר אַלס מאַסקע צו פאַרדעקן אירע פאַרשקלאַפונגס־צוועקן פון די מאַסן פון די אונטערגעטעניקטע און באַזיגטע מלוכות.

דער איבערפאַל אויף דעם אידנטום איז פון דעם נאַציזם־פאַשיזם גענוצט געוואָרן, ווי ער ווערט שטענדיק גענוצט, אַלס די וואָפן פאַר דער אָנגרייפונג אויף די אַנדערע, ניט אידישע פאָלקס־שיכטן, כדי זיי אונטערדריקן און אונטעריאָכן צו איין קלאַס אָדער גרופּע, וואָס שטרעבט צו מאַכט און קאָנטראָל.

דער אַנטיסעמיטיזם ווערט, ווי עס שיילט זיך אַרויס דער פאַקט, פּראַקטיצירט, הויפּטזעכלעך, פון געווינסלאָזע, בייזוויליקע און פאַר־

דאַרבענע עלעמענטן, סיי פון דעם העברעין, אינטעלעקטואַלן טייל, אָדער פון די אַבסאָלוט צוריקגעשטאַנענע, אומוויסנדיקע און פינסטערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

דער דאָזיקער פאַקט גופא, אַז און פאַר זיך, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט, פאַר דער באַשיצונג פון זיין קיום, אָנגעווענדט דעם נאַציזם-פאַשיזם, די פאַרקערפערונג פון אָט דעם ראַסיסטישן אַנטיסעמיטיזם, צייגט קלאָר און רייטלעך אַז אויף דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון זיין גאַנצן פּראָגרעסיוון מהות און אינהאַלט, אָדער, — פון זיין ליבעראַליזם.

AX

סאציאל דעמאקראטיע און אנטיסעמיטיזם

כדי צו זיין ערלעך און אויסגעהאלטן אין אפשאצן דעם גאנג פון די געשיכטלעכע פאסירונגען, וואס האבן א דירעקטע שייכות צום אנטיסעמיטיזם, וועלכע ווערן דא פארגעבראכט, — מוזן מיר דער־מאנען און פארצייכענען אויך דעם פאקט, אז א געוויסער טייל פון דער סאציאל דעמאקראטישער ריכטונג האט געשפילט א טרויעריקע ראלע אין דעם אויפשטייג און דערפאלג פון ער העכסטער אנטוויקל־טער פארם פון דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז בלויז דערשינען אונטער א געענדערטן נאמען — „נאציזם־פאשיזם”.

דער דאזיקער סאציאל דעמאקראטישער שיכט טראגט אויף זיך די זעלביקע פאראנטווארטלעכקייט און שולד, ווי דער דעגענערירטער עלעמענט פונם וועלט־קאפיטאליזם; ווייל ער איז באגאנגען דעם זעלבן פארברעכן.

אן און פאר זיך, קלינגט די דאזיקע באהויפטונג ווי ווילד, פאנ־טאסטיש און אומגלויבלעך. די פאקטן אבער זיינען זייער לעבעדיקע, ממשותדיקע און אויגנשיינלעכע, וואס קאנען קיינמאל ניט אפגע־לייקנט ווערן.

פאר יעדן, וואס זיין זכרון דינט אים נאך געטריי, איז גוט בא־קאנט, אז דער נאציזם איז געבוירן געווארן, אויסגעוואקסן און זיך פארמירט אין א פאליטישער ריכטונג אין דייטשלאנד, פראנק און פריי, אומגעשטערט, גראד אין דער צייט, ווען די גאנצע מלוכה׳שע מאכט איז דורכאויס געווען קאנצענטרירט אין די הענט פון דער פאר־טרעטערשאפט פון דער סאציאל דעמאקראטיע . . .

דאס האט פאסירט אינם פעריאד, פון דער אזוי גערופענער „ווייםא־רער רעפובליק”, וואס אין איר שפיץ זיינען געשטאנען אזעלכע בא־וואוסטע סאציאל דעמאקראטישע פירער ווי: פרידריך עבערט, אלס פרעזידענט, שיידעמאן, נאסקע, סעווערינג און אנד.

די דאזיקע מאכטהאבער און רעגירער פון דייטשלאנד האבן זיכער געהאט די רעכט און די מעגלעכקייט אפצושטעלן און אינגאנצן פאר־ווערן די פארמירונג, פאנאנדערשפרייטונג און די טעטיקייט פון אט דער פארברעכערישער נאציסטישער באוועגונג באלד, נאך אין די

ערשטע שטופּן פון איר אַנטוויקלונג. זיי האָבן אָבער קיינע מיטלען קעגן איר ניט אָנגענומען.

אין דעם נאָמען, ריכטיקער, אונטער דעם אויסרייד און צודעק פון דעם פּרינציפּ פון פרייהייט און דעמאָקראַטיזם, האָבן זיי, אַבזיכט־לעך, ניט געשאָנקען קיין געהעריקע אַכטונג און אויפמערקזאַמקייט צו דער אַנשטייאונג און אַנטוויקלונג פונם נאַציזם אין אַ קריגערישן און אַנגרייפערישן כות. זיי האָבן זיך באַצויגן כמעט מיט פולשטענ־דיקער גלייכגילטיקייט צו זיין ווירקונג און איינפלוס צווישן די ברייטע מאַסן פון פאָלק, ניט אָנוועגנדיק קיינע דראַסטישע שריט און די נויטיקע מיטלען צו פאַרהיטן די וועלט, די מענטשהייט, פון דער דראָענדיקער געפאַר און אומגליק; צום ווייניקסטן, צו צאַמען זיין שוואונג און אימפּעט, און מאַכן אים אומשעדלעך; הגם דער גאַנ־צער מהות, כאַראַקטער און די צילן פון דעם נאַציזם, וואָס האָט קלאָר אַרויסגעדרונגען פון זיין אידעאָלאָגיע, בכלל, איז פאַר זיי קיין באַזונ־דערע מיסטעריע און געהיימניש ניט געווען...

דער נאַציזם האָט זיין לעבנס־אויפפאַסונג און זיינע צילן פון קיינעם ניט געקענט באַהאַלטן און פאַרבאָרגן. זיי זיינען געווען גוט באַקאַנט דער עפנטלעכקייט...

די פירערשאַפט פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, די דעמאָלטדיקע הערשער פון דייטשלאַנד, זיינען געווען אַבסאָלוט באַוואוסטזיניק און האָבן קלאָר באַגריפן און באַנומען, וואָס דער נאַציזם שטעלט מיט זיך, אייגנטלעך, פאָר; וואָס ער באַדייט און וואָס ער גרייט צו פאַר דער מענטשהייט, בכלל, און פאַר דער אַרבעטערשאַפט, בפרט.

די זעלבע סאָציאַליסטן אָבער, וואָס פאַראַדירן תמיד אַלס די ריטערלעכע פרייהייטס־קעמפער און ווי די אויסגעשפּראָכענע קעגנער צו יעדער אָנווענדונג פון גוואַלדזאַמקייט און צוואַנג און, בעיקר, צו בלוט־פאַרגיסונג, מיט די מאָטיוון פון וועלכע זיי האָבן באַרעכטיקט און גערעכטפאַרטיקט זייער טאָלעראַנטע באַציאונג צום נאַציזם, — האָבן, בנוגע דער אָנפירערשאַפט פון דער עכטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אויסגעבראָכן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַזאַ דולדזאַמקייט און אידעאַליזם, אָדער „מענטשלעכקייט", — אַבסאָלוט ניט אַרויסגעוויזן און ניט אָנגעווענדט.

מיט באַזונדערער ברוטאַלקייט און גרויזאַמקייט האָבן די זעלבע אידעאַליסטן דערשטיקט און דערטרונקען אין בלוט יענע פאָלקס־רע־

וואָלוציע. אויף זייער געהיימען באַפעל, אָדער מיט זייער צושטימונג, זיינען דערמאָרדעט געוואָרן די אויפריכטיקע און געטרייע אַרבעטער־פירער: קאַרל ליבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורג און פיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערן און אַ סך פון די פאָלקס־מאַסן.

וואָרשיינלעך, אַז די דאָזיקע „אידעאַליסטישע" סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן אין באַצוג צו דער גערמאַנישער קאָמוניסטישער ריכטונג אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זייערע פרייהייטס־פרינציפּן פון הומאַניזם און אידעאַליזם, בכלל.

נאָכדעם, ווען דער נאַציזם אין דייטשלאַנד האָט פון אָט דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פירערשאַפט פאַרכאַפּט אָדער איבערגענומען די מאַכט און פאַרפעסטיקט זיין הערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד און האָט געדראָעט די שכנה'שע מלוכות מיט זיין געפּאַנצערטן פויסט, — האָט אין פראַנקרייך די זעלבע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרשטייערשאַפט, וואָס איז דאָן דאָרטן געשטאַנען ביים מלוכה־רודער, פון וועלכער אירע הויפּט פירער זיינען געווען לעאָן בלום און אַנדערע סאָציאַל דעמאָקראַטן, — קאָאָפּערירט מיט דעם באַוואוסטן בריטישן פּרעמיער נעוויל טשערמבערליין, דעם פאַרטרעטער פונם דעגענערירטן און רעאַקציאָנערן ענגלישן קאַפּיטאַליזם; און צוזאַמען מיט אים איבערגעגעבן אים רשות פון דער נאַציסטיש־פאַשיסטישער ממשלה גאַנצע לענדער און פעלקער...

שפּעטער, ווען גאַנץ אייראָפּע איז שוין באַהערשט געוואָרן פון אָט דער טייוולאָנישער מאַכט און איז געלעגן אַ צעטראָטענע און בלוטנדיקע אונטער אירע פיס, — האָבן איר געהאָלפן אונטעריאָכן און פאַרשקלאַפן זייערע אייגענע פעלקער און לענדער פאַרשטייער און פאַרטרעטער פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, ווי צום ביישפּיל: דער באַקאַנטער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פירער — טאַנער, אין פינלאַנד; אַנרי דע־מאַן — אין בעלגיע און פאָול פאָר — אין פראַנקרייך...

אָט אַזוי האָט געהאַנדלט, פאַררעטנדיק די גרונט פרינציפּן פונם סאָציאַל דעמאָקראַטיזם בכלל, די דאָזיקע טייל סאָציאַליסטן...

די גרונט סיבה פון אָט דער שאַרפער אָפּנויגונג און אָפּקערונג אָדער פאַרלעצונג פון אירע פונדאַמענטאַלע דאָקטרינען און פרינציפּן, באַגייענדיק אָט דעם שווערן פאַרברעכן, איז איצט פולשטענדיק קלאָר און באַגרייפלעך געוואָרן פאַר יעדן, וואָס באַזיצט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד און אַן אָפן אויג...

די סאָציאַל דעמאָקראַטיע, בכלל, ווי באַוואוסט, האָט פאַר אַ לאַנגער צייט פריער אויסגעאיבט, און איבט נאָך היינט אויך אויס, אַ גוואַלדיקן איינפלוס, מאַכט און קאָנטראָל איבער פילע ברייטע אַרבעטער־מאַסן, ביי וועלכע זי פיגורירט אַלס איר קעמפערישער אַוואַנגאַרד, אָדער, פירערשאַפט און פאַרטרעטערין פון זייערע אינטערעסן, אין אַלגעמיין.

איצט אָבער האָט דער קאָמוניזם, אָדער זיין אויפפאַסונג, אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט אַנדערע באַגריפן, גאָר נייע צוגאַנגען און אָנווענדונגען בנוגע דער לייזונג פון פאַרשיידענע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע פראָבלעמען און אויפגאַבן, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון די נייע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע און מאָראַל־קולטורעלע צייט־באַדינגונגען. די קאָמוניסטישע אויפפאַסונג איז, הויפּטזעכלעך, באַגרינדעט אויף דעם שטרענגען רעאַליזם, אויף דער לעבנס־פּראַקטיק און געשיכטלעכער דערפאַרונג. איר נאָכפאָלגערשאַפט איז, דעריבער, דורכגעדרינגען מיט דינאַמישקייט, אַנטשלאָסנקייט און אונטערנעמערישקייט.

אַ דאַנק אָט דער אייגנשאַפטלעכקייט, איז איר געלונגען, אין דעם אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, צו עטאַבלירן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אָדער, סטרוקטור, אויף מאַרקסיסטישע אָדער סאָציאַליסטישע יסודות.

די דאָזיקע היסטאָרישע פאַסירונג האָט אָנגעוואָרפן אַ שווערן פחד אויף די עקסיסטירנדיקע סאָציאַלע סיסטעמען, רעגירונגס־פאָרמען און אויף די פאַרשיידענע פריווילעגירטע שיכטן און קלאַסן. די פאַרשטייערשאַפטן פון אַלע מאָראַל קאָנצעפּציעס, אידעאַליזמען און פון די באַזונדערע ריכטונגען און באַוועגונגען, זיינען דורך אָט דער אויסעראָרדנטלעכער געשעעניש, געוואָרן פאַרגאַפט, דערשטוינט, אַזוי ווי געפּלעפט און אָפּהענטיק, ווי זיי וואָלטן געווען געטראָפן געוואָרן פון אַ שטאַרקן דונער, וואולקאַנישן אויסבראָך, אָדער, — פון אַן ערד־ציטערניש . . .

עס איז פאַראַן אַ רוסישע „בילינאַ” (פאָלקס־מעשה), וואָס דערציילט וועגן אַ לעגענדאַרן העלד, דעם גבור „באַוואַ” (אַ רוסישער העראָקולעס), אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער שפּירט אין זיך אַזאַ גוואַלדיקע קראַפט, אַז ווען ער וואָלט אַריינגעקלאַפּט אַ פלאָקן אין דער ערד, פאַר וועלכן ער זאָל זי קענען אָננעמען, — וואָלט ער מיט דער גאַנצער וועלט געקאָנט אַ טרייסל טאָן און זי איבערדרייען אויף איר צווייטער

זייט... דער רוסישער גיבור האָט, ווי עס איז אַ פאַקט, ענדלעך אָט די גבורה באַוויזן...

די דאָזיקע געשעעניש האָט, וואָרשיינלעך, באַזונדער שטאַרק עפּעקטירט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע. זי האָט זיך דערפילט לגבי דעם באָלשעוויזם אָדער קאָמוניזם ווי מינדערוויכטיק, אַז איר גלאָריע און שיין, — זעען אויס פאַרשאָטנט און פאַרטונקלט, איר פּרעסטיזש און אויטאָריטעט — געפאַלן און אָפּגעשוואַכט. זי האָט דעריבער באַטראַכט דעם קאָמוניזם, בכלל, אַלס איר געפערלעכן שונא, אָדער, — קאָנקורענט, וואָס בלויז מיט זיין קיום גופא גראָבט ער אונטער דעם פונדאַמענט אָדער די פּאָזיציע און די מדרגה, אויף וועלכע זי האָט זיך באַפעסטיקט און זי האַלט זיך אויף אין דעם סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווי באַקאַנט, האָט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע ווייניק וואָס געפירט ערנסטע קאַמפן קעגן די פאַלקס און אַרבעטער-באַדריקער, איבער איר „הויכן" אידעאַליזם און מאָראַלע פּרינציפּן, ניט צו געברויכן קיין גוואַלדטאַט און, אוודאי ניט, קיין בלוטפאַרגיסונג... אירע קאַמפן זיינען שטענדיק געווען פון שלאַבערדיקן כאַראַקטער, און, דערפאַר, זיינען די דערגרייכונגען און די געווינסן פאַר די באַ'עוולה'טע, אונטערדריקטע און באַדריקטע מאַסן געווען, מערטיילס, צופעליקע, צייטווייליקע און מאָגערע, וואָס ניט תמיד האָבן זיי געקענט באַפרידיקן אין אַ גענוגנדיקער מאָס זייערע נויטן און באַדערפענישן אינם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן זינען.

כדי צו זיכערן זיין קיום, בכלל, איז פאַר דעם סאָציאַל דעמאָקראַטיזם געווען אומבאַדינגט נויטיק אַ זעלבסט-רעפאָרמירונג, כדי זיך מער ווייניקער צופּאַסן צו די אומשטענדן פון דער צייט. ער איז אָבער, וואָרשיינלעך, געווען אומפעאיק צו וועלכער עס איז מאָדיפיצירונג. ווייל ער איז געווען אַליין פולשטענדיק אָנגעזאָפּט און דורכגעדרינגען מיט דעם גייסט אָדער פּסיכיק פון קליינבירגערלעכקייט און מיט דעם אינדיווידואַליסטישן געפיל, פון וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט, אָדער, ניט באַמיט צו באַפרייען...

עס האָט זיך, דעריבער, ביי אים דערוועקט אַ שטאַרקע שנאה, אַ ביטערער האַס, אויס קנאה און שרעק, צו דעם קאָמוניזם און צו דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דעם לאַנד, וואו די סאָציאַליסטישע אָרדענונג איז איינגעפירט געוואָרן. זיי זיינען געוואָרן פאַר אים אומדולדזאַם און אומדערטרעגלעך; און זיין הויפּט טענדענץ און אינערלעכער באַגער

איז געוואָרן — זייער אומבאַדינגטע פאַרניכטונג און אויסראָטונג. צוליב אָט דעם צוועק האָט די אויטאָריטעט אָדער די פירערשאַפט פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, געשטיצט פון דער מערהייט פון איר נאָכפאָלגערשאַפט, זיך פאַראייניקט מיט דעם גענצלעך דעגענערירטן און דעם גאָר רעאַקציאָנערן עלעמענט פונם קאַפּיטאַליזם און אויך מיט די רעשטלעך פון דעם צעפוילטן פעאָדאַליזם אין אַ געמיינזאַמען קרייץ־צוג קעגן דעם קאָמוניזם אָדער קאָמוניסטישער ריכטונג און אָנהענגערשאַפט, בכלל, און בעיקר — קעגן דער סאָציאַליסטישער מלוכה, דערמוטיקנדיק מיט אָט דער אַקציע, באַוואוסטזיניקערהייט און בייזוויליק, דעם ערגסטן מענטשן־שונא, דעם נאַציזם־פאַשיזם.

לויט דעם ראַציאָנאַלן געדאַנק און געזונטער לאָגיק וואָלט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע, אַלס קעמפערין פאַר פרייהייט און גלייכהייט, געווען געדאַרפט האַנדלען פאַרקערט. דאָס מיינט אַנשטאָט צו באַקעמפן דעם פאַרהאַסטן קאָמוניזם און דעם סאָוועטנלאַנד האָט זי, ליבערשט, אין אָט דער גורל'פולער שעה פון דער גאַנצער מענטשהייט, געווען געדאַרפט אָפּשטעלן, אָפּלייגן אָן אַ זייט אַלע אירע שטרייטיקייטן, העצעס און אינטריגעס קעגן קאָמוניזם; און שליסן מיט זיין נאָכפאָלגערשאַפט אַ צייטווייליקן שלום, כדי מיט געמיינזאַמע פאַראייניקטע כוחות באַקעמפן און דערשלאָגן אָט דעם מאָנסטער, דעם נאַציזם־פאַשיזם.

וואָרעם, אין גרונט, איז דאָך דער סאָציאַל דעמאָקראַטיזם אין ברודערלעכער פאַרוואַנדשאַפט מיט דעם קאָמוניזם דורך דעם, וואָס ביידע דערקלערן זיך אַלס קינדער פון איינעם און דעם זעלבן פאָטער, דעם מאַרקסיזם. זייער אידעאָלאָגיע און שטרעבונג איז אַלצאיינע. דער אונטערשייד באַשטייט בלויז אין דער טאַקטיק און מעטאָד פון זייער רעאַליזירונג אינם לעבן; און, ווי דער קאָמוניזם איז אויך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אַ שונא און אַ אויסגעשפּראָכענער קעמפער קעגן קאַפּיטאַליזם.

די סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט אָבער זיך ניט גערעכנט מיט די דאָזיקע פאַקטן. זי האָט ניט גענומען אין איר אַכט קיין שום לאָגיק, אידעאַל און סתם ערלעכקייט... זי איז געווען איבערגעוועלטיקט פון דער האָפענונג, אַז די דאָזיקע טייוולשע מאַכט וועט זיין בכוח צו שטירצן און, ענדלעך, צו פאַרניכטן דעם אומפאַרטראָגלעכן קאָמוניזם און די סאָציאַליסטישע אָרדענונג...

אַנטיסעמיטיזם

זי האָט געשטעלט אירע פּערזענלעכע אַמביציעס, וואונטשן און אינטערעסן העכער און איבער אַלע אירע אידעאַלן, העכער און איבער פון דער פרייהייט פון פעלקער און מענטשלעכע לעבנס בכלל, און העכער און איבער דעם קיום פונם גאַנצן אידנטום בפרט. הגם זי האָט קלאָר באַגריפן, וואָס עס דערוואַרט דעם סאָוועטישן אידנטום, ווען דאָס סאָוועטנלאַנד וואָלט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער נאַציסטיש-פאַשיסטישער ממשלה...

איר „אידעאַליסטישער" געוויסן און איר „סאָציאַליסטישער" הומאַניטאַרער געפיל זיינען, וואָרשיינלעך, געבליבן צו אַט דעם באַוואוסטזיין אַבסאָלוט פּאַסיוו און נייטראַל, ניט ליידנדיק פון קיין מאָראַלער ערגערניש און קרענקונג... אויך האָט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו העצן קעגן קאָמוניזם און מאַכן פאַרשווערונגען קעגן דעם סאָוועטנלאַנד, דורך אַזעלכע פאַררעטער ווי לעאָן טראָצקי און זיינע חברים: קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און אַנדערע, וואָס האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך אונטערצוגראָבן, אויפצורייסן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג פון אינעווייניק; און ווען דאָס איז זיי ניט געלונגען — האָבן זיי געשלאָסן אַ געהיימען בונד און אָפּמאַך מיט דעם נאַציזם-פאַשיזם, אַז ער זאָל אָפּרייסן פונם סאָוועטנלאַנד געוויסע פּראָווינצן און ראַיאָנען, פאַרשפּרעכנדיק אים זייער הילף און קאָאָפּעראַציע.

כדי צו באַרעכטיקן אין די אויגן פון דער וועלט, אָדער פון דער מענטשהייט אַט די נידערטרעכטיקע האַנדלונג, האָט דער דאָזיקער סאָציאַל דעמאָקראַטישער שיכט, אַזוי ווי עס האָט געטאָן דער דעגענערירטער קאַפּיטאַליזם, — אויך דורך זיין פּרעסע און ראַדיאָ, אָנגעפירט אַן אומאויפהערלעכע פאַרלוימדונג און פאַרדאַמונג בנוגע דעם קאָמוניזם און דער סאָציאַליסטישער רעגירונג, שילדערנדיק און פאַרשטעלנדיק די לעצטע אין די טונקלסטע קאָלירן, אין די שוואַרצסטע פאַרבן, אַז זי זאָל אויסזען ווי די שרעקלעכסטע אין דער וועלט און אין דער געשיכטע, טיראַניע, ווי די בלוטדורשטיקסטע דיקטאַטור און שווידערלעכער דעספּאָטיזם, וואָס מאָרדעט, ברענגט אום אַבסאָלוט אומשולדיקע און ערלעכע בירגער, אָן שום אורזאַך און סיבה...

עס האָט פאַר אים ניט אויסגעזען נידערטרעכטיק קיין שום ווילדסטע פאַלשקייט, דער געמיינסטער בילבול און שענדלעכסטער ליגן, אַבי נאָר צו פאַרלוימדן און דיסקרעדיטירן די פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. די דאָזיקע פּרעסע איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט אַט דער שמוציקער פּראָפּאַגאַנדע, אַז זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם

נאַציזם־פאַשיזם, די אמת׳ע געפאַר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, וועגן וועלכער עס איז געווען איר פליכט או זאויפגאַבע צו וואָרענען און וועקן די מאַסן, באַצייטנס. די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט, אין דעם הינזיכט, איר חוב ניט דערפילט: זי האָט ניט דערקלערט פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין אַ געניגנדיקער מאָס דעם אינהאַלט, כאַראַקטער און די טענדענצן פונם נאַציזם־פאַשיזם, אַז זיי זאָלן קענען גרינטלעך באַנעמען זיין באַדייטונג בנוגע זיי גופא.

אַלס אויגנשיינלעכער באַווייז צו אָט דעם אָנגעמערקטן דינט דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע מאַסן פון איבעראַל און אומעטום, מיט דעם אויסנאַם פונם סאָוועטנלאַנד, האָבן די גאַנצע צייט, זינט דעם אויפקום פונם נאַציזם־פאַשיזם ביז זיין באַהערשונג פון כמעט גאַנץ אייראָפּע, ניט געהאַט קיין פולשטענדיק געוויסעם און קלאָרן באַגריף און אַנונג בנוגע דעם אמת׳ן מהות פון אָט דער ריכטונג, אַז אירע פּלענער זיינען, בעיקר, בלויז צו באַדריקן, פאַרשקלאַפן, באַרויבן און מאָרדן אַנדערע לענדער און פעלקער.

אָט דער פאַקט איז אַבזיכטלעך פאַרשוויגן און פאַרטושט געוואָרן מצד דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּרעסע. זי איז געווען אויסן, אַז די ברייטע מאַסן זאָלן אָט דעם אמת ניט וויסן. ווייל, באַגרייפנדיק די לויערונג פון אַזאַ געפאַר, וועט דאָס געוויס דערפירן צו אויפברויז און אויפרעגונג צווישן זיי; און וועלן זיכער פאָדערן פון זייערע רעגירונגען אַקציע, אַנצונעמען מיטלען קעגן דער דאָזיקער נאַציסטיש־פאַשיסטישער אַנשיקעניש, און דאָס וועט דאָך שטערן די פּלענער פון דער פאַרשווערונג קעגן דעם סאָוועטנלאַנד.

דעריבער, האָט די דאָזיקע פּרעסע זיך תמיד באַמיט אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן פון אָט דער דראָענדיקער סכנה; און זי ווענדן אָדער קירעווען, הויפּטזעכלעך, אין דער ריכטונג צו קאָמוניזם און צו דער איינגעשטעלטער סאָציאַלער געזעלשאַפט; שאַפנדיק, דורך אָט דער מאַנעווורע, דעם איינדרוק, אַז די הויפּט־געפאַר פאַר זיי איז, — בלויז דער קאָמוניזם און די סאָוועטישע מלוכה, און ניט דער נאַציזם־פאַשיזם.

דורך דעם זיינען די פילע פאָלקס־מאַסן, אומעטום און איבעראַל, געבליבן מיסאינפאָרמירט, אויפגעהעצט, אַנטיפּאַטיש און פיינטלעך געשטימט צום קאָמוניזם און צו דער סאָציאַליסטישער מלוכה, זייענדיק פולשטענדיק פּאַסיוו און גלייכגילטיק צום נאַציזם־פאַשיזם און צו דער אויסשפּרייטונג פון זיין בעסטיאַלישער הערשאַפט.

אַנטיסעמיטיזם

אָט אַזוי האָט די סאָציאַל דעמאָקראַטיע מיסברויכט מיט איר אויטאָריטעט, מיט דעם צוטרוי פון די פילע פאָלקס-מאַסן, מיט וועלכער זיי האָבן זיך צו איר תמיד באַצויגן.

דאָס איז אַ גוואַלדיקער און שרעקלעכער פאַרברעכן: זי איז באַגאַנגען אַן אַקט פון פאַלשקייט, באַטרוג און פון איינפאַכן שאַרלאַטאַנישן שווינדל קעגן איר נאָכפאָלגערשאַפט און קעגן דער מענטשהייט. ווייל, ווי עס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, האָט זי דורך דער דאָזיקער האַנדלונג געקרעפטיקט און געשטאַרקט די הענט פונם נאַציזם-פאַשיזם, דער אומגליק פון דער וועלט, און וועלכער איז די פאַרקערפערונג פון דעם געפערלעכסטן אַנטיסעמיטיזם, דער ווירקלעכער מלאך המות פונם אידישן פאָלק.

ד

קלאָר ווערט באַגריפן דער פאַקט, אַז די דאָזיקע שטענדיקע אינטעסיווע פאַרלוימדונג און פאַרדאַמונג פונם קאָמוניזם מצד דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט, אַן און פאַר זיך, געדינט פאַר די פילע פאָלקס-מאַסן בכלל, ניט נאָר אַלס אַ באַשטעטיקונג און ווי אַ פאַר׳אמת׳ונג פון די אַלע בלבולים, ליגנס און פאַלשקייטן, וואָס דער נאַציזם-פאַשיזם האָט אַבזיכטלעך וועגן אים און, הויפּטזעכלעך, וועגן סאָוועטנלאַנד פאַרשפרייט, — נאָר אויך אַלס אַ באַקרעפטיקונג און באַשטעטיקונג פון די אַלערליי נידערטרעכטיקע און געמיינע ליגנערישע באַשולדיקונגען, וואָס דער נאַציזם-פאַשיזם האָט אומאויפהערלעך, געוואָרפן אויף דעם אידישן פאָלק, אידענטיפיצירנדיק אים מיט דעם קאָמוניזם. ווייל דאָס איז דאָך אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז דער נאַציזם-פאַשיזם האָט דערקלערט דעם קאָמוניזם אַלס אַ עכט אידישן פּראָדוקט, פאַר אַ ריין אידישער מאַכינאַציע. דעריבער איז, לויט אָט דער אויפפאַסונג, קאָמוניזם און אידישקייט אָדער אידנטום — איינס און דאָס זעלבע.

מיט דעם איז ער געוועזן אויסן צו דערנידעריקן און דעגראַדירן דעם קאָמוניזם, שטעמפּלנדיק אים מיט „אידישן" אָפּשטאַם, אין די אויגן פון די נאַאיווע און צוריקגעשטאַנענע פאָלקס-שיכטן, אין וועמענס געדאַנק עס לעבן נאָך גענוג פאַראורטיילן און פאַרדאַכט בנוגע דעם אידנטום, כדי זיי אַריבערצוגעווינען אויף זיין זייט, צו פאַרשטאַרקן זיינע כוחות בנוגע זיין אויסראָטונג-אונטערנעמונג פון דעם קאָמוניזם און דאָס גאַנצע אידנטום.

די סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט גרינטלעך באַגריפן דעם אַבזיכט, די בייזע כוונה פון אָט דעם נאַציסטיש-פאַשיסטישן שווינדל און די סכנה, וואָס באַהאַלט זיך אין אים פאַר דעם אידישן פאָלק, אָבער זי האָט דעם

דאָזיקן פאַקט, באַוואוסטזיניגערהייט, פולשטענדיק איגנאָרירט, זיך געמאַכט אינגאַנצן אומוויסנדיק וועגן דעם, און מיט קיין וואָרט ניט רעאַגירט בנוגע דעם דאָזיקן בלבול אויף דעם אידנטום.

די דאָזיקע נייטראַלע האַלטונג, אַט די שטילשווייגעניש גופא, — האָט לאָגישערהייז געדינט אין די אויגן פון די מאַסן אלס געגעבענע פון איר זייט הסכמה און באַשטעטיקונג צו אַט דער נאַציסטיש־פאַשיסטישער פאַרזעלביקונג פון קאָמוניזם מיט אידנטום אָדער פאַרקערט, און אַזוי אויך צו אַנדערע פאַרלוימדונגען און אויסטראַכטענישן אויף דעם אידישן פאָלק, אַלס עדות צו זייער פאַקטישקייט, אמת'דיקייט און רעאַלקייט.

ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך, האָט זיך דורך דעם לייכט פאַנאַנדערגעשפּרייט דעם אַנטיסעמיטיזם. עס האָט שנעל געוואַקסן די סימפּאַטיע און דער צוטרוי צווישן די מאַסן צום נאַציזם־פאַשיזם, זיין איינפלוס און פּרעסטיזש האָבן זיך געשטאַרקט און געהויבן.

וועגן די פאָלגן פון אַט דעם אומגעהערטן שווידערלעכן פאַררעט און גוואַלדיקן פאַרברעכן, וואָס די סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז מיט דעם אַנגעמערקטן באַגאַנגען קעגן דער גאַנצער מענטשהייט, בכלל, און קעגן דעם אידנטום בפרט, זאָגן עדות די קאַלך־אויוונס, די גיהנום'ס פון די פּאָפּולער־געוואָרענע פונקטן, ווי: טרעבלינקא, מאַידאַנעק, אָסווענטשים און פיל אַנדערע, די אומצאָליקע מאַסן־קברים, חורבנות פון גאַנצע שטעט, ישובים און היימען איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין די אַלע מאָרד־צענטערן, פאַרטיליקונגען און פאַרוויסטונגען האָט, ווי עס שיילט זיך קלאָר אַרויס דער פאַקט, געהאַט אַ האַנט, אַ גלייכן חלק מיט דעם נאַציזם־פאַשיזם, דער דאָזיקער דעגענערירטער עלעמענט, וועלכער, צום באַדויערן, באַשטייט פון דער מערהייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; ווייל דורך זיין אָפענער און באַהאַלטענער קאָאָפּעראַציע מיט דער נאַציסטיש־פאַשיסטישער מאַכט האָט ער געהאָלפן בויען די מזבחות, צינדן די פייערן, שאַרפן דאָס מעסער און שעכטן די מענטשלעכע קרבנות אין די פילע מיליאָנען, וואָס דער גרעסטער סכום פון זיי איז באַשטאַנען פונם אידישן פאָלק, — און אַלץ אונטער דעם איידעלן, זיידענעם דעקטוך פון הויכן אידעאַליזם.

אַט אַזוי איז די סאָציאַל דעמאָקראַטיע, בכלל,—טיף געזונקען אינם זומפּ פון רעאַקציע: זי איז געוואָרן אַ ווירקזאַמער גורם אין דער שנעלער צעבליאונג און פאַנאַנדערוואַקסונג פונם פאַשיזם, דער שאַרפסטער אויסדרוק פונם עקסטרעמסטן אַנטיסעמיטיזם.

XVI

אידישער סאָציאַליסטישער עלעמענט אַלס פאַקטאָר פון אַנטיסעמיטיזם

צווישן די אַלע ביז אַהער אָנגעצייגטע און פאָרגעבראַכטע סיבות, צופאַלן און באַדינגונגען, וואָס זייער דערשיינונג און ווירקונג איז געווען באַזונדערס גינסטיג און באַהילפיג דער אַנטוויקלונג און קולטיווירונג פון אַנטיסעמיטיזם, זיינט זיין אויפקום ביז זיין אָננעמען די שאַרפסטע פאָרם, ווערנדיק פאַרקערפערט אינם נאַציזם-פאַשיזם, — מוז און עס דאַרף אומבאַדינגט אויך פאַרצייכנט און פאַרנאָטירט ווערן דער פאַל, אָדער פאַקט, ווי טרויעריק און פיינלעך ער זאָל ניט זיין, אַז אַ געוויסע טייל פונם אידישן פאָלק גופא, זיינער אַ באַשטימטער עלעמענט, וועלכער באַשטייט, מערטיילס, פון די אַבסאָלוט דעגענערירטע און דעמאָראַליזירטע שיכטן פון אייניקע פון די אידישע פאַרשידענע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, — האָט פון זיין זייט, אינם משך פון איבער גאַנצע צוויי יאָרצענדליק, פרייוויליק און באַוואוסטזיניק, געהאָלטן אין איין ביטראָגן און ביישטייערן מיט זייער אַ מילדער און ברייטער האַנט, הילף און שטיצע צו אָט דעם ערגסטן שונא פונם אידנטום, דעם אַנטיסעמיטיזם, אָדער דעם בלוטיקן נאַציזם-פאַשיזם.

דער דאָזיקער שענדלעכער פאַררעטערישער אַקט איז פון אָט דער סאָציאַליסטישער אידישער טייל באַגאַנגען געוואָרן, דורך איר פולשטענדיקן סאָלידאַריזירן זיך און איינשטימען מיט דער אַלגעמיינער, ניט אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, בנוגע איר צוזאַמענאַרבעט מיט דער ערגסטער רעאַקציע פונם וועלט-קאַפּיטאַליזם, מיט דעם צוועק צו באַקעמפן דעם קאָמוניזם, הויפּטזעכלעך, צו שטירצן און פאַרניכטן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד.

איר הויפּט פאַרברעכן איז באַשטאַנען און באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט פולשטענדיק איגנאָרירט און זיך ניט גערעכנט מיט דעם פאַקט, וועלכן זי, אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פונם אידנטום, איז געווען מחויב צו האַלטן אין איר אַכט, אין איר זינען, נעמלעך: אַז דער דאָזיקער קאַמף איז גלייכצייטיק אויך געריכטעט קעגן דעם סאַמע קיום און דעם לעבן פון די ברייטע און פילע אידישע מאַסן, אָדער פון דעם גאַנצן פאָלק גופא, דורך דעם, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם אָדער נאַציזם-פאַשיזם, ווי נאָך פריער אָנגעוויזן, האָט אידענטי-

פיצירט דאָס אידנטום מיט דעם קאָמוניזם, ניט מאַכנדיק צווישן זיי קיין אונטערשיד, כדי דערמיט צו רעכטפאַרטיקן זיין אויסראָטונג.

די דאָזיקע סאָלידאַריטעט און די איינהייט גופא צווישן אָט דער אידישער סאָציאַליסטישער גרופע מיט דער ניט אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט, אין גרונט, געדינט אַלס אַ געדיכטער שלייער און דיקער פאָרהאַנג צו באַהאַלטן הינטער אים פון די אויגן פון די פאָלקס-מאַסן, הויפטזעכלעך און בעיקר, פון די אידישע, דאָס שרעק־לעכע בייז, די גרויסע געפאַר, וואָס עס האָט אין זיך געטראָגן די דאָזיקע אוואַנטיורע פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

ווארים די אָפיציעלע באַטייליקונג פון אַ אידישן עלעמענט אין אָט דער אַפערע האָט, לאָגישערהווייז, פאַרטריבן און באַזייטיקט יעדן חשד און פאַרדאַכט, אַז אין איר זאָל זיך פאַרבאָרגן דער שרעקלעכ־סטער אומגליק און חורבן פאַר דעם אידנטום. עס האָט זיך דאָך קיינעם ניט געקענט אויסמאָלן און פאָרשטעלן אין געדאַנק, אינם מוח, אַז אין אַזאַ פאַל, אין אַזאַ אַנגעלעגנהייט זאָל מיטהעלפן אויך אַן עכט אידישער שיכט . . .

אַלס פאַקט האָט די אידישע סאָציאַליסטישע גרופירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע ריכטונגען, זיך אַריינגעוואָרפן אין אָט דעם קאַמף קעגן קאָמוניזם און קעגן סאָוועטנלאַנד מיט אַ באַ־זונדערער אייפערדיקייט, מיט איר גאַנצן אימפעט און ברען. אירע אינטריגעס, פראָוואָקאַציעס און פאַרלוימדונגען זיינען געווען פון אַבסאָלוט הפקר׳דיקן און נידערטרעכטיקן אינהאַלט און אויסזען.

און פונקט אַזוי ווי די ניט-אידישע סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט פאַרראַטן אירע פאָלקס-מאַסן צוליב אירע אייגענע אינטערעסן — האָט זי אויך פאַרראַטן דאָס אייגענע פאָלק, — דאָס אידנטום, דורך דעם, וואָס זי האָט באַוואוסטזיניקערהייט זיינע באַזונדערע אומ־שטענדן און אומנאָרמאַלע סיטואַציע אַבסאָלוט אין איר אַמבאַטראַכט ניט גענומען, און צו זיי ניט געשאָנקען די מינדסטע אויפמערקזאַמ־קייט.

ווארים אויב די ניט אידישע, די אַלגעמיינע סאָציאַל דעמאָקראַ־טישע ריכטונג, האָט זיך דערלויבט אַ שפיל צו טאָן מיט אָט דעם פייער: צו פראָוואָצירן אַ קריג קעגן קאָמוניזם און בעיקר קעגן סאָ־וועטנלאַנד, וואָס אין גרונט האָט דאָס געמיינט אַ וועלט-מלחמה, — האָט זי, לויט אירע אויסזיכטן, איינגעשטעלט אין קאָן, אָדער אין גע־פאַר, בלויז די פרייהייט און דעם עקאָנאָמישן וואוילזיין פון אירע

אנטיסעמיטיזם

פאָלקס־מאַסן און אַ טייל פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון אירע נאַציאָנאַליטעטן און מלוכות, אָבער אין קיין פאַל ניט, — זייער גאַנצן קיום און לעבן, אין פאַל פון דער אויסשפרייטונג פון דער נאַציסטיש־פאַשיסטישער הערשאַפט איבער געוויסע טעריטאָריעס, אָדער וועלט טיילן, נאָך אירן אַ מעגלעכן זיג איבערן סאָוועטנלאַנד און נאָך דער פאַרניכטונג פון דעם סאָוועטישן רעזשים.

ווייל, אַלס פאַקט, האָט דאָך דער נאַציזם־פאַשיזם קיין איינעם ניט פון די וועלט פעלקער און קיין איינער ניט פון די פאַראַנענע נאַציעס און לענדער, ניט באַדראָעט, און ניט געשראָקן, אין פאָראויס, על כל פנים עפנטלעך און אָפיציעל, מיט קיין פולשטענדיקער פיזישער אויסראָטונג און אַבסאָלוטער ליקווידאַציע.

די לאַגע פונם אידנטום און זיינע באַדינגונגען זיינען, ווי עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אינגאַנצן אַנדערש. איבער זיין צעשפּליטערטקייט אין פילע טיילן, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער פיל לענדער און צווישן פאַרשידענע פעלקער, שטעלט דאָס תמיד מיט זיך פאָר אומעטום אַ מינדערהייט. און דערפאַר איז עס שטענדיק אויסגעזעצט צו אַ גרעסערער סכנה איידער אַן אַנדער פאָלק, ווי קליין און שוואַך דאָס זאָל ניט זיין.

אויסער דעם האָט דאָך דער נאַציזם־פאַשיזם, ווי עס איז יעדן באַוואוסט, דערקלערט גאַנץ עפנטלעך און געלאָזט וויסן דער גאַנצער וועלט, אַז זיין ערשטע אויפגאַבע, באַלד נאָך זיין קומען צו דער מאַכט, וועט זיין: אומבאַדינגט „צו לייזן די אידן־פראַגע אויף דעם ראַדיקאַלסטן אופן", — דורך גרינטלעכער פאַרניכטונג און פאַרטיליגונג פונם גאַנצן אידנטום...

אַט די אַלע פאַקטן זיינען זיכער ניט געווען קיין געהיימניש, קיין סוד אויך פאַר דער אידישער סאָציאַליסטישער גרופּירונג. זי האָט דעריבער געדאַרפט זיין, אין אַט דעם פאַל, באַזונדער פאָרזיכטיק בנוגע אַט דעם געפערלעכן שריט אירן, ווייל אין דעם איז געווען פאַרוויקלט דאָס גאַנצע לעבן, די עקזיסטענץ גופא פון איר פאָלק.

עס וועלט באַזונדערס קלאָר און זעלבסט־באַרייפלעך, פון אַט דעם אָנגעמערקטן, דער פאַקט, אַז מיט זיין אריינטרעטן אין קאַמף קעגן קאָמוניזם און סאָוועטנלאַנד צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַל דעמאָקראַטיע און מיט דער עקסטרעמער רעאַקציע פונם וועלט קאַפּיטאַליזם, — האָט דער אידישער סאָציאַליסטישער עלעמענט, די־

רעקט פון זיין זייט, געגעבן אַ באַזונדערע הילף און שטיצע צו דעם אַנטיסעמיטיזם, אָדער צום נאַציזם-פֿאַשיזם, שטאַרקנדיק מיט דעם זיינע הענט, געהויבן זיין מוט, קוראַזש און פּרעסטיזש, און דערמעגלעכט זיין שנעלע אויסשפּרייטונג און באַפעסטיקונג אומעטום איבער דער גאַנצער וועלט.

די קאָנסעקווענצן פון אַט דער הילף צום בלוטיקסטן שונא פֿונם אידנטום זיינען, ווי עס איז אַ פֿאַקט, געווען: אַ גרעסערע צאָל קרבנות און חורבנות פון גאַנצע אידישע ישובים און קהילות ביז אַ פֿול דריטל פונם גאַנצן אידנטום איז דורך דעם בעסטיאַלישן נאַציזם-פֿאַשיזם אומגעבראַכט געוואָרן.

דער דאָזיקער פאַררעט און באַטרוג מצד דער אידישער סאָציאַליסטישער גרופּע קעגן אייגענעם פאָלק, — דרינגט קלאָר און באַשיינפּערלעך אַרויס פון דעם אופן, פון דעם כאַראַקטער פון די מיטלען, וואָס זי האָט גענוצט אין אַט דעם געמיינזאַמען „הייליקן" קריג. זיי זיינען געווען די זעלבע, וואָס עס האָבן אָנגעווענדט אַלע קעגנער צום קאָמוניזם און סאָוועטנלאַנד, בכלל, באַשטייענדיק פון די זעלבע בלבולים, פּראָוואָקאַציעס, פאַרלוימדונגען, אינטריגעס און קאָנספּיראַציעס, אָפענע און באַהאַלטענע. עס איז, ווי זעלבסט פאַרשטענדלעך, אוממעגלעך אָנצואווייזן אויף די אַלע אירע בייזוויליקע מאַנעווערס און שווינדלערייען, דערום וועט זיין גענוג אַרויסצושטעלן, אַלס מוסטער און ביישפּיל, בלויז אַ טייל, אָדער אייניקע פון זיי, די מער באַקאַנטע און פּאָפּולערע. דער אויספיר און דער אורטייל איז איבערגעלאָזן געוואָרן צום געדאַנק זעלבסט.

עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז דער סאָציאַל דעמאָקראַט און איד, לעאָן בלום, דער איינפלוסרייכער מאַכטהאָבער אין פראַנקרייך (פּרעמיער 1936—1938), האָט אינם פעריאָד פון זיין רעגירן געגעבן דעם פאַשיזם פולע מעגלעכקייט צו שטירצן און אומוואַרפן די דעמאָקראַטישע, לעגיטימע פאָלקס-רעגירונג אין שפּאַניע, פאַרכאַפּן די מאַכט און זיך דאָרט באַפעסטיקן און עטאַבלירן זיין ממשלה, — דורך זיין שטיצן און פולשטענדיקן סאָלידאַריזירן זיך מיט דער באַקאַנטער פּאָליטיק פון „ניט אינטערווענץ", אָדער פון ניט אַריינמישן זיך אין די ענינים פון אַ פרעמדער מלוכה.

די דאָזיקע פּאָליטיק איז דאַן אָנגעווענדט געוואָרן מיט ספּעציעל באַהאַלטענע בייזוויליקע כונות, גערעכנט קעגן סאָוועטנלאַנד, מצד

אנטיסעמיטיזם

דער עקסטרעמסטער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, בכלל, און פון פאַשיסטיש געשטימטע עלעמענטן, בפרט.

די דאָזיקע דיפּלאָמאַטישע „ניט אינטערווענץ" מאַנעוורע האָט געדינט אַלס מאַסקע און צודעק צו פאַרשטעלן פון די אויגן פון די מאַסן פון דער וועלט, אַז דער הויפּט־צוועק איז — צו שטאַרקן און פאַרשפּרייטן די מאַכט און דעם איינפלוס פונם פאַשיזם איבער גאַנץ אייראָפּע.

עס וואָלט געווים געווען נאַאיוו און לעכערלעך צו דענקען און צו גלויבן, אַז לעאָן בלום האָט ניט באַגריפן די גרויסע געפאַר, וואָס עס פאַרבאָרגט אין זיך, אָט די אנגעלעגנהייט, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און, הויפּטזעכלעך, פאַר דעם אידנטום.

עס איז אים געווען גוט באַקאַנט, אַז דער פאַשיזם איז די מאַ־ניפעסטאַציע פון דער עקסטרעמסטער און געפערלעכסטער פאָרם פונם אנטיסעמיטיזם, זייענדיק גלייכצייטיק אויך באַוואוסטזיניק אויף דעם פאַקט, אַז די דאָזיקע האַנדלונג איז, אין גרונט, אַבסאָלוט קעגן די אינטערעסן פון דער מלוכה, אַלס אַ סכנה פאַר דער פרייהייט און זיכערקייט פון זיין לאַנד גופא.

זיכער, אַז אין אַן אַנדער צייט, אונטער אַנדערע אומשטענדן, — וואָלט לעאָן בלום באין אופן ניט געווען טאָלערירט די איינאָרדנונג פונם פאַשיזם אין דעם שכנה'שן לאַנד, שפּאַניע. מיט מאַכט וואָלט ער געווען געשטערט און ניט דערלאָזט זיין אַריינדרינגונג אַהין. נאָר איבער זיינע אויסזיכטן און גלויבן, אַז דער פאַשיזם איז, אָדער וועט זיין, דער הויפּט כוח און פאַקטאָר אין דער פאַרניכטונג פונם סאָ־וועטנלאַנד און אין דער אויסראָטונג פונם קאָמוניזם, — האָט ער, אַבזיכטלעך, מסכים געווען און געברויכט אָט די דיפּלאָמאַטישע ערמה פון האַלטן זיך פּאַסיוו, נייטראַל און גלייכגילטיק צו אָט דער פאַסי־רונג אין שפּאַניע.

עס איז אויך וואויל באַקאַנט די שטעלונג און די באַציאונג פון אָט דעם „אידן" און „סאָציאַליסט" צו דער איבערגעבונג פון סודעטנ־לאַנד, אָדער פון גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע, אינם רשות פונם נאַציזם.

די באַדייטונג פון אָט דעם אַקט, אַז דאָס איז אַ פולשטענדיקע פאַרשטאַרקונג און באַפעסטיקונג פונם אנטיסעמיטיזם אינם סאַמע צענטער, אינם האַרץ פון אייראָפּע און אויך איבער דער גאַנצער וועלט, און וואָס די רעזולטאַטן זיינע וועלן זיין בנוגע דעם אידנטום בכלל, און פאַר דעם טשעכאָסלאָוואַקישן גרויסן אידישן קיבוץ בפרט,

— זיינען אבסאָלוט נים געווען פאַרהוילן פון זיינע אויגן און אומ־באַגרייפבאַר פאַר זיין מוח.

אָבער, נים קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט לעאָן בלום פול־שטענדיק צוגעשטימט צו אָט דער טייוולשער מאַנעוורע אָן שום דערווידערונג, קווינקלעניש און וואַקלעניש, נים מאַכנדיק אפילו דעם מינדסטן פאַרזוך צו שטערן אָדער בטל מאַכן אָט דעם פּאַטאַלן און אומגליקספולן באַשלוס און פּלאַן פון דער ערגסטער וועלט־רעאַקציע, אַז אַ טייל, אָדער ריכטיקער גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע זאָל אַרונטער אונטער דער גרויזאַמער הערשאַפט פונם נאַציזם־פּאַשיזם.

ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך, האָט ער מיט זיין הסכמה און פּאַסיווער האַלטונג צו אָט דעם ענין, — ווידער אַמאָל געהאָלפן און גע־שטיצט דעם אַנטיסעמיטיזם, געבנדיק אים די פולע מעגלעכקייט פון זיין זייט זיך איינצואָרדענען און באַפעסטיקן, אויסער שפּאַניע, אויך נאָך אין אָן אַנדערן פונקט אין אייראָפּע.

אין פוילן, וואו עס איז תמיד געווען קאָנצענטרירט אַ גרויסער און קאָמפּאַקטער אידישער קיבוץ, — האָבן געוויסע טיילן פון די אַרטיקע פאַרשידענע אידישע סאָציאַליסטישע עלעמענטן מיטגעאַר־בעט און געגאַנגען אין קאַמף קעגן קאָמוניזם און סאָוועטנלאַנד האַנט אָן האַנט מיט דעם געפּערלעכסטן פוילישן אַנטיסעמיטיזם, פאַרקער־פּערט אין דער מלוכה־פירערשאַפט, וועלכע איז באַשטאַנען צו יעדער צייט פון דעם פוילישן אָדעל, אָדער פריצים׳טום, פון באַשטימטע ביר־גערלעכע פאַרמעגלעכע שיכטן, פון דעם קלעריקאַלן עלעמענט און פון זייער אַ קליינעם טייל פון ליבעראַלער און פּראָגרעסיווער פאַר־שטייערשאַפט. די לעצטע איז, אין גרונט, געווען קעגן און גאָרניט איינשטימיג מיט דעם אויבנדערמאָנטן קאַמף.

צווישן די אידישע סאָציאַליסטישע ריכטונגען האָט ווי עס איז באַוואוסט, דאָרטן געשפילט אַ באַזונדערע אָנגעזעענע ראָל די אידישע סאָציאַליסטישע גרופּע מיט דעם פּאָפּולערן נאָמען „בונד״.

זיי אַלע צוזאַמען, בראש מיט אָט דעם „בונד״ — האָבן אינם משך פון דער פוילישער זעלבסטשטענדיקייט, איידער דאָס לאַנד איז אָקופּירט געוואָרן פונם נאַציזם, און אויך נאָכדעם, ווען עס איז אַרונ־טערגעפאַלן אונטער זיין הערשאַפט, און די רעגירונגען פון פוילן זיינען געווען אין דער פרעמד אין גלות, אין ענגלאַנד, — נים אויפגעהערט אויף קיין ווילע אָנצוהאַלטן דעם קאַמף קעגן קאָמוניזם און סאָוועטנ־לאַנד, מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט: דורך שריפט און וואָרט און

אויך מיט ממשות׳דיקע מיטלען, ווי: דורך סאַבאָטאַזש־אַקטן, שע־דיקונגען און פאַרשווערונגען.

העלדן פון אַזעלכע פּראָוואָקאַציעס און קאָנספּיראַציעס, — זיינען געווען די באַוואוסטע בונדיסטישע סאָציאַליסטן, ערליך און אַלטער. הגם זיי זיינען געווען דורכאויס באַוואוסטזיניק אויף דעם פאַקט, אַז די אַריינדרינגונג, פאַרכאַפּונג פון אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און אַנ־דערע טיילן פון סאָוועטנלאַנד, אין וועלכע עס געפינען זיך די גרעסטע טייל פון אידישע ישובים, — וועט אומבאַדינגט ברענגען אומקום, חורבן און גרויליקע איבערלעבונגען צום גאַנצן סאָוועטישן אידנטום, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין שפּיץ פון אָט די פּוילישע רעגירונ־גען, זיינען אָפטמאָל, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן, געשטעלט געוואָרן אייניקע פּערזענלעכקייטן מיט אַ סאָציאַליסטישן קאָליר, אָדער אויס־זען, אָבער מיט אַ רעאַקציאָנערן כאַראַקטער און שליאַכטישער פּסי־כאָלאָגיע און לעבנס־בליק. אַזעלכע טיפּן סאָציאַליסטן זיינען אין פּוילן קיין גרויסע זעלטנהייט ניט געווען.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אָט די פּוילישע סאָציאַליסטן וואָלטן זיך אַבסאָלוט ניט געקימערט, עס וואָלט זיי גאָר ניט געאַרט, אויב צענדליקער טויזנטער אידישע לעבנס וואָלטן אומגעבראַכט געוואָרן פון די פּוילישע חילות, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַזעלכע אַנטיסעמיטישע גענעראַלן, ווי, למשל, דער טרויעריק באַרימטער, האַלער, וועלכע זיינען דאָרטן געווען בשפע.

אויך האָבן די זעלבע אידישע סאָציאַליסטישע עלעמענטן גוט געוואוסט, אין פאַל פון אַן ענדגילטיקן נצחון פון פּוילן איבער דעם סאָוועטנלאַנד, אָקופּירנדיק אָט די פּראָווינצן אָדער געגנטן, — וואָס עס דערוואַרט די דאָרטיקע אידישע קיבוצים איבערצוטראָגן און אויס־צושטיין פון די קאַפּריזן און פון דעם ווילקיר פון דעם פּוילישן שאָ־וויניזם, פאַרקערפּערט אינם פּריצים׳טום און אין אַנדערע בירגער־לעכע, פאַרמעגלעכע און רייכע שיכטן אונטער זייער דאָמינאַציע אָדער הערשאַפט.

דאָס לעבן אַליין, די געשיכטע גופא, אין דעם פּעריאָד פון דער פּוי־לישער זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט, האָט געלערנט און געגעבן דעם אידנטום אַן אַלזייטיקע לעקציע און אַ גרונטלעכע דערפאַרונג, בנוגע דער פּוילישער ממשלה. אַלס קאָנקרעטע באַווייזן דינען: די באַרימטע באָיקאָטן, די ענדעקישע טעטיקייט, שווערע שטייערן, און

דער פּראָגראַם אין פּשיטיק און נאָך אַנד. די אָרטיקע אידישע סאָציאַ־ליסטישע גרופּעס האָבן דאָס אַלעס איגנאָרירט.

אָט דאָס איז דער מהות, דער כאַראַקטער פונם קאַמף פון דער אידישער סאָציאַליסטישער גרופּירונג קעגן קאָמוניזם און סאָוועטנ־לאַנד, אין אייראָפּע. די שנאה צו זיי האָט פולשטענדיק אָפּגעטויט זייער מענטשלעכע סענטימענטאַליעט און דעם נאַציאָנאַלן באַוואוס־זיין, פאַרראַטנדיק, צוליב עקסטרעמע עגאָאיסטישע געפילן די גאַנצע מענטשהייט, בכלל, און דאָס אייגענע פאָלק, בפרט, שטיצנדיק און העלפנדיק דעם בעסטיאַלישן פאַשיזם, דעם בלוטיקן אַנטיסעמיטיזם.

מיט באַזונדערער בולטקייט, קלאָרקייט און שאַרפקייט, שפּיגלט זיך אָפּ דער זעלבער טרויעריקער פאַקט מצד די פאַרשידענע אי־דישע סאָציאַליסטישע ריכטונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וואָס צווישן זיי האָט געשפּילט און עס שפּילט די ערשטע פידל, די דאָמינירנדיקע ראָל, — די סאָציאַל דעמאָקראַטיע און אַ טייל פונם אידישן „בונד״, וואָס האָט זיך מיט איר פאַראייניקט. דער דאָזיקער סאָציאַל דעמאָקראַטישער עלעמענט איז שטאַרק און מעכ־טיק אין פינאַנציעלן הינזיכט; ער באַזיצט אין זיין רשות אַ ווייט און ברייט פאַרשפּרייטע פּרעסע: אין אידיש, ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן, אויך אַ ראַדיאָ־סטאַנציע, גענוג פאַרזאַמלונגס־פונקטן פאַר עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, און אַ געשולטע רעדנערישע קראַפט. דערפאַר איבט זי אויס אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף גרויסע אידישע פאָלקס־מאַסן, און אין אַ געוויסן זינען און אופן, — אויך אויף דער נים־אידישער ספערע.

אין דעם גאַנצן משך יאָרן פון נאָך דער ערשטער ביז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך, אַלס פאַקט, זייער צעוואקסן און צושפּרייט דער אַנטיסעמיטיזם איבער דעם גאַנצן לאַנד; און דורך קאָנקרעטע מעשים געלאָזט וויסן און פילן דעם אידנטום וועגן זיין קיום און ווירקונג. ער האָט דאָס דערוויזן דורך ספּאָראַדישע, בלוטיקע אָנפאַלן און מערדערלעכע אַטאַקעס אויף אידישע שול־קינדער און דערוואַקסענע, אָדער דורך פאַרשוועכונגען און שעדיקונגען פון אי־דישע שולן, בית עלמינס און ענלעכע אַזעלכע קהלשע באַזיצן.

אָט דעם גאַנצן פּעריאָד, — האָט די דאָזיקע אידישע סאָציאַליס־טישע פּרעסע קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם ערנסט און ענערגיש נים געקעמפט, קיינמאָל נים רעאַגירט אויף אַ די אַלע אויסברוכן, און נים פּראָטעסטירט מיט איר גאַנצער קראַפט. נאָר תמיד זיך באַצויגן צו אָט די אַלע אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס מיט אַבסאָלוטער גרינג־

שעצונג, מיט ביטול, אַלס „קליינינקייטן,” „נאַרישקייטן” און „שטיפּערייען”, צו וועלכע עס איז ניט כּדי צו שענקען די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט, ווייל דער באָדן, דער קלימאַט פון דער „גאָט געבענטשטער אַמעריקע”, — זיינען „ניט־גינסטיק” פאַר דער גיפטיקער פלאַנץ, — אַנטיסעמיטיזם, זי זאָל זיך קענען אָננעמען און בליען. אַזוי האָט זי געהאַלטן אין איין איינבילדן דעם אידישן עולם.

דערפאַר אָבער האָט זי זיך, אָט די גאַנצע צייט, געווידמעט צום קאַמף קעגן קאָמוניזם און סאָוועטנלאַנד, אויף זיי קאָנצענטרירט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, לאָזנדיק וועגן דעם אין פולן גאַנג איר גאַנצן אַפּאַראַט, די גאַנצע מאַשינעריע און געווער, וואָס זי פאַרמאָגט אין שריפט און וואָרט: די פּרעסע, ראַדיאָ, און די אָראַטאָריע. אירע בלבולים, פאַרלוימדונגען, פּראָוואָקאַציע און העצעס קעגן זיי, האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון פולשטענדיקער הפקרות, פון ווילדער אָרגיע און פון וואַנזיניקער וואַקכאַנאַליע.

אין איר היסטערישער מיטגעריסנקייט פון אָט דעם קאַמף, — האָט די אידישע סאָציאַל דעמאָקראַטיע אָנגעהויבן זיך חברן, פריינדלען זיך מיט דער ערגסטער רעאַקציע פונם קאַפּיטאַליזם, און אַפילו אויך מיט די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע עלעמענטן; אַרויסהעלפנדיק זיך איינער דעם אַנדערן דורך קעגנזייטיקער בייטונג און אויסבאָרגונג פון פאַרשידענע פּראָפּאַגאַנדע מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציעס.

בנוגע אָט דער קאָאָפּעראַציע אירער מיט די דאָזיקע פינסטערע כוחות, — וועלן דאָ פאָרגעבראַכט ווערן אייניקע דאָקומענטאַלע באַווייזן, וואָס צייגן גענוי אָן ווי ניצלעך און באַהילפיק זי איז געווען צו דעם וואוקס און אויפשטייג פונם אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, און ווי פאַררעטעריש, שעדלעך און געפערלעך פאַר דעם גאַנצן אידנטום, בכלל.

דעם 2טן אָקטאָבער, 1939, האָט די באַוואוסטע אַנטיסעמיטישע צייטונג „סאָשעל דזשאַסטיס”, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פונם באַקאַנטן פאַשיסט און אַנטיסעמיט, דעם גלח קאָגלין, — אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן זי האָט זיך אָנגענומען די קריוודע און זיך איינגעשטעלט פאַר דעם כבוד פון דעם אידישן רעדאַקטאָר פון דער אידישער טעגלעכער צייטונג, „פאָרווערטס”, וועלכער איז אין אַ רעדע אַטאַקירט געוואָרן פון אַ באַוואוסטן קאָמוניסט.

דער דאָזיקער פאַקט אַליין, אַן און פאַר זיך, וואָס אַן אָרגאַן פון אַנטיסעמיטיזם באַשיצט און באַשירעמט דעם נאָמען פון אַ אידן און נאָך אַ רעדאַקטאָר און סאָציאַליסט דערצו, — מוז וועקן און מיט גוואַלד אַרויסרופן, אַלס אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג, בזונדערע מחשבות און מאָדנע ספּעקולאַציעס, אַז עפּעס אויסטערלישעס, אויסערגעוויינטלעכס, ספּעציפישע מאָטיוון ליגן זיכער באַהאַלטן אין דעם.

ווייל וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט אַ אידן־פיינט, אויב אַ איד איז געזידלט אָדער באַליידיקט געוואָרן פו זאימיצן? פאַרוואָס אַזעלכע סימפּאַטישע געפילן און פריינטלעכע באַציאונג צו אַ אידן מצד דעם אַנטיסעמיטיזם? און אויב אַזעלכע זיינען פאַראַנען, — איז דאָס, זיכער, ניט אָן קיין באַשטימטע מאָטיוון און אָן קיין נוצן פאַר אים. אָט אַזוי דיקטירט די איינפאַכע און געזונטע לאָגיק. דער שרייבער פון אָ דעם אַרטיקל איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דר. עדוואַרד לאַדזש קאַרראַן, אַזאַ אַנטיסעמיט און פאַשיסט ווי דער גלח קאָגלין. דר. קאָרראַן איז דער הויפּט־שרייבער פון דער אַנטיסעמיטישער צייטונג „טאַבלעט”, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין ברוקלין.

און טאַקע אין אָט דער זעלבער צייטונג „טאַבלעט” איז דערשינען איינמאָל אַן אַרטיקל פון איינעם אַ זשורנאַליסט ל. פאַגלמאַן, וואָס איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס” פון 22טן פעברואַר, 1944. עס איז איבערגעזעצט געוואָרן פון אידיש אויף ענגליש. דאָס איז, אָן שום ספק, געטאָן געוואָרן, ווי עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיט דעם וויסן און מיט דער דערלויבונג פון דער רעדאַקציע פון דער אידישער צייטונג. ווייל אַנדערש וואָלט דאָס דאָרטן ניט געקענט דערשיינען. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פאַקט, אַז די הויפּט־קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם זיינען די קאָמוניסטן, און אַז זיי זיי העצן אויך קעגן קאַטאָליקן און קעגן דעם פויבסט. די אַנטיסעמיטישע צייטונג האָט אויסגענוצט אָט דעם אינהאַלט פאַר פּראָפּאַגאַנדע קעגן אידנטום, אויסטייטשנדיק אים, אַז אידן זיינען די שונאים פון קאַטאָליקן און פויבסט, ווייל ביי איר זיינען אידן און קאָמוניסטן, — איינס און דאָס זעלבע. דאָס אַרטיקל האָט ביי איר געדינט אַלס באַווייז צו דער ריכטיקייט פון אירע שטענדיקע פאַרלוימדונגען און בלבולים אויף אידן, אָנצייגנדיק אויף דעם פאַקט, אַז אַ אידישע צייטונג און נאָך אַ סאָציאַליסטישע, זאָגט אַליין עדות אויף דעם (זע „טאַבלעט” פון 11טן מערץ, 1944).

עס איז אויגנשיינלעך, אַז די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע צייטונג האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס איבערצוזעצן און אָפּצודרוקן ביי

זיך אָט דעם אַרטיקל. די פראַגע איז בלויז: פון וואַנען און ווי אַזוי האָט זי זיך דערוואוסט וועגן דעם אינהאַלט זיינעם, און פאַרוואָס האָט זי גראָד געטראָפן אויסצוקלייבן פונקט אָט דעם אַרטיקל, וועגן קיינער פון די אַנטיסעמיטישע זשורנאַליסטן לייענען ניט און פאַר־שטייען ניט קיין אידיש? עס איז דעריבער ניט אַנדערש, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן לויט דער אָנווייזונג פון דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער פאַרשטייערשאַפט פון דער אייגענער פרעסע.

אין דער צייטשריפט „ניו לידער", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין ענגליש פון דער זעלבער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער ריכטונג, איז דעם 27טן אָקטאָבער, 1945, דערשינען אַן אַרטיקל פון איינעם וו. טשעמבערלין, אין וועלכן עס איז אין הימל אַריין געלויבט און באַזונגען געוואָרן דער אופן און דער כאַראַקטער פון דער פאַרטיי־דיקונג פון דעם ענגלישן אַדוואָקאַט, מיידזשאָר ווינוואָוד, וועמען די ענגלישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט באַשטימט צו פאַר־טיידיקן, בעת דעם משפט, דעם נאַצי־הענקער פונם בעלזען טויטן־לאַגער, יאָזעף קראַמער, וועלכער האָט, אויף דעם שוידערלעכסטן אופן, אומגעבראַכט צענדליקער טויזנטער אידישע לעבנס.

כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אָט דער נאַצישער בעסטיע, האָט דער אַדוואָקאַט ווינוואָוד אין זיין פאַרטיידיקונג דערקלערט, אַז די אַלע פון קראַמערן, אויסגעמאָרדעטע אידן, — זיינען געווען דער „אָפּפאַל פון דער געטאָ", דאָס מיינט: דאָס „ערגסטע", דאָס „שעד־לעכסטע" פון דער געזעלשאַפט. און דערפאַר דאַרף אָט די אידן־אויס־ראָטונג אַבסאָלוט ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ שווערער פאַרברעכן, וואָס קומט דערפאַר באַשטראָפט צו ווערן, נאָר פאַרקערט — גאָר ווי אַ נאָבעלע און נוצלעכע טאַט, פאַר וועלכער ער פאַרדינט נאָך אַ אָנער־קענונג אָדער גאָר אַ באַלוינונג.

אָט דאָס איז די באַדייטונג און אויך דער לאָגישער אויספיר, וואָס איז באַצוועקט געוואָרן מיט דער שטעמפּלונג פון די אידישע קרבנות אַלס „אָפּפאַל פון דער געטאָ" מצד דעם אויסוואורף און אַנטיסעמיט, ווינוואָוד. און אָט דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פאַרטיידיקונג, איז באַזונדערס פאַרהערלעכט און אַרויסגעשטעלט געוואָרן, אַלס ביישפּיל און מוסטער פון עכטן הומאַניזם און זייער הויכן אידעאַליזם, אין אָט דער צייטונג, „ניו לידער", דער ענגלישער אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פרעסע. (זע „ניו לידער" פון 27טן אָקט., 1945)

דער דאָזיקער שענדלעכער אַקט פון אַבסאָלוט אָפענער שיצונג און שטיצונג פונם אַנטיסעמיטיזם, — האָט אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנהייט און אַנטריסטונג אַפילו צווישן די אייגענע קרייזן, און צווישן אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס, וואָס גייען צוזאַמען מיט איר אין קאַמף קעגן קאָמוניזם.

פאַר דער מער בולטער און קלאָרער אָפּשפּיגלונג פון דעם פאַררעטערישן און באַטריגערישן אינהאַלט בנוגע דעם אידנטום, בכלל, פון אָט דעם אַרטיקל, אין „ניו לידער" פון 27טן אָקט., 1945, ווערט דאָ געבראַכט אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין אַן אַנדער צייטשריפט אָדער זשורנאַל מיט דעם נאָמען „וועקער", וואָס ווערט אויך אַרויסגעגעבן פון דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ פּראָטעסט און אַ פאַרדאַמונג-אויסדרוק, געשריבן פון ד. שעדלעצקי. עס לייענט זיך, לויט דעם טעקסט, וואָרט און וואָרט, ווי פאָלגט:

„איך בין זיכער, אַז ווען דער אַרטיקל פון וויליאַם העגרי טשעמבערליין, וואָס איז געווען געדרוקט אין „ניו לידער" פון דעם 7טן אָקטאָבער, וועגן דעם פאַרשטייענדיקן נירנבערגער פּראָצעס, וואָלט דערשינען אין אַ רעאַקציאָנערער צייטונג מיט אַנטיסעמיטישע טענדענצן, למשל, ווי די „דיילי ניוס", וואָלט ער אַרויסגערופן אַ שטורעם אין אַ סך פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע קרייזן, באַזונדערס ביי אידן. ווייל דער אַרטיקל האָט געפונען פּלאַץ אין אַ צייטונג, וואָס פּרעטענדירט צו זיין סאָציאַליסטיש, — דאַרף דאָס אונז, סאָציאַליסטן, מער ווי טאָן. מיר דאַרפן זיך פילן באַליידיקט און געקרענקט; און עס איז דער חוב פון ערלעכע סאָציאַליסטן צו שטעמפּלען אים מיט דער גאַנצער קראַפט." („וועקער", 15טן נאָוועמבער, 1945)

עס איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך און קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער אַרטיקל פון „ניו לידער", אין ענגליש, האָט צוגעגרייט און געליפערט צום אַנטיסעמיטיזם בכלל, דעם געפּערלעכסטן און גיפטיקסטן מאַטעריאַל פאַר זיינע שטענדיקע און אומאויפהערלעכע פאַרלוימדונגען און פאַרדאַמונגען פונם אידנטום. אָט דער שטאָף וועט תמיד דינען און ער דינט שוין אין דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַלס אַן איבערציינגלעכער באַווייז און אַלס די רעאַלסטע באַשטעטיקונג, אַז איר שטעמפּלונג פונם אידנטום אַלס דאָס ערגסטע, נידערטרעכטיקסטע און שענדלעכסטע פאָלק אין דער וועלט, — איז ניט סתם בלויז אַן אויס-

טראַכטעניש, אַ בלבול, וואָס איז גרונדלאָז, נאָר אַ ריינער און עכטער אמת, אַ פולשטענדיקע ווירקלעכקייט. אַ סימן — דער דאָזיקער פאַקט איז דאָך אַליין אַרויסגעבראַכט, באַשטעטיקט און אָנערקענט געוואָרן דורך דער אידישער סאָציאַליסטישער פרעסע. פאָדערט זיך דען נאָך צו דעם אַ מער באַגלויבטער עדות ווי אַ אידישער עלעמענט גופא?

די הפקרות און די דעמאָראַליזאַציע פון אָט דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער ריכטונג האָט דערגרייכט אָדער געזונקען צו אַזאַ נידריקער שטופע, אַז עס איז פון איר זייט געמאַכט געוואָרן דער זייער שענדלעכער פאַרזוך: ריינצוואַשן דעם טרויעריק־באַרימטן העלד פון אידישע פאָגראָמען און שחיטות, דעם צאַרישן גענעראַל דעניקין, וואָס זיין נאָמען אַליין רופט אַרויס אַ ציטער און שוידערלעכע פאָגראָמען־בילדער אין דעם זכרון אָדער פאַרשטעלונג. די דאָזיקע באַמיאונג איז, וואַרשיינלעך, געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם פאַל, פון דעניקינס אַריינקומען דעצעמבער 1945, מיט דער הילף פון דער ענגלישער סאָציאַליסטישער רעגירונג, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, צו מאָביליזירן אַרום זיך און אָרגאַניזירן די כוחות פאַר אַ מעגלעכן קריג קעגן סאָוועטנלאַנד.

ביי דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז ער, דעניקין, פאַר אָט דער מיסיע, באַטראַכט געוואָרן אַלס זייער חשובער און געוואונשענער גאַסט, וועמען זי האָט גענומען אויסשטרעקן אַ האַנט פון הילף אין אָט דער „הייליקער" אַרבעט.

פאַר אָט דעם צוועק האָט זי געלאָזט אָפדרוקן אין איר טעגלעכער צייטונג „פאָרווערטס", אַ ספּעציעלן אַרטיקל, אין וועלכן זי האָט אויף זייער אַן אומפאַרשעמטן אופן געזוכט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז דעניקין האָט אַליין די פאָגראָמען נים אָרגאַניזירט. ער האָט זיי בלויז געדולדעט. כדי דערמיט אָפצושוואַכן די פאַרביטערטקייט און דעם צאָרן פונם אידנטום קעגן אים. אָט איז אַן אויסצוג פונם אַרטיקל פון „פאָרווערטס" פון דעם 18טן יאַנואַר, 1946, בוכשטעבלעך איבערגעגעבן, לויט דעם טעקסט, אָן שום ענדערונגען, נעמלעך:

„אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע: האָט דעניקין אָרגאַניזירט די דאָזיקע פאָגראָמען? — „ניין, מוז זיין דער ענטפער. און דאָך טראָגט ער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

„ווי זיכער איך בין אין דעם, אַז גענעראַל דעניקין האָט די פאָגראָמען נים אָרגאַניזירט, אַזוי זיכער בין איך, אַז ער זיי געדולדעט... וו אַזוי איז דאָס צו דערקלערן?

„די וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין אוקראַינע וועלן דאָס זייער גרינג פאַרשטיין. ראַבעווען און גזלענען האָט עניקין גע־מוזט לאָזן זיין אַרמיי, ווייל געלט אויף אויסצוהאַלטן זיין אַרמיי האָט ער ניט געהאַט, און נעמען ביי די פויערים אַן געלט, האָט מען מורא געהאַט פאַר אויפשטאַנדן; איז געווען דער איינ־ציקער וועג: דערלויבן דער אַרמיי צו נעמען דאָס, וואָס ליגט אַמגרינגסטן... און וועמעס אייגנטום איז נאָך אַזוי הפקר ווי אידיש?"

אָט דאָס איז דער אַרטיקל, אין וועלכן די סאָציאַל דעמאָקראַטיע באַמיט זיך ריינצוּוואַשן דעניקינען. עס איז אַ זשאָנגלירונג, אַ מאַני־פולאַציע פון דעניקינס „ניט שולדיק זיין" אָדער „יאָ שולדיק זיין" אין די אידישע פּאָגראָמען. זי זוכט ווי ווייט מעגלעך צו געפינען אַ זכות אויף דעניקינען פאַר זיינע גזלות און רציחות, אַז וועגן דער אויפהאַלטונג פון זיין אַרמיי האָט דעניקין געמוזט ראַבעווען... און אַזוי ווי אידיש פאַרמעגן איז דאָך הפקר, האָט ער דערלויבט זיינע אַרמייען צו ראַבעווען און גזל'ענען." אָט דאָס זיינען די מאָטיוון פאַר דער ריינוואַשונג פון דעניקינען, וואָס די סאָציאַל דעמאָקראַטיע גיט אָן וועגן דעם.

די פראַגע איז אָבער דאָ: צוליב וואָס די שחיטות פון מאַסן אידן? איז דען דאָס אידישע בלוט אויך געווען נויטיג פאַר דער אויפ־האַלטונג פון זיין אַרמיי? און פאַרוואָס ווערן אָט די פילע הריגות אויף אידן, וואָס ער האָט געמאַכט אין די אידישע ישובים פאַרשוויגן און ניט דערמאָנט אין דער זעלבער דערקלערונג?

דער הויפּט־צוועק איז קלאָר: די סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז דאָ געווען אויסן צו מאַכן דעם איינדרוק. אַז דעניקין איז ניט אינגאַנצן שולדיג אין די פּאָגראָמען, און איז, בכלל, ניט קיין געפערלעכער אַנ־טיסעמיט, און דורך דעם שאַפן פאַר אים אַ מער געמיטלעכע שטי־מונג און טאָלעראַנטע באַציאונג און, אפשר, אויך סימפּאַטיע און צוטרוי מצד די אַבסאָלוט אומקאָמפּראָמיסלעכע און בייזוויליגע שונאים פון סאָוועטנלאַנד, ווי אויך צווישן די מער־ווייניקער צוריק־געשטאַנענע און בלינדע עלעמענטן פון די אידישע מאַסן, וואָס פאַר דער טעמפּקייט און הינטערשטעליקייט אין זייער דענקען האָבן זיי, איבערהויפּט, צו פאַרדאַנקען נאָר און בלויז דער דאָזיקער סאָציאַל דעמאָקראַטישע פרעסע, וועלכע האָט אינם פאַרלויף פון פיל צענדלי־קער יאָרן, אַזוי באַווירקט זייער מוח און דעם געדאַנקען־גאַנג, אַז ער

איז געוואָרן דורכאויס אומפּייאיק צו באַוועגן זיך פריי און זעלבסט־שטענדיק.

די סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט געזוכט, פאַר איר שענדלעכן אַקט צו העלפן דעניקינען אין זיין קריג־צוגרייטונג קעגן סאָוועטנלאַנד, די שטיצע און די הסכמה פון געוויסע אידישע רעאַקציאָנערע קרייזן, כדי זי זאָל טאָן אָט די אַרבעט עפנטלעך און מיט מער טיכטיקייט. דער דאָזיקער אַרטיקל אין „פאָרווערטס”, פון פריער אָנגעוויזענעם דאַטום, האָט, אויסער אָט דעם צוועק, אויך געדינט אַלס אַ פּרעלימינאַרער שריט אין דער ריינוואַשונג פון דעניקינען. דאָס איז געווען בלויז אַ באַדן צוגרייטונג, אַ וועג אויספּלאַסטערונג פאַר אָט דעם זייער „חשובן גאַסט”, געבנדיק אים דערמיט די געלעגנהייט צו קענען זיך אַליין ווענדן מיט זיין וואָרט צום אַמעריקאַנער אידנטום. און ווירקלעך, באַלד נאָך דעם, — האָט זיך באַוויזן אין דעם „פאָרווערטס” פון 3טן פעברואַר, 1946, אַ בריוו פון גענעראַל דעניקין אַליין, וואָס אייניקע אויסצוגן וועלן דאָ פאַרגעבראַכט ווערן געטריי צום טעקסט. ער פאַנגט זיך אָן מיט אָט די ווערטער, נעמלעך:

„ווערטער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס”:

„איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אין אייער צייטונג איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן מיר אומבאַגרינדעטע און גאָר באַליידיקנדע באַשולדיקונגען. איך וויל דעריבער אייך אינפאָרמירן:

1. אַז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט און האָב אויך איצט ניט קיין שום „געהיימע” אויפגאַבן. מיין גאַנצן לעבן האָב איך געאַרבעט און אַרבעט אויך איצט פאַרן וואוילזיין פון רוסלאַנד און פון רוסישן פאָלק”.

נאָך דער אויסלאָזונג פונם צווייטן פּאַראַגראַף איבער זיין אומוויכטיקייט, פאָלגן איצט אַ פּאָר שטעלן פון דריטן און פערטן, וואָס לייענען זיך אַזוי:

„. . . ווען די שרעקלעכע פלאַמען פון גרויזאַמקייט און בלוט־פאַרגיסונג האָבן, אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, זיינען אַלע מאָראַלישע מאָסן פאַרשוואונדן, און דאָס מענטשלעכע לעבן איז געוואָרן ביליק. רוסישע קעפּ זיינען דאַן אַ סך מער צעשמעטערט געוואָרן ווי אידישע. ביי דער שרעקלעכער אומאָרדנונג, וואָס האָט דאַן

עקזיסטירט, איז קיין מאכט נישט אימשטאַנד געווען צו פאַר־מיידן אַט די טראַגישע געשעענישן.

די אויבער־קאָמאַנדע פון די ווייסע אַרמייען אין דרום רוסלאַנד, האָבן אָנגענומען אַלע מעגלעכע מיטלען קעגן אידישע פאָגראָמען. מיר האָבן באַקעמפט אַט די אויסברוכן פון געוואַלד־טאַטן דורך ספּעציעלע אָרדערס, דורך געריכטלעכע קאָמיסיעס, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די מיליטער, דורך פעלד־געריכטן און דורך אומצעליקע טויט־אורטיילן קעגן די פאָגראָמשטשיקעס. ווען נישט די אַלע מיטלען, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, ווען די מיליטער וואָלט געהאַט אַפילו דעם מינדסטן גרונט צו דענקען, אַז די העכסטע מיליטערישע מאַכט פאַרדייעט די אידישע פאָגראָמען, אָדער זי איז אַפילו נאָר גלייכגילטיק צו זיי, וואָלט דער שיקזאַל פון די אידן אין רוסלאַנד געווען נאָך אַ סך טראַגישער. אַט די שטעלונג מיינע ווי אויך די אומגערעכטיקייט פון דער באַשולדיקונג קעגן מיר, אַז איך בין אַ „שוואַרץ־מאה'ניק", איז באַוואוסט דער גאַנצער רוסישער עמיגראַציע".

אין נאָמען פון גערעכטיקייט בעט איך אייך צו פאַרעפנ־טלעכן מיין בריוו אין אייער ציישונג.

אכטונגספול,

גענעראל א. דעניקין"

די דאָזיקע ווענדונג איז די זעלבסט־ריינוואַשונג פון דעניקינען פונם אידישן בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן אין דרום רוסלאַנד, אוק־ראינע אין 1919.

עס איז נישט קיין בריוו פון אַ חוזר בתשובה, נאָר אין גרונט, אַ פאַרזוך צוצוציען אויף זיין זייט געוויסע אידישע עלעמענטן, וואָס זייער האַס און קעגנערישקייט צום קאָמוניזם און סאָוועטנלאַנד איז נאָך געווען שטאַרק, אַז זיי וועלן זיין גרייט אים צו העלפן אין זיינע קאָנספּיראַציעס און אינטריגעס קעגן זיי. עס איז אויסגערעכנט אויף דעם פאַקט, אַז ער האָט דערביי גאָר נישט צו פאַרלירן, אָבער דאָך אַ שאַנס עפּעס צו געווינען.

עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן פון דע־ניקינס בריוו איז, אַן און פאַר זיך, אַ גוואַלדיקע עולה און אַ גרויסער סקאַנדאַל בנוגע דעם גאַנצן אידנטום; וואָרים דאָס מיינט איינפאַך: אים שפּייען דירעקט אין פּנים אַריין פאַר די אויגן פון דער גאַנצער

וועלט. אָבער נאָך פיל מער שווערער און שטאַרקער איז דער פאַר־ברעכן מצד דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע איר ספּעציעלע און באַזונדערע באַמיאונג, וואָס האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט אין דעם אַרטיקל פון „פאָרווערטס״ (18טן יאַנואַר 1946), — אומבאַדינגט צו פאַרטושן און פאַרווישן די זייער בולטע פלעקן און צייכנס פונם אידישן בלוט אויף די הענט פון אַט דעם אידן־מערדער און אַנטיסעמיט, גענעראַל דע־ניקין.

אַט דאָס זיינען די קאָנקרעטע פאַקטן, די רעאַלע באַווייזן, וואָס צייגן קלאָר און דייטלעך אָן אויף דער הילף און שטיצע מצד די אי־דישע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע מיט דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע אָן זייער שפּיץ, וואָס האָבן, אין דעם משך פון איבער אַ גאַנץ פערטל יאָרהונדערט, געליסטעט און געליפערט פאַר דעם דערפאָלג פונם אַנטיסעמיטיזם. די דאָזיקע מעשים זייערע זיינען בלויז אַ טראָפּעלע, אַ קליין שטויבעלע פון די אַלע פאַרברעכנס, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן אידנטום, ביודעים, אין דער עפנטלעכקייט, בפרהסיא; חוץ די פּסלנותן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, בלא יודעים, אין געהיים, אין דער פינסטער.

עס איז וואָרשיינלעך, ניט געווען גענוג פאַר דעם בייזן מזל פונם אידנטום, דאָס וואָס ער האָט דערמעגלעכט די אויסראָטונג פון אַ פול דריטל פונם אידישן פאָלק, נאָר ווי נאָך צו שיטן זאַלץ אויף זיינע וואונדן, צו פאַרשאַפן אים אויך גייסטיקע ליידן און מאָראַלע ווייטאָגן, האָט ער, אַט דער אכזריות׳דיקער שיקזאַל, נאָך דאָס אידנטום גע־צוואונגען עס זאָל אַליין, מיט די אייגענע הענט, העלפן שטאַרקן און באַפעסטיקן זיין בלוטיקסטן שונא, דעם שאַרפסטן אַנטיסעמיטיזם אָדער דעם נאַציזם־פאַשיזם.

דער דאָזיקער אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן, ווי זעלבסט־פאַר־שטענדלעך קעגן דעם ווילן פונם פאָלק און אינגאַנצן אָן זיין וויסן, מצד זיין פאַרדאַרבענעם און פוילנדיקן עלעמענט, פאַרמירט פון דעם סאַמע אָפּפאַל און אַבסאָלוטער פּסולת פון זיינע פאַרשידענע סאָציאַ־ליסטישע גרופּירונגען.

נחום קישנער

דער דאָזיקער דעגענערירטער, פאַררעטערישער שיכט איז, ווי ווילד פלייש, אויסגעוואַקסן אויף דעם קערפּער פונם אידנטום און, ווי אַ צרעת ממארת, זיך איינגעגעסן אין זיין לייב. צום אומגליק,

איז אים געלונגען צו האַלטן קאָנטראָל און אויסאיבן אַ שעדלעכן און געפערלעכן איינפלוס איבער גרויסע טיילן פונם פאָלק.

און אַט דער דעמאָראַליזירטער עלעמענט, איז געוואָרן אינם לויף פון אַ גאַנץ פערטל יאָרהונדערט אַ ווירקזאַמער כוח און אַ טיכטיקער פאַקטאָר אין דעם אויפשוואונג, באַפעסטיקונג און אויסשפרייטונג פון דעם ערגסטן און געפערלעכסטן אַנטיסעמיטיזם.

די געשיכטע האָט דעם דאָזיקן פאַקט פאַרשריבן אין איר פנקס.

XVII

ווען דער אנטיסעמיטיזם וועט פארשווינדן

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט ציט צו זיך אט די עובדא, וואס דער אנטיסעמיטיזם אלס א אידעאלאגיע, טראָץ זיינע אנשטריינגונגען, זינט טויזנטער יאָרן, צו באהערשן און באאיינפלוסן אויף א פולקא־מענעם און גענצלעכן אופן דעם געדאנק און גייסט פון די אומגעהויערע גרויסע און ברייטע פאלקס־מאסן פון גאנץ אייראפע, צווישן וועלכע ער האט תמיד געווירקט, — האט ער אבער קיין ענדגילטיקן און דעם געווינשענעם דערפאלג ניט געהאט. די מאיאריטעט פון די פאלקס־מאסן האבן זיך אין אלע צייטן באצויגן צו דער אנטיסעמיטישער אויפפאסונג, אפילו אין דער מיטאלטערלעכער עפאכע, מיט ווייניק אינטערעם און כמעט מיט גלייכגילטיקייט.

די העצעס און די רדיפות אויף דעם אידנטום מצד דער פארשטייערשאפט פון דעם אנטיסעמיטיזם, וואס איז, איבערהויפט, באשטאנען פון דעם אדעל, לאנד־מאגנאטן אדער גייסטלעכע און מאכטהאבנדיקע קלאסן, פלעגן גאר אויף געווויסע טיילן, יחידים אדער גרופן פון די פאלקס־מאסן, האבן א פארקערטע ווירקונג. די דאזיקע אידן־פארפאלגונגען האבן ביי זיי ארויסגערופן א געפיל פון מיטלייד, צער און סימפאטיע מיט די פארפאלגטע. זיי האבן זיכער ניט געוואגט דאס ארויסצוצייגן אין דער עפנטלעכקייט, אוים מורא פאר דער הערשנדיקער פיינטלעכער שטימונג, וואס די דאזיקע אנטיסעמיטישע, אויבערשטע און קאנטראל־האלטנדיקע קלאסן האבן שטענדיק פארשפרייט און געשאפן צווישן די פאלקס־מאסן אויף א קינסטלעכן אופן. די מער מוטיקע און געוואגטע פון די דאזיקע ערלעכע און געוויסנהאפטיקע, פלעגן ביי יעדער מעגלעכקייט באשיצן אדער באהאלטן ביי זיך אידישע יחידים אדער קליינע גרופעם און אמאל גאנצע קהילות פון אט די מערדערלעכע און רויבערישע איבערפאלן.

אין די דאזיקע אנגריפן פלעגן זיך תמיד, און אזוי אויך איצט, באטייליקן, הויפטזעכלעך, דער אפפאל פון דער געזעלשאפט, די פארברעכערישע עלעמענטן: אדער פון די גאר ארימע, פארוואלאזטע, וואס האבן אין דעם געפונען א געלעגנהייט צו געניסן און זיך עטוואס דערהאלטן, און אויך פון די אבסאלוט צוריקגשטאנענע און פארבלענדטע פון רעליגיעזן פאנאטיזם. און הגם אט דער עלעמענט, האט מיט זיך פארגעשטעלט א באדייטנדיקע מחנה, א גרויסער המון, איז ער אבער

שטענדיק, אין זיין מהות, געווען זייער אַ קליינער פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרומיקער באַפעלקערונג.

וואָרים ווען דער אַנטיסעמיטיזם זאָל ווירקלעך געווען האָבן דורכ־געדרונגען און באַהערשט דעם געדאַנק און די פּסיכיק פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, — דאַן וואָלט זיכער פון דעם גאַנצן אידנטום שוין פון לאַנג קיין זכר און שפור ניט געווען געבליבן.

אַלס באַשטעטיקונג צו אַט דעם אָנגעמערקטן דינט דער פאַקט, וואָס אַפילו אין דעם פינסטערן מיטלאַלטער, ווען דאָס אידישע לעבן אָדער דער קיום פון דעם גאַנצן פאָלק איז געווען ווי הפקר און אומבאַשיצט; און דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, די אַבסאָלוטע אומוויסנקייט און דער אַבערגלויבן, האָבן פולשטענדיק קאָנטראָלירט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, — פון דעסטוועגן האָט אויך דאַן קיינמאָל ניט פּאַסירט קיין ספּאָנ־טאַנישער אָדער פלוצימדיקער, פון זיך זעלבסט, אָנפאַל פון גוואַלטטאַט מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג אויף דעם אידישן קיבוץ, אַלס אויס־ברוך פון שנאה און האַס צו אים. ווייל יעדער אָנגריף האָט געפאָדערט אומבאַדינגט אַ פּאַראויסיקע צוגרייטונג, אַן אָרגאַניזירונג און אַ מאָבי־ליזירונג פון די כוחות, וואָס זיינען פּאַסיג פאַר דער דורכפירונג פון אַזאַ אַקט.

עס פלעגט אָפטמאָל אויך פּאַסירן, אַז וועגן דעם, האָט געמוזט פריער אומבאַדינגט געשאַפן ווערן געוויסע טעמים און אורזאַכן, וואָס זאָלן דינען אַלס אַ באַרעכטיקונג און רעכטפאַרטיקונג אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג פאַר אַט דעם גוואַלדטאַט, בנוגע דעם אָרטיקן אי־דישן קיבוץ. פאַר אַט דעם צוועק, — זיינען דעריבער, אויף דעם באַ־שטימטן פונקט, געמאַכט געוואָרן אויף דעם דאָרטיקן אידנטום בלוט־יקע בלבולים און פאַרלוימדונגען מצד די אידישע שונאים. זיי פלעגן איינאָרדענען רעליגיע־ויכוחים, עפנטלעכע געריכטן פאַר פאַלשע באַ־שולדיקונגען אין אַלערליי פאַרברעכנס מיט פאַלשע עדות אָדער פאַקטן. זייער הויפּט אַבזיכט איז געווען, — צו דערווייזן און איבערצייגן די פאָלקס־מאַסן, בכלל, בנוגע דער פאַרדאָרבנקייט, שעדלעכקייט און פיינט־לעכער באַציאונג פון דעם אידנטום צו דער סביבה, אין וועלכע דאָס לעבט, וואוינט און עקזיסטירט.

עס פלעגט אָבער אויך אַמאָל פּאַסירן, אַז די דאָזיקע פּראָצעסן און משפטים האָבן זיך גאָר געענדיקט מיט אַ שענדלעכן דורכפאַל פאַר די, וואָס האָבן אַזעלכע איינגעאָרדנט. עס איז די דאָזיקע אידישע שונאים ניט נאָר ניט געלונגען צו דערווייזן די שולדיקייט פון דעם אָרטיקן אי־

דישן קיבוץ, נאָר עס האָט זיך בולט אַנטפּלעקט זייער גאַנצער שקר און בייזוויליקייט אין דער עפנטלעכקייט.

די אידישע פֿאָלקס לעגענדע, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דאָס טראַגישע לעבן פון דעם אידנטום אין דעם מיטלאַלטער, פאַרקערפּערט אין זיך פיל אַזעלכע פאַלן און געשעענישן. און, זיכער, זיינען זיי געבויט אויף אַ יסוד פון אמת און פון דער ווירקלעכקייט.

ערשט נישט לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה (אין 1912) איז פאַרפירט געוואָרן אינם צאַרישן רוסלאַנד אַזאַ שענדלעכער פּראָצעס פון אַ בלוט בלבול, מיט דער שטילער צושטימונג פון דער רעגירונג גופא, באַקאַנט אַלס דער „ביילים-פּראָצעס", אין וועלכן די גאַנצע פאַר־שווערונג צוזאַמען מיט דער צאַרישער רעגירונג האָבן געליטן אַ גוואַל־דיקע מפּלה פאַר די אויגן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די ברייטע פאָלקס-מאַסן האָבן זיכער פון אַזעלכע דורכפאַלן עפּעס געלערנט און דערפאַרן.

עס איז ניט קיין נייער פאַקט, אַז די רדיפות און גוואַלדטאַטן אויף דעם אידנטום ווערן געמאַכט, הויפּטזעכלעך, מצד די הערשנדיקע און פּריוויליגירטע קרייזן און אויבערשטע שיכטן. באַזונדערס פלעגט ליידן דאָס אידנטום פון מאַסן-מאָרד אין דער צייט פון אויפשטאַנדן און מרידות פון פאָלק קעגן זייערע אונטערדריקטערישער און באַצווינגערישער הער־שאַפט, פאָרמירנדיק זיך אין באַוואָפנטע און אָרגאַניזירטע באַנדעס, אונטער דער פירערשאַפט פון פאַרשידענע אידן-פיינט. אַזעלכע זיינען געווען די אוקראַאינישע אַטאַמאַנען, זשעלעזניאַק און גאַנטא (1768); און אין דעם ערשטן פערטל פון היינטיקן יאָרהונדערט, — פּעטלורא, און אויך די רוסישע גענעראַלן, דעניקין און וואַרנגל, און דער פּוילישער גענעראַל — האַלער. אָט די אַלע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שחיטות אויף דעם אידנטום, און האָבן דורך דעם געקראָגן פּאָפּולאַריטעט.

אָבער, ניט קוקנדיק אויף דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס אין אָט די מאַסן-מאָרדן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן היפשע טיילן פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זיך אין זיי דירעקט באַטייליקט, האָט אָבער די מאַ־יאָריטעט, די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די פעלקער פון אוקראַאינע, רוסלאַנד און פּוילן מיט אָט די מערדערייען קיין נאָענטע שייכות ניט געהאַט; און זיי זענען, דעריבער, פאַר די אַנדערע עלעמענטן זייערע, וואָס האָבן זיך אַנגעלאָזן אין די באַטרעפנדיקע פאַרברעכערישע חילות, — ניט אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך.

נחום קישנער

אלס קלאָרער באַווייז צו דעם דינען די דאָזיקע פֿאַקטן, וואָס אין פֿילע פֿאַלן זיינען גאָר געוויסע עלעמענטן פֿון דער דאָזיקער מערהייט עפֿנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן אָט די באַנדעס מיט געווער פֿאַר דער רעטונג און באַשיצונג פֿון דעם באַפֿאַלענעם אידישן עלעמענט. איבער־הויפּט זיינען אַזעלכע פּאַסירונגען פֿאָרגעקומען אין דעם לעצטן פּעריאָד, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פֿון: פּעטלורא, דעניקין און אַנדערע „באַפֿרייער" אָדער פֿאַרכאַפּער פֿון אוקראַינע, רוס־לאַנד און פּוילן.

פֿון דעם שיילט זיך קלאָר אַרויס דער פֿאַקט, אַז די מאַיאָריטעט פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע איז, אין איר גרונט און לויט איר מהות, פֿון פֿריד־לעכן געמיטלעכן און אָרנטלעכן כאַראַקטער, וואָס דאָס איז אַן אָפּ־שפּיגלונג, אַ רעפֿלעקסיע פֿון דער נאַטירלעכער, אינערלעכער שטרעבונג און נויגונג צו גערעכטיקייט, גלייכהייט אָדער באַלאַנס און האַרמאָניע. דעריבער, האָט, אָט דער לאַנג־געפּריידיקטער אַנטיסעמיטיזם, ניט גע־האָט די געהעריקע קראַפֿט פֿאַר דער פֿולשטענדיקער און טאָטאַלער באַהערשונג פֿון די געפֿילן, גייסט און געדאַנק, פֿונם גאַנצן פֿאָלק.

ווי שוין איינינע מאָל אָנגעוויזן, באַשטייט שטענדיק די אויטאָריטעט, די פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון דעם אַנטיסעמיטיזם, — בלויז פֿון זייער אַ קליי־נעם טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט; מערסטנטיילס, פֿונם קלאַס פֿון גרויס רייכ־טום, פֿון די הערשנדיקע און פּריווילעגירטע שיכטן, ווי פֿון דעם גייסט־לעכן און פֿון דעם אינטעלעקטועלן כאַראַקטער. — אָדער, בכלל, פֿון דער אַריסטאָקראַטיע. דער הויפּט־צוועק איז, ווי באַקאַנט, אַנצוהאַלטן אָדער צו פֿאַרפֿעסטיקן זייער איינפֿלוס, מאַכט און שטאַנד דורך דעם אַלטן און פֿאָפּולערן מיטל פֿון „צעטיילן און הערשן", צעטומלענדיק מיט דעם אידנהאַס די מוחות פֿון די מאַסן, וואָס ווערן פֿון זיי קאָנטראָלירט, אין דעם מאָמענט פֿון שווערן קריזיס און דורכפֿאַל איבער זייער פֿעלער־האַפֿטיקער און קאָרופּטירטער פֿירערשאַפֿט און הערשאַפֿט, וואָס פֿאַר־אורזאַכן דער גאַנצער באַפֿעלקערונג שווערע איבערלעבונגען פֿון נויט און מאַנגל אין עקזיסטענץ מיטלען.

אין אַלע צייטן איז אָבער אויך געווען און זיינען תמיד פֿאַראַנען צווישן אָט די אויבערשטע און הערשנדיקע קלאַסן, געוויסע גרופּן און אינדיווידואַלן, וואָס זיינען פֿון דער נאַטור און באַוואוסטזיניקערקייט דורכגעדרונגען מיט דעם געפֿיל פֿון אַבסאָלוטער ערלעכקייט, און מיט דעם אידעאַל פֿון מענטשלעכקייט אָדער הומאַניזם. זיי זיינען דער־

פאַר שאַרף קעגנעריש געשטימט צום אַנטיסעמיטיזם, און ווענדן אַן אַלע זייערע כוחות פאַר זיין באַקעמפונג און אָפּשוואַכונג.

עס דערשיינען אויך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן צווישן זיי, און אַמאָל אויך פון צווישן די איינפאַכע פאָלקס־מאַסן, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַלס אַ פּרעכטיקער מוסטער און זעלטענער ביישפיל מיט זייער הויכער זיטלעכקייט און גייסטרייכקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; און זייער איינפלוס און ווירקונג דויערט פאַר פיל דורות. דעריבער איז דער צושטאַנד פון דעם אידנטום פון אַ באַשטימטן פונקט מער אָפּהענגיק פון דעם שיכט, וואָס הערשט דאָרט. אויב ער איז פון פּאָזיטיוון אינהאַלט, — איז דאַן זיין קיום מער פעסט און זיכער, און אַזוי פאַרקערט. אָבער אַזאַ שרעקלעכע טראַגעדיע פון אויסראָטונג פון גאַנצע זעקס מיליאָן אידן, ווי עס האָט איצט פּאַסירט אונטער דער הערשאַפט פון דעם נאַציזם־פאַשיזם און אין דער עפּאָכע פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע, — האָט די מענטשלעכע געשיכטע קיינמאָל ניט בייגעוואוינט.

דער נאַציזם און פאַשיזם האָט פאַרשעמט מיט זיין ווירקונג די גאַנצע מענטשהייט, און מיט זיין דערשיינונג — דעגראַדירט די ווירדע פון דעם מענטשנשאַף בכלל. די דאָזיקע מאַכט האָט פאַראורזאַכט פאַר דעם גאַנצן איראָפּייאישן פעלקערטום די שרעקלעכסטע אומגליקן און דאָס גרעסטע בייז און אויסעראָרדענטלעכן שאָדן און ליידן, פון וועלכע די מענטשהייט האָט, זינט איר עקזיסטענץ, קיינמאָל אַזוי ביטער ניט געליטן.

עס בלייבן און בלאַסן קעגן אָט די פיינלעכע און שווערע איבער־לעבונגען, וואָס דער נאַציזם־פאַשיזם האָט איצט, אין אָט דער איצטיקער נייער און מאָדערנער צייט פון הויכער ציוויליזאַציע, געבראַכט דער מענטשהייט, — די געפערלעכע לעבנס־באַדינגונגען און קיום־אומשטענדן, וואָס זיינען געווען אין דער גאָר פינסטערע עפּאָכע פונם אַבסאָלוטן באַרבאַריזם און פון דעם מיטלאַלטער.

פון אָט דער ביטערער דערפאַרונג דרינגט לאָגישערווייז אַרויס דער פאַקט און דער אויספיר, אַז עס איז אַן אוממעגלעכקייט די פולשטענדיקע צוטרוילעכע באַציאונגען און די אַבסאָלוטע פאַרלעסלעכע, קאָנפידענציעלע פאַרהעלטענישן צו יעדער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אפילו פון דעם העכסטן ליבעראַלן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער און פאָרם, אויב נאָר עס וועט אין איר בלייבן אין קראַפט די רעכט פאַר דער עקזיסטענץ פון באַזונדערע קלאַסן און שטאַנדן, אין עקאָנאָמישן און אין פּאָליטישן זינען.

ווייל דער פּאַגאַניזם, די שטרעבונג נאָך מאַכט און גלאָריע, וועט, אין קיין פאַל פון איר ניט פאַרשווינדן און ניט אָפּשטאַרבן. ער וועט בלויז ליגן פאַרבאָרגן אין דעם געדאַנק פון די עקסטרעם עגאָאיסטיש געשטימ־טע יחידים און קליינע גרופּן, וואָס יעדע קלאַסנדיקע געזעלשאַפט מוז אומבאַדינגט אַרויסברייננגען; און ביי יעדער גינסטיקער און פּאַסיקער געלעגנהייט וועלן זיך די פּאַגאַניסטישע „אידעאַלן" ווידער אַנטפּלעקן און מאַכן אַ נייעם פּאַרזוך צו קומען צו זייער אויסדרוק; און תמיד, ווי זעלבסט פאַרשטענדלעך, מיט דער הילף פון דעם אַנטיסעמיטיזם, אַלס דער שטענדיק נויטיקער וואָפן און געווער פאַר דער רעאַליזירונג פון אַזעלכע באַגערן, באַשטימונגען און צוועקן.

אַט אַזאַ חשד, אַזאַ פּאַרדאַכט, וועט, אָדער דאַרף, אויס פאַרזיכ־טיקייט, שטענדיק לעבן און זיין וואַכזאַם אין דעם באַוואוסטזיין, אין דעם געדאַנק פון יעדן פּרייהייטס־ליבנדיקן כלל און פּרט; באַזונדער מצד דעם אידישן עלעמענט, לערנענדיק פון דעם שוין־געשעענעם פאַל, פון דער פּראַקטיק דעם כאַראַקטער, דעם מהות און, הויפּטזעכלעך, די קאָנקרעטע מעשים און די טאַטן פון דעם נאַציזם און פאַשיזם, איצט, אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער, פּאַרלאַמענטאַרישער און דעמאָקראַ־טישער הערשאַפט און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. אויף דער לעצטער פאַלט די גאַנצע שולד און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַט די אָנגעמערקטע פאַקטן ברייננגען אומבאַדינגט צו דעם פאָלגנ־דיקן שלוס, נעמלעך, אַז עס דאַרף אַבסאָלוט ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסעראָרדנטלעכקייט און אַלס אַן אַבנאָרמאַלע דערשיינונג די שנעלע, מאָמענטאַלע איבערוואַנדלונג פון אַ הויך־ציוויליזירטן און קולטורעלן יחיד אָדער כלל, אין אַן עכטער בעסטיע און אויסוואורף, וואָס באַרעכ־טיקט גוואַלדטאַט, רויב און מאָרד, זייענדיק אָדער ער ווערט אַליין אויך פייאיק צו פּראַקטיצירן אַזעלכע פאַרברעכנס, טראָץ זיין דערציאונג אין גייסט פון הומאַניזם, טאָלעראַנץ און געפיל.

ווייל דער גאַנצער מאָראַל־עטישער הינטערגרונט, אָדער דער אי־דעאַליזם און די טונגנטלעכע באַגריפן, וועלכע ער האָט אין זיך אַריינ־געזאַפּט, ווערן גיך אויסגעוועפּט ,אויסגעדאַמפּט און פאַרשווינדן מיט־אַמאָל אינגאַנצן שפּורלאָז, איבער זיין אינערלעכער טענדענץ און נייגונג צו דעם פּאַגאַניזם, אָדער דורך זיין באַזונדערער אַמביציע און ספּעצי־פישער ליידנשאַפט נאָך מאַכט, גלאַנץ און שטאַנד־העכערקייט, אָדער, רייכטום.

עס זעט אויס, אַז די דאָזיקע נידריקע געפילן און געמיינע באַגערן און אַספּיראַציעס זיינען נאָך גאַנץ טיף פאַרוואָרצלט אינם מענטשלעכן קאָמפּלעקס. און ביי געוויסע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן ווערן זיי פולשטענדיק אַקטיוו און טיכטיק אונטער באַזונדערע אומשטענדן און אין באַשטימטע באַדינגונגען.

אַט דער פאַקט האָט זיך, אויגנשיינלעך, אַנטפּלעקט דורך דעם אויפשוואונג פונם נאַציזם און פאַשיזם. די נאָכפאָלגערשאַפט און די סימפּאַטיקער פון אַט ער ריכטונג, אָדער ריכטונגען, שטעלן מיט זיך פאָר דאָס פּסולת, דאָס ערגסטע פון דער מענטשהייט, אין אַלגעמיין.

אויב די געזעלשאַפט האָט נאָך אויך איצט, אין דער צייט פון גוואַלדיקן פּראָגרעס און דערפאָלג אויף אַלע געביטן פון קולטור און גייסטיקער אַנטוויקלונג בכלל, געקאָנט פון זיך אַרויסברייגען אַזאַ מענטשלעכן מאַטעריאַל, וועלכער איז לויט זיין כאַראַקטער דורכאויס אוממענטשלעך, — דינט דער דאָזיקער פאַל ווי אַ באַראָמעטער, וואָס ציינט געווי אָן דעם גראַד, די שטופע פון דעם מענטשנס עטישער און מאָראַלער טעמפּעראַטור, אָדער „מענטשלעכקייט”, בכלל.

די געזעלשאַפט, ווי עס איז אַ פאַקט, ליידט פון אַן אינערלעכער קרענק, פון אַ שווערער פגימה׳דיקייט, צעריסנקייט און צעטיילטקייט אויך זיך זעלבסט. דעריבער, שטרעבט זי תמיד געזונט צו ווערן, צו אויסבעסערונג, פאַרגאַנצונג און פאַרפולקאָמונג.

דער דאָזיקער צוועק וועט אָבער אַנדערש ניט ערגרייכט ווערן, סיידן עס וועט עטאַבלירט ווערן אינם געזעלאַשפטלעכן און סאָציאַלן לעבן דער פּרינציפּ פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, די דאָקטרין פון פולשטענדיקער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער גלייכהייט פאַר דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פון דער געזעלשאַפט, אָן שום אויסנאַם פון געשלעכט, ראַסע און גלויבן־אַנגעהעריקייט. צוליב דעם וועט די דערציאונג פון דעם מענטשן בכלל מוזן גרינטלעך געענדערט ווערן. ווייל, ווי עס איז אַ פאַקט, ווערט איצט דער יחיד דערצויגן מיט אַן אידעאָלאָגיע פון „זעלבסטשטענדיקייט” ריכטיקער — פון זעלבסט־דערהאַלטונג, אין אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואו עס הערשט דער פּרינציפּ פון פּרייער אונטערנעמונג און רעכט אויף פּריוואַטן אייגנטום.

דורך אַט דער עקזיסטירנדיקער לעבנס־פאָרם און קיום באַדינגונגען, ווערט דער אינדיווויד שטענדיק געצוואונגען צו זאָרגן פאַר זיך זעלבסט, פאַר זיין פּערזענלעכער עקזיסטענץ; און, דעריבער, ווערט

זיין גאַנצע ענערגיע, טעטיקייט או זאויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט נאָר און בלויז אויף איין פונקט, אויף זיך אַליין, אָדר אויף די אנגעלעגנ־הייטן, וואָס זיינען, הויפּטזעכלעך, נוגע דירעקט דער זיכערקייט פון זיין קיום און וואוילזיין.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די באַטרעפנדיקע הערשנדיקע אָרדנונג, באַקאַנט אַלס דער אינדיווידואַליזם, — שטעלט מיט זיך שטענדיק פאָר ווי אַ וואַקלנדיקער און אומזיכערער באָדן פאַר דעם קיום פונם יחיד. דער לעצטער איז קיינמאָל, אין אַט די לעבנס באַדינגונגען, ניט פאַר־זיכערט מיט זיינע עקזיסטענץ מיטלען, ניט אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט אודאי ניט.

איבער דעם איז ער תמיד באַזעסן פון אַן אינערלעכער נאַטירלעכער שרעק און צווייפל, אָדער פון אַ געפיל פון אומזיכערקייט. אַט דער צושטאַנד האָט אין אים אַנטוויקלט דעם געוויינטלעכן נאַטירלעכן עגאָ־איזם אין אַן עקסטרעמען, אין אַן איבערמעסיקן, וואָס דערגרייכט אַמאָל ביז ברוטאַליטעט און באַרבאַריזם. אין באַצוג צו אַנדערע, פרעמדע און אַפילו אויך צו אייגענע און נאָענטע.

נאָר אין אַזאַ אָרדנונג, וואו דער יחיד וועט באַזאָרגט ווערן מצד דעם כלל מיט אַלע זיינע קיום באַדערפענישן, סיי מאַטעריאַלע און סיי גייסטיקע, פאַר זיין ביישטייערונג מיט זיין אַרבעט און פּראָדוקטיוויקייט צום אַלגעמיינעם פאַרמעגן פון דער געזעלשאַפט, — וועט ער שטענדיק פילן די פולע זיכערקייט און די אַבסאָלוטע פעסטקייט פון זיין באַשטאַנד, ניט זייענדיק קיינמאָל אָפּהענגיק פון דעם גוטן אָדער שלעכטן צופאַל. זיין גאַנצער געדאַנק און זיין הויפּט אינטערעס וועלן זיין דעמאָלט דורכאויס אָריענטירט בלויז אויף דעם וואוילזיין און גוטנשטאַנד פון דעם כלל, פון וועלכן ער איז אַן אָרגאַנישער טייל.

ערשט נאָך אַזאַ רעפאָרמירונג און מאָדיפיצירונג פון דעם מענטש־לעכן שטייגער דענקען, בכלל, — וועט די געזעלשאַפט גענצלעך אויס־געקורירט ווערן פון דער געפערלעכער קרענק פון מענטשנהאָס אין אַלגעמיין; און זי וועט זיך פולשטענדיק באַפרייען פון דעם דאָזיקן שעדלעכן פסיכאָז, וועלכער האָט, זינט איר עקזיסטענץ אַזוי ברוטאַל און גרויזאַם צעפרעסן איר קערפּער און פאַר׳סמ׳ט איר גייסט; ערשט דעמאָלט וועט פון דער לעבנס־פּלאַטפאָרם, ווי רויך און שטויב, אויך פאַרשווינדן דער בייזער, דעמאָנישער גייסט, דער פאַרשאָלטענער אַנ־טיסעמיטיזם.